STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02303

YONKIPER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

יום טוב ערצעהלונגען

(סיפורי החג)

יום כפור

שפאנענדע ערצעהלונגען, אינטערעסאנטע פאסירונגען, אגדות פון אונזערע הייליגע חז"ל, פערל ווערטער און בליציגע געדאנקען פון די גאוני ישראל און גדולי הצדיקים איבער יום כפור

רעדאקטירט און בעארבעט
דורך
מנחם מנדל

ירושלים ה'תשמא

כל הזכויות של הספרים
יום טוב ערצעהלונגען
שמורות לעורך ומחבר מנחם מנדל
©

הופיעו עד עתה שבעה חלקים
א. סוכות. ב. חנוכה. ג. פורים. ד. פסח. ה. שבועות.
ו. ראש השנה. ז. יום כפור.

אויסגאַבע דורך:
דער אוצר פון אידישקייט

Printed in E. Israel
נדפס בארץ ישראל

©

סדר צלום
"דפוס הנחל"

פארווארט

דער דאזיגער ספר "יום טוב ערצעהלונגען — יום כפור" איז דער זיבעטער באנד פון דער ספרים סעריע איבער די ימים טובים פון יאהר.

מיר האלטן פאר איבעריג פארצושטעלן פאר די לייענער, דער אינהאלט פון דעם איצטיגן באנד, וועלכער געהט אין די פוסטריט פון די פריהערדיגע זעקס בענדער — א. סוכות. ב. חנוכה. ג. פורים. ד. פסח. ה. שבועות. ו. ראש השנה — וועלכע זיינען אנגענומען געווארן אין יעדע אידישע שטוב, און ווערן געלייענט מיט גרויס אינטערעס און שפאנונג, צוליב זייער רייכן אינהאלט און הייליגער ערציהונגס אטמאספער.

די סעריע ספרים "יום טוב ערצעהלונגען" זיינען א ליכט אין יעדע אידישע שטוב, זיי דרינגען אריין אין די לייענער די הייליגע און לויטערע יום טוב לופט, וועלכע שטראמען ארויס פון די שפאנענדע ערצעהלונגען און די רייכע פערל ווערטער פון די גדולי הצדיקים און גדולי ישראל. דער לייענער אטעהמט אריין אין זיך די ליכטיגע שיין פון אמונה און בטחון אין בורא עולם וואס יעדער יום טוב בעזונדער ענטהאלט אין זיך.

מיר דאנקען דעם אויבערשטן אויף דער פארגאנגענהייט און טהוען תפלה אויפן צוקונפט, ער זאל אונז געבן די מעגליכקייט צו קענען אויספיהרן אונזער ציהל, צו אריינדרינגען לויטערע אמונה און אמת'ער בטחון אין אידישע הערצער, און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן אין גיכן בהתגלות כבוד שמים בעולם.

ירושלים, תמוז תשמ"א

מנחם מנדל

הסכמת מרן הגאב"ד והביד"צ שליט"א ירושלים

ב"ה

בית דין צדק לכל מקהלות האשכנזים

ע"י העדה החרדית פרו"ח.
(ועד העיר לקהלת האשכנזים)

פעיה"ק ירושלם תובב"א
ת.ד. 5006

פעיה"ק ירושלם ת"ו יום כ"ה לחדש מרחשון שנת תש"מ

כבר איתמחי גברא ואתמחי קמיעא ה"ה הרה"ג הנעלה וכו' הרב מנחם מנדל משי זהב שליט"א שזכה וזיכה את הרבים בספריו הרבים המחדירים אמונה טהורה ויראת שמים בלבות בני ישראל, כולם אהובים כולם ברורים.

ועתה הוסיף ידו לערוך סדרה שלימה על מועדי ישראל לחשוף את אורות הקודש הגנוזים וספונים בהם, ובכל ספר שהנ"ל מוציא לאור הריהו מוסיף נדבך ולבנה לטהרת החינוך הקדוש, ומעט מן האור דוחה הרבה מן החושך.

ואף ידינו תכון עמו, וישא ברכה מאת ה' להוציא לפועל מחשבתו הטהורה, וירננו וישמחו כל ישרי לב בטעמם מטוב נופת צופים ספורי הצדיקים ואמרות טהורות המשובצים בטוב טעם ודעת.

תחזקנה ידיו להגביר אמונה ולהפיץ מקורות היהדות לכל הצמאים לדבר ד' ונזכה לביאת משיח צדקנו בב"א.

ובאעה"ח יום כ"ה חשון תש"מ פעיה"ק ירושלם ת"ו
הביד"צ דפעיה"ק

משה ארי' פריינד ראב"ד פעיה"ק ת"ו
ישראל משה בלאאמו"ר הגה"ק מהרי"צ זצוק"ל דושינסקיא
ישראל יעקב פישר
בנימין ראבינאוויטץ
אברהם דוד הורוויץ חותם הבד"צ

ב"ה

ג"א באתי בזה לחזק את ידי הרה"ג המחבר שליט"א אשר רב חילו להשריש אמונת צדיקים בקרב בני הנעורים ולחזקם ליראת שמים, יהי ד' עמו ופועל ידיו תרצה.
לדאי' באעה"ח יום הנ"ל

יצחק יעקב ווייס אב"ד פעה"ק ת"ו

אינהאלט

ערשטער קאפיטל: **די טעג פון רחמים**	יא — יח
עשרת ימי תשובה	יא
ימים נוראים	טו
צווייטער קאפיטל: **הכנות צום יום הדין**	יט — לד
ביליגע כפרות	כא
אברהם שלאגט כפרות	כה
לכבוד ערב יום כפור	כט
דריטער קאפיטל: **כל נדרי**	לה — נב
דער ניגון פון כל נדרי	לז
כל נדרי אין ווארשא	מב
דער בלבול אויף "כל נדרי"	מח
פערטער קאפיטל: **ועניתם את נפשותיכם**	נג — עו
עס וועט נישט שאדן	נה
א יום כפור טיש	נח
פארבלענדט די אויגן	סז

פינפטער קאפיטל: יום הדין עז — קח

דריי יאהרצייט ליכט עט
געבליבן די צווייטע היים פז
אין קאמוניסטישן מינסק צח
דעם זיידנס ברכה קה

זעקסטער קאפיטל: שומע תפלה קט — קנד

יתגדל ויתקדש שמיה רבא! קיא
די תפילה פון אלף בית קיט
דער אפענער סידור קכד
א ים מיט טרערן קל
פארלאזן זיין פליכט קלו
דערכאפט דאס הארץ קלח
מראה כהן קמג
דער ערשטער יום כפור אין אמסטרדם קמה
ארעמע גוים קנ

זיבעטער קאפּיטל: **תשובה העלפט!** קנה — רלד

דער צענטער צום מנין קנז
נאך נישט שפעט — קסו
תשובה און מחילה קעב
מודה אני לפניך... קעט
א רפואה שלימה קפט
די "קנאה" פון בארדיטשובער רב קפט
כי הם חיינו קצד
גובר געווען רא
דער ווידוי ביי די סעודה המפסקת ריב
מוחל, מוחל! רכא
ריין אן זינד רכז
א רינגעלע אין דער קייט רלא

אכטער קאפּיטל: **מליצי יושר** רלה — רמו

דער שווערער קטרוג רלז
מיר זענען מוחל רמג
דאס ווינטשן פון א אידענע רמה

נײַנטער קאַפּיטל: **הילף און רעטונג** רמז — רצו

ווען מען קען נישט אראפשלינגען	רמט
אהיים געשיקט	רנד
מתים צו כל נדרי	רנט
ראש השנה שרייבן זיי...	רסו
דער נס פון יום כפור	רעג
השם יתברך וועט העלפן	רעט
דער הייליגסטער טאג	רפט
דער טאפלטער נס	רצב

צענטער קאַפּיטל: **אין דער מחיצה פון צדיקים** רצז — שכ

בלויז צוויי ווערטער	רצט
דאס קינד וויינט	שא
דער לעצטער יום כפור	שג
דער שרעק פארן "אחרי מות"	שו
די לבנה האט זיך באוויזן	שיד

ערשטער קאפיטל: **די טעג פון רחמים**

עשרת ימי תשובה

ימים נוראים

ערשטער קאפיטל

די טעג פון רחמים

עשרת ימי תשובה

אריבער איז דער ערשטער טייל פון די פארכטיגע טעג, די צוויי האלב־אבגעפאסטע טעג ראש־השנה. אין די אויערן קלינגען אן אויפהער די מעלאדיעס און ניגונים מיט וועלכע מען האט זיך אנגעזאפט אין די פערברענגטע האלבע טעג ביים דאווענען. דאס גאנצע דענקען איז אויסגעפיהלט מיט פרומקייט און ג־ט־בעטן. מען האט דאס געפיהל פון געפינען זיך אויף א שיידוועג, פון מוזן איבערקומען א גרעניץ־קאנטראל. אלע טראכטענישן זענען קאנצענטרירט בלויז ארום דער זארג: צו איז מען אין ארדנונג? צו ווארפט זיך נישט אין די אויגן עפעס פערדעכטיגס? צו וועט מען בעקומען אויפ׳ן נייעם יאהר דעם זכות אויפ׳ן לעבן, געזונד, פרנסה?

מען ווייסט, אז ראש־השנה ווערט נאכנישט ענדגילטיג גע׳חתמ׳עט דער גזר־דין אויפ׳ן נייעם יאהר. ראש־השנה איז נור געווען די ערשטע סטאנציע. עס געהט נאך א יום־כיפור און דאן — הושענא־רבה. מען האט נאך אלע מעגליכקייטן צו ווערן גוט און פרום. ג־ט וויל נישט דעם זינדיגנס שטראף, נור אז ער זאל תשובה טהון און בלייבן לעבן. ער גיט איהם דעריבער אלע געלעגנהייטן צוריקקעהרן פון שלעכטן וועג. שטעהט מען דעריבער אויף בעגינען און מען איילט אין בית־המדרש אריין צו סליחות. עס פיהלט זיך אזא איינגעלעבטקייט אין דער בית־המדרש־אטמאספערע, עס איז אזוי אנגענעהם די אידישע היימישלעכקייט, עס שמעקט אזוי די נאהנטקייט, די סביבה פון די מיט־ברידער, דאס פרומע ברענען פון ליכט, דאס לעבהאפטע סליחות־זאגן, דאס קלאפן מיט דער בלעכענער צדקה־פושקע, אין דער צייט ווען אינדרויסן איז דער בעגינען אזוי אונהיימליך־טריב, הערבסט קאלעמוטנע.

דאס סליחות־זאגן איז מעהר נישט מיט קיין יום־טוב׳דיגער

מעלאדישקייט. מען איז מעהר נישט אזוי זשעדנע נאך מעלאדיע. עס זאגט זיך א פרום־תשובה׳דיגן תחנון־טאן, מיט א בע׳צער׳ט אויסגיסן דאס הארץ וועגן אידישע עינוים אין פיין, וואס אידן האבן שוין אין זייער לאנגן גלות אדורכגעמאכט און מאכן היינט צו טאג ווייטער אדורך. מען קלאפט זיך אויפריכטיג־חרטה׳דיג אין׳הארץ אויף די בעגאנגענע זינד, וועלכע האבן דאס אלץ גורם־געווען. א געפיהל, אז בלויז צעהן געצעהלטע תשובה־טעג זענען דא, כדי זיך מיט ג־ט איבערצובעטן, טרייבט־אונטער נישט צו באלאמוטשען, צו טהון תשובה וואס שנעלער, ווארום אט ווען אדורך די טעג וואס די תשובה־טויערן שטעהען אפן און — די גינסטיגע געלעגנהייט וועט מען האבן פערשפעטיגט.

אויך די גאנצע טעג פון די עשרת ימי תשובה זענען אויסגעפילט מיט ערנסט און זעלבסט־בעטראכטונג. יעדן שריט און טהאט, וועגט מען און מען מעסט. אלץ אונטערליגט א זעלבסט־רעוויזיע, א זעלבסט־קריטיק. מען וויל פון איצט אן מתקן־זיין דאס וואס מ׳האט ביז אהער פוגם־געווען, ווערן ארנטליכער, סאלידער. פון האנדל־וואנדל ווערט אבגעטהון די נישט־סאלידע מעטאדן, דאס בעהעלפן זיך מיט נישט־עהרליכער נאמנות. דאס געזאגטע ווארט ווערט וואגיגער, דער געזאגטער פרייז — פעסטער, די לויב אויף דער סחורה — נישט איבערגעטריבן. נישטא מעהר קיין ארט פאר נישט־עהרליכער קאנקורענץ. סאליד. קויפמאניש. דזשענטלמאניש.

דאס קצבים און בעל־עגלה געסל שארט זיך מיט מעהר רעספעקט צו די בעוואוינער פון בית־המדרש־געסל, אידן בני־תורה, מיט א איבערגעוויכט פון נשמה איבער גוף, וועלכע די קצבים און בעלי־עגלות טהוען גרינגשעצן א גאנץ יאהר. קוקן אויף זיי פון אויבן אראפ, האלטן זיי פאר לא־יוצלח׳ס, שלימזל׳ניקעס, הויקערס און קוועטשערס. דאסמאל פיהלן די עם הארצים און פראסטאקעס, אז זייער גאנצע שטארק־גופיש׳ע קנאקערישקייט האט קיין שום ממשות נישט. פעק מיט עברות ליגן אויף זיי. אבער זכותים, וואס? תורה? פרומקייט? יחוס? זיי זוכן דעריבער יעצט א אנהאלט, א אנשפאר ביי די דאזיגע אידן, ווילן ביי זיי ארויסרופן התקרבות, ברודערישקייט און זענען דערפאר גרייט זיי צו שיצן מיט

פלייצעס און מוסקולן, אז עס זאל זיי דאס מינדעסטע בייז נישט געשעהן.

רב — שוחט — חזן, וואס זענען ביי די עמי־הארצים א גאנץ יאהר, א ציהל פאר מחלוקת, דערגעהען זיי די יאהרן, בעטראכטן זיי אלס אייגנטום, קנין־כספו, וואס זענען מחויב וואויל צו־געפעלן זייער רצון, — זענען איצט אין דער גאר הויכער מערכה, זיי זענען איצט די זיילן אויף וועלכע עס שטיצט זיך דאס גאנצע ביסל באדנלאז־געבליבענע אידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער און פרנסות און עקזיסטענצן. זיי דארפן עס איצט מגין־זיין מיט זייערע תפילות און גוט־אידישקייט דאס אלץ ווייטער צו בעקומען, אויסבעטן פאר זיי לעבן, געזונד, פרנסה, ווארום אן ג־ט׳ס שענקען אט דאס אלץ, זענען זיי קאפוט מיט זייער גאנצער גבורה און וואויל־יונגערישקייט.

מיט יעדן דערנעהנטערנדיגן טאג צו ערב יום־כיפור ווערט די שטימונג ערנסטער, בערעכנטער, שרעקעוודיגער. די זינדיגע גלוסטענישן פון גוף און די בעגאנגענע מעשים איז דער פערגאנגנהייט, הויערן ווי א שווערע לאסט אויפ׳ן געוויסן, און פילן אן מיט מורא, אז זיי זאלן נישט ווערן די סיבה פאר א שלעכטן גזר, פאר א שלעכטע חתימה. מען זוכט ווי ווייט מעגליך פון דער דאזיגער משא זיך צו באפרייען, צו טהון אויפריכטיגע תשובה און די דאזיגע זדונות צו פערוואנדלען אין זכיות. מען ווייסט, אז ג־ט אליין גיט די געלעגנהייט און די מעגליכקייט דערצו, ממש ער מאכט אלע פערלייכטערונגען צו ווערן בערעכטי׳גט צו געניסן פון אלדאס גוטס. בלויז אביסל אייגענעם גוטן ווילן דארף מען נור דערצו צוגעבן.

בעמיהט מען זיך, טהוט מען זיך אן א כוח, גובר צו זיין דאס איינגעווארצלטע שלעכטס. עס איז טאקע שווער, ווען עס איז אינדערוואכן, ששת ימי המעשה, אין קאמף פאר פרנסה, ביי וועלכן מ׳טאר זיך נישט רעכענען מיט קיין שום געוויסנס און סענטימענטן. דער קלענסטער צוריקהאלט — און שוין איז דאס פערדינסט אוועקגעריסן פון אונטער דער האנד. אבער מען ווענדעט דאך אן אלע מעגליכקייטן אז דאס פערדינסט זאל זיין בהיתר, אן א חשש פון גזל, פון אונאה, פון אבק־רבית. מען האפט אז אויך דער קאנקורענט וועט דאך האבן ג־ט אין הארצן און

וועט זיך דאסמאל נישט בענוצן מיט קיין נישט־עהרליכע מאכינאציעס.

אזוי געהען אדורך די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, אין זעלבסט־לייטערונג, אין זעלבסט־אויסאיידלונג, אין קארעקטירן די מדות, אין רייניגן דאס געוויסן און באפרייען די נשמה פון די פעק זינד וואס דער גוף האט אויף איהר במשך דעם יאהר ארויפגעלעגט. אזוי ארום, האפט מען, וועט מען דאך אויסבעטן א גוטע חתימה אויפ׳ן נייעם יאהר, לעבן, געזונט, פרנסה. ווארום ג־ט וויל עס דאך געבן בתשואות־חן, ער וויל נור, אז מ׳זאל עס זיך פערדינען. אז מ׳זאל עס ווערט זיין.

מקצת היום ככולו

ערב יום־כפור פארנאכט, פאר כל־נדרי, האט איינמאל רבי יחיאל־מאיר, דער רבי פון גאסטינין, אנגעכאפט דעם משמש זיינעם פאר דער האנד און זיך געבעטן ביי איהם:

— פייוול־קרוין, לאמיר תשובה טהון! כאטש ס׳איז אזוי שפעט, איז נאך אלץ דא צייט תשובה צו טהון, דען ס׳ווערט גע׳פסק׳נט, אז ״מקצת היום ככולו״ און ״יום אחד בשנה חשובה כשנה״, און אויב מיר זאלן אין דער איצטיגער מינוט תשובה טהון, וועט עס זיין גלייך, ווי מיר וואלטן תשובה געטהון א גאנץ יאהר!...

דריי זאכן

יעדעס יאהר, ערב יום כפור, פאר ״כל נדרי״, פלעגט דער בעלזער צדיק, רבי שלום, זיך אוועקשטעלן אין בית־מדרש אויף דער בימה און אויסשרייען בקול רם:

— ״שלשה דברים צריך אדם לאמר ערב־שבת עם חשיכה — עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר!״... ״ערב־שבת עם חשיכה״ — דאס מיינט מען ערב יום־כפור פארנאכט, דאמאלס איז שוין דער לעצטער זמן, די לעצטע מינוט, און יעדער איד דארף דעריבער דערציטערט ווערן און זיך דעריבער דערמאנען אט די דריי זאכן: ״עשרתם!״ עס זענען שוין אוועק די עשרת ימי־תשובה; ״ערבתם!״ — עס איז שוין אריבער דער ערב יום־כפור: ״הדליקו את הנר!״ — עס ברענען שוין די יום־כיפור־ליכט... אויף ווען־זשע ווארטן מיר מיט אונזער תשובה־טהון? אויף וואס־זשע ווארטן מיר?... ווער, וועה! אם לא עכשיו — אימתי?...

ימים נוראים

א זעהר שווער שטיקל ארבייט האט דאס שטעטלשע עם־הארצנטום געהאט איבערצוקומען אין די פארכטיגע טעג.

פון איין זייט האט זיי טאקע אנגעקומען די מאראלישע ימים־נוראים־טענער, וואס צושמעלצן אזוי דאס הארץ און דערמאנען אין א יענע וועלט, מיט א בית דין של מעלה, מיט גוטע און שלעכטע קוויטלען: נחת, אדער חלילה צרות. דער מגושם׳דיגער עם־הארץ, וועמעס פעל איז אזוי פארהארטעוועט ווי פאדעשווע לעדער, פון שווערן לעבן וואס ער פארברענגט, האט זיך געגויטיגט אין אביסל אינערליכע נשמה׳דיגער מתיקות. דאך אבער, דאס זאגעכץ, דאס שווערע זאגעכץ פון אזויפיל סליחות און יוצרות, ביי וועלכע מ׳קען זיך שיער נישט די ציין אויסברעכן, האט איהם נעבאך א סאך קאליע געמאכט פון זיין העכערע זיסע הנאה, וואס ער האט געהאט פון די אומעטיגע ימים־נוראים ניגונים.

די שטיקלאך וואס מ׳זאגט אויך א גאנץ יאהר נור אין ימים־נוראים בעקומען זיי א ספעציעל פייערליכן לבוש, דורך דעם ימים־נוראים־טאן מיט וועלכן זיי ווערן אנגעקליידט, אדער יענע שטיקלאך יוצר, וועלכע שטעהען אין מחזור מיט גרויסע אותיות, אזוי אז זיי זענען שגור בפיו, ער קען זיי פון אויסנווייניג — מיט די דאזיגע שטיקלאך האט ער זיך פאר־סמאקעוועט אן אויפהער, שוין פון אנהויב חודש אלול אן, ביז העט־ווייט אריבער די ימים טובים. וואו ער געהט און וואו ער שטעהט, האט ער אונטערגעברומט א ימים־נוראים ניגונד׳ל און דערביי געפיהלט דעם זיסן נשמה־תענוג פון זיין א איד.

די שטארקסטע גלוסטעניש פון כמעט יעדן עם־הארץ איז געוועזן צו קענען ימים־נוראים דאוונען פארן עמוד און האבן די מעגליכקייט זיך אויסצווזינגען ווי עס געהער צו זיין... די תאוה צו דאוונען פארן עמוד

אפילו א פראסט שבת׳דיגן דאווענען, איז אויך נישט געווען פון די קליינינקייטן, היינט־זשע ווי נאך אין ימים נוראים, וואו אויף טריט און שריט קען מען ארויסווייזן חזנות־טאלענט און אידישקייט געפיהל?

יעדער עם הארץ האט געשפירט אין זיך א גרויסע מאס השתפכות הנפש, וואס האט אפטמאל פארפלייצט זיין הארץ, אז ס׳איז איבערגעלאפן איבער די ברעגעס. אין אזעלכע מאמענטן האט ער געהאט א באדערפעניש אויסצוגיסן זיין הארץ, דורך זינגען מיט ציטער און געפיהל די אלע הארציגע, סקארבאווע ימים־נוראים־ניגונים, וואס זענען געווען איינגעבאקן אין זיין בלוט און וועלכע ער האט אריינגעזויגן אין זיך צוזאמען מיט דער מאמעס מילך. אין אזעלכע מאמענטן האט ער זיך געפיהלט גייסטיג דערהויבן און לגמרי נישט געדענקט, אז ער איז א קנאפער ידען אין די דראבנע אות׳יעלעך. ער האט זיך דאמאלס געהאלטן פאר דעם זעלבן אתה־בחרתנו איד, ווי אלע אנדערע שעהנע אידן, אזוי, אז ער פארדינט אויך צו פארנעמען דעם אויבנאן אויף דער מזרח וואנד מיט לייטן גלייך...

שמעון בעל עגלה האט זיין דאזיגע גלוסטעניש באפרידיגט אויף א אייגנארטיגן אופן: בעגינען ארויס־פאהרנדיג מיט זיין פערד און וואגן פון שטעטל אין דער שטאט אריין, אדער נאך בעסער פארנאכט, צוריק־פאהרנדיג אהיים מיט א שווערע פוהר לאדונג, צוליב וואס די פערד זענען געגאנגען לאנגזאם, טריט ביי טריט, איז אזוי ווי נאר ער איז ארויס געקומען אויפן וועג, צווישן די מיילן־לאנגע שטרעקעס, אזוי האט ער באלד פארשטעקט די בייטש, פארוויקלט ארום א פלעקל די לייצעס, זיך געמאכט באקוועם און ס׳האט זיך איהם פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע די שוהל און דעם עמוד...

ער איז דאן געווען כל־ולך: בעל־שחרית און בעל מוסף, בעל תוקע און בעל מקריא, אפילו אויפרופער צום ספר מיט׳ן ימים־נוראים׳דיגן קריאת התורה־ניגון פון ״אברהם, אברהם״: ״יעמוד — מי שברך... ויכתב ויחתם בספר חיים טובים... ונאמר אמן״... אלץ־אלץ האט ער פאר זיך אליין צוגענומען.

ער האט אנגעהויבן פון לאנג לאנג גארגלען און ציקלען: "ה־ה־המלך"!! שטיל און פוסט איז געווען ארום. די תבואה פון די פעלדער איז שוין געווען אראבגענומען, די קארטאפל שוין אויסגעקאפעט. קיין לעבעדיג נפש איז נישט געווען צו זעהן, קיין שום זאך האט איהם נישט מבלבל געווען די רעיונות און נישט פארמישט דעם סדר פון מחזור. ער האט דעריבער אלץ אויסגעזונגען און אויסגעזאגט געלאסן מיט הארץ, מיט געפיהל, אפילו אויך מיט א טרער... ער האט געטון א שפרייט אויס צום הימל די הענד, די הארטע הענט פול מיט ווארצלען און א געשריי־אויס מיט געבעט: "ממעמקים קראתיך ד׳!" — אז ער האט אין זיין פאנטאזיע "געהערט" דעם יאמער וואס ער האט דערמיט ארויסגערופן אין שוהל... וואס ווייטער האט ער זיך אלץ מער צעווארעמט און לגמרי נישט געזעהן, וואו ערגעץ ער איז אין דער וועלט.

שמעון האט בלויז געברומט שטילערהייט פאר זיך. ביסלאכווייז אבער, פלעגט ער זיך אויסטון פון וועלט און מענטשן און עס האט איהם נישט געארט, ווער עס זיצט אויפ׳ן וואגן: א גוי, א איד, א פרעמדער, א היימישער, אפשר אזעלכער וואס קען פון איהם אבלאכן! ער האט זיך פריי צוזונגען, מיט הארץ און געפיהל פארן שופט פון דער וועלט, ער איז מיט זיין זינגען געווען פארפלויגן אין רוחניות׳דיגע וועלטן.

ער איז געווען זיכער ביי זיך, שמעון בעל עגלה, אז ער וואלט געקענט דאווענען א ימים נוראים׳דיגן שחרית פאר׳ן ריכטיגן עמוד, אום סאמע ראש השנה יום כפור, טאקע אין שוהל גופא. ער האט זיך געריסן דערצו מיט אלע כוחות און גרייט געווען אוועקצוגעבן דערפאר כל אשר לו. היות אבער ס׳האט וועגן פארווירקליכן דעם דאזיגן טרוים זיינעם קיין רייד נישט געקענט זיין, האט ער בעת דער חזן־שוחט האט געדאווענט פאר׳ן עמוד, איהם איבערגעשריגן און געזונגען העכער פון איהם, פארלאפן איהם פאראויס דעם וועג און ווען יענער האט זיך ערשט אויסגעהוסט, האט ער, שמעון, שוין אנגעהויבן אדער אויסגעלאזט און מיטגעשלעפט די עדה מתפללים מיט זיך. דאס האט גורם געווען צו מיספארשטענדענישן און פארטומלענישן, צו פאטשעריי אין די שטענדערס פון נישט צו וויסן וואו מ׳האלט. א קורצע ווייל פלעגט דאן שמעון שטילער ווערן, אבער

שנעל פלעגט ער זיך פארגעסן און באלד צוריק ארײַן אין זײַן חזנישער ראלע...

שמעון איז נישט געווען דער אײנציגער אין שטעטל מיט זײַן גלוסטעניש צום עמוד. ער האט געהאט א סאך קאנקורענטן. וואס גרעסער דער עם הארץ, וואס גרײַזיגער און צע׳הרגעטער זײַן עברי — אלץ עקשנות׳דיגער האט זיך אזעלכער געריסן צום ברעטל, און איז גרייט געווען דערפאר צו קעמפן.

פאסטן איז ווי א מקוה

חסידים און אנשי מעשה פיהרן זיך צו פאסטן אין די ימי התשובה פערציג טעג, עס ווערן דערויף געגעבן פערשידענע טעמים, צווישן וועלכן עס איז דא א טעם, דאס פונקט ווי א מקוה וועלכע איז מטהר דעם מענטשן ענטהאלט פערציג סאה אין וויפל עס איז דא ניין הונדערט מיט זעכציג לוגין, דאס זעלבע אויך ווען דער מענטש וויל זיך מטהר זיין פון זיינע זינד, פאסט ער פערציג טעג וועלכע ענטהאלטן פיהר און צוואנציג שעה יעדער טאג, און צוזאמען איז דא ניין הונדערט און זעכציג שעה, פונקט וויפל דער שיעור פון א מקוה.

(בני יששכר)

פריער און שפעטער

״ג׳ ספרים נפתחין בר״ה: אחד של רשעים ואחד של צדיקים גמורין ואחד של בינונים. צדיקים גמורין — נכתבים ונחתמין לאלתר לחיים, רשעים גמורין לאלתר למיתה, ובינונים תלויים ועומדים״. (ר״ה ט״ז ע״ב)

פארוואס אײגנטליך הויבט דער מאמר אן בײַ רשעים, און דערנאך בײַם פסק־דין שטעהט שוין ״צדיקים״ פריהער?

נאר די רשעים ווערן דעריבער ארײַנגעלאזט פריהער לדין, ווײַל וואס פריהער מען וועט זיי משפט׳ן אלץ ווייניגער עבירות וועלן זיי האבן, דאגעגן צדיקים וואס שפעטער אלץ מעהר מצות וועלן זיי טהון, דאגעגן צום פסק־דין, אורטיילט מען טאקע די צדיקים פריהער...

(דבר חן)

צווייטער קאַפּיטל: **הכנות צום יום הדין**

ביליגע כפרות
אברהם שלאָגט כפרות
לכבוד ערב יום כפור

צווייטער קאפיטל

הכנות צום יום הדין

ביליגע כפרות

ווי נאר די אידן אין ברעזאוויץ זענען אהיימגעגאנגען פון סליחות שלש עשרה מדות אינדערפרי, איז שוין געשטאנען אויפ׳ן מארק פלאץ א וואגן מיט הינער און הענער, וואס באזילעוויטש האט געברענגט צו פארקויפן פאר יום כיפור.

באזילעוויטש האט שוין א ״חזקה״ אויף פארקויפן כפרות פאר די אידן אין ברעזאוויץ. א גאנץ יאר זענען אויך די אידן פון זיינע בעסטע קונים. זיי קויפן ביי אים עופות אויף שבת און יום טוב. ווער שמועסט פאר יום כיפור. דעמאלט איז זיין הויפט ״סעזאן״.

באזילעוויטש ווייסט שוין אז אויף יום הקדוש דארפן די אידן ווייסע הענער און ווייסע הינדלעך. אפילו ווען עס קאסט מער, דינגען זיך נישט די אידן צופיל. ״קאפארע״ איז א הייליגע זאך ביי די אידן — זאגט ער צו זיך.

האט ער שוין א ״חזקה״ אז א טאג פאר ערב יום הקדוש ברענגט ער צו פירן א גאנצן וואגן עופות, טאקע שניי־ווייסע, הענער, מיט רויטע קאמען, אזוי ווי עס דארף צו זיין. אזוי פירט ער זיך יאר נאך יאר.

אויך יענעם ״שלש עשרה מדות״ איז באזילעוויטש שוין געשטאנען פארטאגס אויף דעם מארק־פלאץ, און אויסגערופן מיט זיין יונישער שטימע: ״קאפארעס! קאפארעס!״...

די ווייבער וואס האבן געאיילט אהיים פון בית המדרש נאך די סליחות, זענען צוגעגאנגען צום וואגן, גענומען באטאפן די ״סחורה״. טאקע שיינע עופות. אבער ווען עס איז געקומען צום פרייז, זענען זיי דערשטוינט געווארן. דער גוי האט געבעטן געפעפערטע פרייזן. פאר א

הינדל וואס ער פלעגט "אין נארמאלע צייטן" נעמען 4־3 קראנען, האט ער זיך איצט אנגעמאסטן 10 און 12 קראנען... א הימל געשריי! אזעלכע פרייזן. מען זאל באהיט ווערן!

מ׳פרובירט האנדלען. אבער דער גוי האלט זיך ביי זיינעם. "אפילו א פרוטה נישט וויניגער". געהערט א מעשה?! עפעס איז ער נישט דער אלטער באזילעוויטש. וואס איז ער עפעס אזוי גרויס ביי זיך? אלעמאל פלעגט מען מיט אים קענען דורכקומען, וואס איז דא מיט אים געשען?

זענען די פרויען אהיימגעגאנגען און דערציילט די מענער, אז דער גוי מעסט זיך אן געפערליכע פרייזן פאר כפרות.

— מ׳וועט נישט דערלאזן אזא זאך. — זאגט אלטער דער בלעכער.
— מ׳וועט נישט נאכגעבן דעם ערל׳ס משוגעת. זאל ער זיך האלטן מיט זיינע עופות!...

אינצווישן איז מען געוואויר געווארן וואס עס גייט דא פאר. דעם גלח׳ס שייגעץ, אנדרעי, א שלעכטער יונג, א רשע און א העצער, האט אויפגעהעצט באזילעוויטש׳ן.

— "זאלסט נישט זיין קיין נאר, פעטער. די אידן מוזן האבן ווייסע הינער אויפ׳ן הייליגן טאג. זיי וועלן זיך לאזן קאסטן וויפיל דו וועסט בעטן, טא נוץ אויס די געלעגנהייט. דו קענסט איצט רייך ווערן. דו דארפסט נאר נוצן אביסל שכל און פעסטקייט, נישט נאכגעבן ווי לאנג די אידן וועלן נישט באצאלן דעם פרייז וואס דו וועסט וועלן!

דער גוי האט אויסגעהערט דעם יונגן שייגעץ. עפעס האט ער נישט קיין חשק געהאט פלוצים זיך איינצורייסן מיט זיינע אידישע קונים. זיין פויערישער קאפ האט דאס נישט פארשטאנען, אז פונקט איצט זאל ער פארלאנגען פאר די עופות א פיר־פינף פאכיגן פרייז ווי א אנדער מאל. מ׳וועט אים דאך אנקוקן ווי משוגע. אבער אז דעם גלח׳ס זון אליין זאגט אז די אידן וועלן נישט קוקן אויף קיין שום זאך, קיין שום פרייז וועט נישט זיין צו הויך, ווייל אידן "מוזן" האבן ווייסע "קאפארעס", האט עס אים אנגעהויבן אריינצוגיין אין קאפ.

ער האט שוין געזען אין זיין פארשטעלונג ווי ער ברענגט אהיים א גאנצן הויפן מיט געלט. ער וועט קויפן א נייעם זאטל פאר'ן פערד, און די אלטע טאבאק־פיפקע וועט ער אויך אוועקשיקן אין פענסיע, און קויפן זיך א נייע...

באזילעוויטש האט זיך געלאזט צורעדן. ער האט טאקע פארלאנגט פאר די עופות הויכע פרייזן פון וואס די אידישע קונים זענען צוטומלט געווארן.

אין ווייניגער ווי א שעה האט מען שוין אין גאנץ ברעזאוויץ געוואוסט פון דעם פויער'ס פרייזן. דער גוי איז זיך געזעסן אויפ'ן וואגן, שטאלצירט מיט זיין סחורה, און געווען איינגעשפארט. נאר אזוי פיל און נישט ווינציגער...

מ'איז געקומען. באטאפט. געפרעגט א פרייז. געפרובט זיך דינגען. דער גוי האלט זיך ביי זיינס.

— איז ער פאררוקט געווארן, אדער וואס? — האט איינער געפרעגט דעם צווייטן.

— ווען עס ווענדט זיך אין מיר, וואלט איך געזאגט אז דאס יאר זאל מען נישט שלאגן כפרות מיט קיין עופות. מ'וועט פארטיילן דאס געלט פאר צדקה, אדער עפעס אנדערש — האט געזאגט ר' קלמן.

— ווארט קינדערלאך. איהר וועט זען, אז באלד וועט ער געבן ביליגער — האט געזאגט מעכל דעם מלמד'ס.

ער איז צוגעגאנגען צום וואגן, אויסגעזוכט א שיינעם ווייסן האן, געפרעגט א פרייז, און תוך כדי דיבור האט ער א דריי געגעבן מיט'ן האן איבער'ן קאפ דריי מאל, און תיכף ומיד צוריק אריינגעווארפן דעם האן צווישן די אנדערע עופות אין דער שטייג פון וואגן...

די אידישע קונים האבן זיך גלייך צוריקגעצויגן אין א זייט. זיי האבן זיך מער נישט צוגערירט צו די עופות.

דער גוי איז געווארן צע׳חוש׳ט. ער האט נישט פארשטאנען וואס דא איז פארגעקומען. ביז איינער פון די יונגווארג האט אים ״אויפגעקלערט״, אז איצט זענען שוין די עופות נישט גוט צום כפרה שלאגן. צווישן די אנדערע הענער איז אויסגעמישט איין האן מיט וועלכן מ׳האט שוין כפרה געשלאגן. טא וואס פאר א ווערד האבן שוין איצט די עופות?!...

דער גוי איז געבליבן צוטומלט. ער האט זיך געקראצט אין קאפ און עטליכע מאל זיך איבערגעצלמט. וואס וועט איצט זיין.

ער האט געזען ווי דער עולם נעמט זיך אוועקציען אין א זייט. קיינער קוקט זיך מער נישט אום אויף זיין סחורה. האט ער פארשטאנען אז דער ״ענין איז ערנסט״. מ׳דארף ראטעווען וואס עס לאזט זיך. האט ער גענומען רופן די קונים, ער וועט פארקויפן פאר שפאט ביליג. א סך ביליגער ווי אלעמאל, נאר מ׳זאל נעמען ביי אים די עופות. וואוהין קען ער דען איצט פירן די עופות?!

ערשט דעמאלט האט מען ביי אים אפגעקויפט די הינער. נאך קיינמאל האבן די אידן אין ברעזאוויץ נישט געהאט אזעלכע ביליגע עופות פאר כפרות ווי אין יענעם יאר.

דער גוי איז אהיימגעפארן און אויפ׳ן וועג אהיים האט ער צו זיך גערעדט. ״גוט פאר מיר. די שטראף איז מיר געקומען, ווייל איך האב זיך צוגעהערט צום גלח׳ס זון. איך האב מיך געלאזט אויפהעצן קעגן די שטענדיגע און אנשטענדיגע אידישע קונים!...

כפרות

דעם ענין פון שלאגן כפרות אין די הייליגע טעג ווערט אראפגעבראכט אין רש״י שבת (פא ב) אויף א אנדער אופן, מען האט זיך געפיהרט — שרייבט רש״י אין נאהמען פון די גאונים — אז עטליכע טעג פאר ראש השנה האט מען בעשטימט א ליימענעם טאפ פאר יעדערן פון די בני בית, און מען האט אין דעם איינגעזייט קטניות אדער פולין. ווען עס איז געווארן ערב ראש השנה און די גרינס האט שוין אנגעהויבן אביסל צו וואקסן, האט יעדער איינער גענומען די כלי און עס ארום געדרעהט איבערן קאפ און געזאגט דעם פאלגענדן נוסח: ״זה תחת זה, זה חליפתי, זה תמורתי״ און עס נאכהער אריינגעווארפן אין טייך.

אברהם שלאגט כפרות

דעם יאהר האט ר׳ שמריהו זיך נישט געזעגנט מיטן רבין גלייך נאך ראש השנה, ווי זיין שטייגער איז געווען אלע יאהר, נאר ער איז דארט געבליבן אויך נאך יום טוב. ר׳ שמריהו איז געווען א גרויסער סוחר וואס זיינע געשעפטן האבן איהם נישט ערלויבט צו פארברייינגען פיהל ביים רבין, און ס׳איז טאקע געווען א גרויסער וואונדער ביי אלע חסידים, וואס דעם יאהר בלייבט ער איבער דא.

ר׳ שמריהו איז געווען פון די אנגעזעהענסטע חסידים פון רבין. אלס נאהנטער מיט דעם רבינ׳ס משפחה, איז ער געווען א יוצא ונכנס אין רבינס הויז און האט שוין בייגעוועהן אלע ימים טובים ביים רבין. ווען ר׳ שמריהו פלעגט קומען אויף פסח צום רבין, איז ער געווען פון די איינציגע וואס זיינען געווען איינגעלאדן ביים רבינס טיש צום סדר. ר׳ שמריהו האט געוואוסט גענוי ווי אזוי ס׳קוקט אויס דעם רבינ׳ס קיום המצוות, זיין עסן מצה, זיין בענטשן לולב, זיין צינדן חנוכה ליכט, נאר איין זאך האט איהם נאך אויסגעפעלט, ער האט נאך נישט געזעהן ווי אזוי דער רבי שלאגט כפרות ערב יום כפור. ער האט געוואוסט אז ביי די גוטע אידן איז דאס כפרות שלאגן איינע פון די הייליקע עבודות, און ער האט דאס געוואלט דאס יאהר בייזעהן. ווען דער רבי האט איהם געפרעגט פארוואס ער פארבלייבט דעם יאהר מעהר ווי אלע מאל, האט ר׳ שמריהו גערענטפערט קלאר, אז ער וויל זעהן ביים רבין ווי אזוי מען שלאגט כפרות.

דער רבי האט זיך פארטראכט און דערנאך האט ער איהם געזאגט:

— אויב דו ווילסט וויסן ווי אזוי מען שלאגט כפרות, פאהר צו אין דעם דארף פ. נעבן בארדיטשוב, זאלסט אריינפארן צו אברהמלע דער קרעטשמער, וועסטו זעהן ווי אזוי ער שלאגט כפרות.

ווען ר׳ שמריהו איז אנגעקומען אין דעם דארף, איז געווען א טאג פאר ערב יום כפור. ס׳איז געווען נאך מיטאג, און ווען ער איז אריין געקומען אין דער קרעטשמע, האט ער קיין אויסערגעוועהנליכע זאכן נישט געזעהן. די קרעטשמע איז געווען ווי אלע קרעטשמעס, און אויך דער קרעטשמער איז ווי אלע קרעטשמערס. די הויז איז פוהל מיט פויערן וועלכע זיינען געזעסן ביי טישלאך און געשיכורט. איין פויער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן אויפן באנק שיכורהייט און געפראוועט משוגענע שטיק. אויף איין טיש זיינען געשטאנען צוויי אנגעטרונקענע פויערן און געקלאפט מיט גלעזלאך, דאס גאנצע הויז איז געווען פול מיט געלעכטערס און פאטשעריי, און אברהמלע מיט זיין פרוי זיינען ארומגעגאנגען און באדינט די פויערן, דעם אנגעגאסן נאך א כוסה, דעם דערלאנגט א שטיקל הערינג אדער זויערס א.אז.וו.

ר׳ שמריהו האט זיך געשפירט זייער נישט גוט, אין וואס פאר א ארט ער איז דא אריינגעפאלן אין אזוינע הייליגע טעג ווי עשרת ימי תשובה. אנשטאט זיך געפינען אין שוהל צווישן חסידים ואנשי מעשה און פארברייינגען מיט לערנען אדער תהלים זאגן, געפינט ער זיך יעצט דא צווישן שיכורע פויערן וועלכע הולטייען אן א אויפהער און ער מוז דאס צוקוקן. ר׳ שמריהו׳ן איז געווען ביטער אויפ׳ן הארצן אויף וואס פאר א אופן ער פארברייינגט די נאכט פון ערב יום כפור.

ענדליך זיינען שוין אוועק די לעצטע פויערן, און ר׳ שמריהו זאגט צו אברהמלע׳ן, אזוי ווי ער איז דא א דורכגייער, אפשר קען ער ביי איהם איבערנעכטיקן די נאכט. אברהמלע האט זיך נישט געדונגען, און טאקע גלייך איהם געגעבן א מאלצייט, און איהם אויסגעבעט א בעט אין דעם צווייטן צימער, דארט וואו ס׳איז זיין וואוינונג. אבער ר׳ שמריהו האט נישט געקענט איינשלאפן, ער ווייסט אז ער דארף דא זעהן ווי אזוי אברהמלע שלאגט כפרות, און ער זעהט נישט קיין שום סימן אז אברהמלע זאל טראכטן וועגן דעם.

ענדע האט דער זייגער געקלונגען צוועלף. ס׳איז אנגעקומען האלבע נאכט, איז אברהמלע דער קרעטשמער צוגעגאנגען צו דעם געלעגער פון

ר׳ שמריהו, און צוגעהערט צו דער אורח שלאפט שוין. ר׳ שמריהו האט אכטונג געגעבן ער זאל זיך נישט געבן קיין טרייסל, און אברהמלע רופט זיך אן צו זיין פרוי: שרה, מען דארף שוין שלאגן כפרות!

ר׳ שמריהו איז שיעור נישט די נשמה ארויסגעפלויגן. ער זעהט נישט אין הויז קיין האן אדער קיין הון וואס מען זאל שלאגן כפרות מיט זיי. ווער ווייסט וואס פאר א פארבארגענער צדיק דער אברהמלע איז, ר׳ שמריהו האט גענומען צווייפלען, אפשר איז טאקע בעסער ער זאל פארמאכן די אויגן און נישט צוקוקן אויף די אויסערגעוועהנליכע זאכן וואס גייט יעצט פארקומען. א קאלטער שווייס האט איהם באגאסן, דאך האט זיך ר׳ שמריהו געשטארקט, וויבאלד ער איז שוין דא אריינגעפאלן, מוז ער שוין מיטהאלטן ביזן סוף.

אברהמלע האט גענומען צוויי שטולן און זיי אוועקגעשטעלט אין מיטן הויז, פאר איהם און פאר זיין פרוי, און ער רופט זיך אן צו זיין פרוי זי זאל אראפנעמען דעם בוך וואס איז אין די רעכטע זייט אויף די שאפע. דאס איז געווען דער טאג־בוך וואס אברהמלע דער קרעטשמער פלעגט טאג טעגליך איינשרייבן זיינע מעשים, אויב ער איז חלילה נכשל געווארן אין א עבירה, א גרויסע אדער א קליינע, בשוגג אדער במזיד.

אברהמלע האט גענומען דעם בוך און אנגעהויבן פארליינען, פון בוך: יום י״א תשרי, א טאג נאך יום כפור, איז ער פארשלאפן און פארשפעטיגט תפלה בצבור, און אברהמלע הויבט אן זיך מתודה זיין און קלאפט אין הארץ: חטאתי, עויתי, פשעתי, אז גלייך נאך יום הקדוש איז ער גלייך נכשל געווארן אין א עבירה. אברהמלע מישט איבער דעם צווייטן בלעטל, ווייטער פארשריבן אויסדריקלאך אלעס וואס ער איז נכשל געווארן, אין א איבעריגן ווארט, אין א מחשבה זרה, אין א שלעכטע מדה. אזוי האט ער געמישט איין בלעטל נאך דעם אנדערן, טאג טעגליך אויסגערעכנט אלעס וואס ער איז דורך געפאלן דאס גאנצע יאהר. און ביי יעדע עבירה, פלייצן ימ׳ען טרערן פון זיינע אויגן, אויך די פרוי וויינט מיט, ווי אזוי א בשר ודם האט די העזה צו דערצערנען דעם גרויסן באשעפער, דעם בורא עולם. אויך דער שטאלצער חסיד ר׳ שמריהו ווערט

צובראכן, און דערשטיקט אין זיך די טרערן, אברהמלע זאל נישט באמערקן אז דער אורח קוקט צו וואס ער טהוט.

א היפשע צייט האט געדויערט ביז אברהמלע האט געענדיגט פארליינען דעם בוך, חרטה האבנדיג דערביי אויף דאס וואס ער האט אפגעטאהן דורך'ן יאהר. דאן רופט זיך אן ווידער אברהמלע צו זיין פרוי, זי זאל יעצט אראפנעמען דעם צווייטן בוך וואס איז אין די לינקע זייט אויף די שאפע. דאס איז געווען ווייטער א טאג־בוך וואס אברהמלע דער קרעטשמער פלעגט טאג טעגליך איינשרייבן אלע צרות און יסורים וואס ער האט געהאט געליטן דורכן יאהר. ער מישט אויף דעם בוך און הויבט אן פארליינען: יום י״א תשרי, האבן זיך צוויי שיכורע פויערן צווילדעוועט אין קרעטשמע און איהם אנגעפאלן דאס ער איז קוים געבליבן מיטן לעבן. אברהמלע ענדיגט ליינען און שרייט אויס: זה חליפתי! זה תמורתי! זה כפרתי!

אזוי לייענט פאר אברהמלע די צרות וואס ער האט געהאט דורך'ן יאהר, וועלכע זיינען פארשריבן טאג טעגליך אין בוך. יעדע יסורים וואס ער האט געהאט פון אלערליי קרענק, יעדן צער וואס ער האט געהאט פון ארימקייט, יעדן עגמת נפש, יעדן פארדרוס און ביי יעדע זאך ענדיגט אברהמלע: זה חליפתי! זה תמורתי! זה כפרתי! ער בעט דערביי פון השי״ת, אז די יסורים זאל זיין א אויסלייז פאר די עבירות וועלכע ער האט אויף זיי שוין תשובה געטאהן, מיט די גרעסטע חרטה אויפן עבר און קבלה אויף להבא, אז ער וועט שוין גיין אין גוטן וועג.

ווען אברהמלע האט געענדיגט אט דעם כפרות שלאגן, האט שוין אין דרויסן געטאגט. ר׳ שמריהו איז שוין נאכדעם נישט געשלאפן. באלד אין דער פריה האט ער זיך געזעגנט מיט אברהמל'ען און געפארן גלייך צום רבין. דער רבי איז איהם אנטקעגן געקומען און געזאגט: נו, יעצט האסטו געזעהן ווי א פשוטער איד האט געשלאגן כפרות?!

לכבוד ערב יום־כיפור

אין דער אלטער שטאט רוים האט אמאל געוואוינט א ארעמער אידישער שניידער. א גאנצע וואך האט ער שווער געארבעט, געלעבט זייער איינפאך און שפארזאם, און האט אפגעשפארט א גראשן נאך א גראשן, כדי צו קענען ערלעך האלטן שבת און יום־טוב מיט פאסנדע סעודות, מיט פיש, פלייש און וויין.

איינמאל, ערב יום־כיפור, איז דער שניידער ארויס אין מארק כדי צו קויפן פיש לכבוד דער סעודה פון ערב יום־כיפור. ער האט געוואוסט, אז ס'איז א מצוה צו עסן ערב יום־כיפור מער ווי אלעמאל, און אז דער וואס האלט ערלעך ערב יום־כיפור איז גלייך ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג. האט ער מיטגענומען זיין גאנץ אפגעשפארט געלט, כדי צו קויפן א שיינעם פיש לכבוד דער סעודה פון דעם טאג.

גראדע איז דעם טאג ניט געווען קיין פיש אין מארק. אדער די פיש־פאנגער האבן קיין מזל ניט געהאט און האבן ניט געכאפט קיין פיש, אדער זיי האבן שוין געהאט אויספארקויפט זייערע פיש. דער שניידער איז ארומגעגאנגען איבערן מארק און האט געזוכט כאטש איין פיש. צו זיין גרויסע פרייד האט ער געפונען א פישער, וועלכער האט געהאט איין גרויסן פיש צו פארקויפן. דער שניידער האט זיך דערפרייט און האט באשלאסן אפצוקויפן דעם פיש, וויפל עס זאל קאסטן. האט ער געפרעגט דעם פישער, וויפל ער וויל פאר דעם פיש.

אין דעם מאמענט איז צוגעפארן א פיין־געקליידטער מענטש, מיט בלישצנדיקע קנעפ, קענטיק א באדינער פון א הויכן מלוכה־בעאמטן. ער האט אויסגערופן צום פישער:

— "וויפל ווילסטו פאר דעם פיש?"

— "דער איד איז אבער געקומען פריער, מיין הער" — האט דער פישער אויסגערופן. — "אויב ער וועט מיר נאר באצאלן מיין פרייז, דאן פארקויף איך אים דעם פיש!"

— "איך וועל פאר דעם פיש באצאלן וויפל דו וועסט בעטן" — האט דער אידישער שניידער אונטערגעכאפט, ציטערנדיק טאמער כאפט אים דער רייכער באדינער ארויס דעם פיש.

— "ווייסטו ווער איך בין?" — האט דער רייכער באדינער אויסגערופן מיט שטאלץ. — "איך בין דער פערזענלעכער באדינער פון דעם שטאט־הויפט אליין! אויסער דעם, וועל איך דיר פאר דעם פיש באצאלן מער וויפל דער ארעמער אידל, דא!"

דער פישער האט זיך אביסל פארלארן און ניט געוואוסט וואס צו טאן. דערווייל האט זיך פארזאמלט א עולם מענטשן וועלכע האבן מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט זיך, וואס דא וועט זיין. איינער פון דעם המון האט אויסגערופן צום פישער:

— "פארקויף דעם פיש צו דעם וואס וועט אנבאטן מער געלט פאר אים!"

— "איך גיב דיר פאר דעם פיש א גאנצן דינר!" — האט דער באדינער אויסגערופן, האפנדיק אז ער וועט דערמיט איינמאל פאר אלעמאל צומאכן דעם איד'נס מויל, און דערביי וועט ער מאכן א איינדרוק אויף דעם פארזאמלטן עולם.

— "א גאנצן דינר פאר א פיש!" — האבן זיך די ארומיקע געוואונדערט, — "ס'ארא אוצר מיט געלט!"

אבער דא האט זיך דערהערט דער רואיקער אבער פעסטער קול פון דעם אידישן שניידער:

— "צוויי דינר!"

— "צוויי דינר!" — האט זיך ארומגעטראגן דער קול איבערן עולם,
— "צוויי דינר פאר א פיש!"

— ״דריי!״ — האט דער בעדינער הויך און שארף אויסגערופן.

— ״פיר!״ — האט געענטפערט דער שניידער.

— ״פינף!״ האט אויסגערופן דער באדינער מיט אומגעדולד און כעס.

— ״זעקס!״ — האט קאלטבלוטיק געענטפערט דער שניידער.

דאס דינגעניש און איבערדינגעניש האט אזוי אנגעהאלטן, ביז עס האט דערלאנגט ביז גאנצע צוועלף דינר! דא האט זיך שוין דער באדינער אפגעשטעלט און געמוזט אויפגעבן דעם פארמעסט. ער האט זיך געכאפט, אז זיין בעל הבית וועט אים האלטן פאר א משוגענעם ווען ער וועט אים ברענגען א פיש וואס האט אפגעקאסט אזא פארמעגן.

דער ארעמער אידישער שניידער האט אפגעצאלט די צוועלף דינר, וואס ער האט געבאטן פאר דעם פיש און האט גענומען דעם פיש און איז אוועק אהיים צוצוגרייטן דעם פיש לכבוד דער סעודה פון ערב יום־כיפור. עס געדויערט אבער ניט לאנג און עס קומט אריין צו אים דער באדינער מיט וועמען ער האט זיך אביסל צייט פריער גערונגען איבערן פיש.

— ״מיין האר וויל דיך זען!״ — האט דער באדינער געזאגט.

— ״צו וואס וויל ער מיך זען?״ — האט דער שניידער געפרעגט.

— ״ווען איך בין געקומען צוריק אן פיש, און האב אים דערציילט ווי אזוי דו האסט ארויסגערונגען דעם פיש פון מיר פאר צוועלף דינר, האט מיין האר געוואלט זען וואס איז דאס פאר א איד וואס דערלויבט זיך צו צאלן אזויפיל געלט פאר א פיש, קום!״

ווען דער שניידער איז אריינגעקומען צום שטאט־הויפט, האט אים דער שטאט־הויפט אנגעקוקט און געפרעגט:

— ״ווי קומט אזא ארעמאן ווי דו, צו באצאלן אזא פארמעגן פאר א פיש?״

— ״היינט איז ביי אונז אידן א הייליקער טאג, מיין האר״ — האט

דער שניידער דערקלערט — "ס'איז ערב יום כיפור, ערב דעם טאג ווען דער אויבערשטער איז אונז מוחל אונזערע עבירות, אויב מיר טוען תשובה מיטן גאנצן הארצן. יום־כיפור פאסטן מיר א גאנצן טאג, און נעמען קיין זאך ניט אריין אין מויל, אבער היינט, ערב יום־כיפור, איז א מצוה דוקא צו מאכן א גרויסע סעודה. איך האב געהאט אפגעשפארט צוועלף דינר, דאס איז געווען מיין גאנץ פארמעגן; אבער ווען עס קומט צו א מצוה, קען מען דאך דאס ניט אפשאצן מיט געלט..."

— "פארן ארויסדינגען דעם פיש פון מיין באדינער, וויסנדיק אז איך האב אים געשיקט קויפן א פיש, וואלט דיר געקומט א גרויסע שטראף", — האט דער שטאט־הויפט געזאגט. — "אבער איך זע, אז דו ביסט א ערלעכער מענטש און ביסט איבערגעגעבן דיין גלויבן מיט דיין גאנצן הארצן און מיט דיין גאנץ געלט. גיי געזונטערהייט, און זאל דיר דער פיש וואויל באקומען".

א צופרידענער וואס דער שטאט־הויפט האט אים געלאזט פריי, איז דער ארעמער שניידער געלאפן אהיים צוצוגרייטן זיך צו דער סעודה, און צום הייליקן טאג פון יום־כיפור. ס'איז אים גאר ניט איינגעפאלן, אז עסווארט אויף אים נאך א גרעסערע איבערראשונג. ווען דעם שניידער'ס פרוי האט געעפנט דעם פיש, האט זיך אין בויך פון דעם פיש געפונען א גרויסן און קאסטבארן פערל.

"דער אויבערשטער איז אונז ניט געבליבן שולדיק!" האט דער שניידער אויסגערופן באטראכטנדיק דעם שיינעם און טייערן פערל.

פון דאן האט שוין דער שניידער ניט געדארפט מער זארגן וועגן פיש און פלייש און וויין לכבוד שבת און יום־טוב. ער האט אויך ווייטער טייער געהאלטן די הייליקע און פריילעכע טעג מיט אלע גוטע זאכן. ספעציעל אבער פלעגט ער מאכן א פיינע סעודה ווען עס פלעגט קומען ערב יום־כיפור, און ער פלעגט דאן דערציילן וואס עס האט מיט אים יענעם טאג פאסירט און ווי אזוי דער אויבערשטער האט אים געהאלפן דורך א נס פון הימל.

דער חשבון שטימט נישט

ווי באוואוסט איז דער רבי ר׳ בונם פון פאשיסכע, בעפאר ער איז געווען א רבי — איז ער געווען א סוחר אין לייפציג.

איינמאל איז אויסגעקומען דעם רבין ר׳ בונם פון פאשיסכע צו זיין, צוליב א געשעפט, אין דער שטאדט לייפציג אין דייטשלאנד גראד ערב יום כפור. ער איז זיך געזעסן אין האטעל און געמאכט פאר זיך א רעכנונג אויף זיין נאטיץ ביכל. ער איז געווען זייער פארטאהן אין דעם חשבון אז ער האט נישט באמערקט ווי עס איז אריינגעקומען צו איהם זיינער א בעקאנטער, א דייטשער איד, נאר ער האט אלץ געהאלטן אין איין חשבונ׳ען פאר זיך, און יעדעס מאל האט ער גערעדט צו זיך מיט פארביטערניש די ווערטער ״אוי עס שטימט נישט״. אזוי איז געווען פיהל מאל. דער דייטשער איד וועלכער האט זייער גוט געקענט דעם רבין, אלס ראיעלער סוחר, האט זיך מעהר נישט געקענט איינהאלטן, און געזאגט צום רבין:

— הער ראבינער, אויב דער רעכנונג שטימט ניכט, ווארשיינדליך פעהלט אינען צו דער קאסע, זא וועל איך אינען לייען געלד זא פיהל זי דארפן האבן.

אבער דער רבי ר׳ בונם איז געווען זייער פארטאהן אין זיינע חשבונות, און ער האט גארנישט געהערט דעם דייטש׳ס רייד, נאר ער איז אלץ געזעסן ארייגעטאהן אין חשבון און כסדר געביטערט מיט די ווערטער ״אוי, עס שטימט פארט נישט״.

דערווייל איז געווארן פארנאכט און מען דארף שוין געהן דאווענען און זאגן כל נדרי, פלוצלונג שפרינגט דער רבי אויף פון זיין שטוהל און לויפט באלד אין שוהל אריין. דער דייטש האט איהם שוין נישט געוואלט מעהר איבערפרעגן, נאר ער איז איהם אויך נאכגעלאפן אין שוהל אריין. דארט האט דער דייטש געזעהן ווי דער רבי ווארפט אראב פון זיך זיין אויבער מאנטל, און בלייבט שטעהן אנגעטאהן מיט א טלית. ער האט אנגעהויבן יאמערליך צו וויינען און ער האט געזאגט:

— ״רבונו של עולם, מיין חשבון שטימט מיר נישט, אבער דו ביסט דאך א דערבארעמדיקער פאטער, זיי מיר מוחל״.

אזוי האט ער גערעדט גיסנדיק דערביי הייסע טרערן, און דערנאך האט ער געזאגט צוזאמען מיטן עולם כל נדרי. יעצט האט דער דייטש פארשטאנען, אז נישט קיין געלד חשבון האט דענסטמאל דער רבי גערעכנט, נאר פשוט א חשבון הנפש.

יעדער מיט זיין פליכט

איינמאל, ערב יום כיפור איידער עס ווערט נאכט פאר כל נדרי, אין דער צייט ווען די ווייבער שטעהען און בענטשן ליכט מיט געוויין, איז דער הייליגער צמח צדק זצ״ל געגאנגען פון זיין וואוינונג אין בית מדרש אריין איינגעהילט אין טלית, אנגעטאהן מיטן קיטל. אויפן וועג האט ער אפגעטראטן אין עטליכע וואוינונגען און געזאגט צו די וויינענדיגע ווייבער: געדענקט ווייבער צו בעטן און אויסצופועלן ביי אונזער גרויסן באשעפער, א געזונטן יאהר, א פרייליכן יאהר פול מיט שפע און פרנסה, געדענקט אנצוזאגן דאס זעלבע ביי אנדערע פרויען.

די באגלייטער זיינע האבן זיך שטארק פארוואונדערט אויף די סארט בקשה זיינע ביי די פרויען. דער צמח צדק האט דאס באמערקט און זיך צו זיי אנגערופן:

— מיר מענער זענען פון די אבטיילונג וואס האט וויכטיגערס און העכערס צו בעטן פון השי״ת, מיר דארפן זארגן און בעטן וועגן גלות השכינה, הסתרת פנים און דאס גלייכן, אבער די וואכנדיגע בקשות וועגן פרנסה און אנדערע גשמיותדיגע בקשות, איז בעסער דאס איבערצוגעבן דעם אבטיילונג פון די פרויען.

איך בין נתעורר געווארן — האט דער צמח צדק ממשיך געווען — דורך א מעשה שהיה. איינמאל גייענדיג מוצאי יום כפור אין גאס, דערהער איך א שמועס צווישן צוויי פרויען. זאגט איינע: איך מיין אז דאס יאהר וועלן מיר האבן א גוט יאר מיט פרנסה בריווח, ווייל מיר האבן געהאט א גוטן דאוונען, א גוט שופר בלאזן נאך נעילה און אלעס איז געווען געראטן. רופט זיך אן די צווייטע: אויף געוויס וועט זיין היינט א גוט יאהר, ווייל ווען מיר וואלטן געשטאנען אזוינע גאנצע טעג פאר א מענטש און איהם געבעטן אזוי ווי מיר האבן דאס יאהר געבעטן פארן רבונו של עולם, וואלטן מיר אויך אויסגעפועלט ביי איהם א טובה. און אזוי איז טאקע געווען, דאס יאהר איז געווען א גרויסער שפע.

— אט די דאזיקע נאאיווע אבער תמימות׳דיגע רייד — האט דער צמח צדק אויסגעפיהרט — האט מיר געוויזן אז בעסער איז איבערצוגעבן די תפילות וועגן פרנסה פאר די פרויען, ווייל די מענער האבן וויכטיגערס צו בעטן, זייער אבטיילונג איז א אנדערע.

דריטער קאפיטל: **כל נדרי**

דער ניגון פון כל נדרי
כל נדרי אין ווארשא
דער בלבול אויף "כל נדרי"

דריטער קאפיטל

כל נדרי

דער ניגון פון כל נדרי

די מעלאדיע פון "כל נדרי" איז די באוואוסטע און בעליבסטע ביי אלע אידן אין דער גאנצער וועלט.

ווער איז געווען דער פערפאסער פון דער דאזיגער וואונדערליכע הארציגער מעלאדיע? ווי איז זיין נאהמען? אין וועלכע צייט האט ער געלעבט?

וועגן דעם זענען פערהאן פערשידענע מיינונגען. עס זענען אפילו פערשפרייט פערשידענע מעשיות וועגן דעם וואונדערליכן געהיימען מחבר, וואס איז נאך עד היום געבליבן אומבעקאנט פאר די היסטאריע־פארשער. דאך איז אבער כמעט זיכער אז די כל־נדרי־מעלאדיע שטאמט פון שפאניע און איז פערפאסט געווארן אין דער טרויעריגער תקופה פון די אינקוויזיציע. מיר ברענגען דא אין צוזאמענהאנג מיט דעם, איינע פון די דערציילונגען וואס זענען בעקאנט, וועגן דעם שאפונג פון כל נדרי.

☆

אין דער צייט פון דער שפאנישער קעניגן, איזאבעלא, איז ביי איהר געווען א אידישער פינאנס־מיניסטער מיטן נאמען דע־סילווא. ער האט געהאט א פרוי מיט פיהר קינדערלאך. דאס איז געווען יענע תקופה פון שמד אין שפאניען וואו מען האט געצוואונגען אלע אידן צו בייטן די אמונה. פיהל פון זיי זענען נאר לפנים געווארן קריסטן, אבער אין געהיים האבן זיי מקיים געווען אלע מצוות ווי די גרעסטע צדיקים, זיי האט מען גערופן "אנוסים" — גענויטע. פיהל פון זיי האבן פערנומען הויכע רעגירונגס שטעלעס, פערשטעלטערהייט. צווישן זיי איז אויך געווען דער דאזיגער דע־סילווא.

אלע יום טובים פלעגן מאסן אנוסים אין שפאניען זיך צונויפקומען

אין פארבארגענע היילן אונטער דער ערד וואו זיי פלעגן דאווענען בצבור און אויסגיסן זייער הארץ אין תפלה צום ג־ט.

די אינקוויזיציע האט זיי געזוכט, געלאקערט נאך זיי, און אפטמאל געכאפט. אך און וועה איז געווען דעם וואס איז ארייגעפאלן אין די הענט פון די דארשטיגע בלוט־זויגערס פון די אינקוויזיטארן, די שארפע נעגל פון דער רויב־חיה פלעגט זיך ארייגקלאמערן טיף אין איהר קרבן און קיין לעבעדיגער איז מען שוין נישט ארויס פון זייערע הענד, דער איינציגער וועג איז געווען צו ווערן פערברענט עפנטליך אויפן "אטא־דא־פע", א שפיל וואס די שפאנישע בירגער האבן אזוי ליב געהאט בייצוואוינען.

יום כפור ביינאכט, איידער די אנוסים פלעגן זיך שטעלן דאווענען, פלעגט מען ארויסנעמען די ספרי תורות, זעצן א בית דין פון דריי און מתיר מאכן מיט זיי צו דאווענען. דערביי פלעגט מען זאגן:

"על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה אנו מתירין להתפלל עם העבריינים!"

די אנוסים פלעגן גענוג טרערן פארגיסן אויף דעם וואס זיי ווערן בעטראכט פאר נישט קיין אידן, אזוי אז מען מוז האבן א בעזונדער היתר זיי צוצורעכענען צו א מנין, דאן פלעגן זיי אפגעבן א שבח והודאה צו ג־ט וואס האט זיי געהאלפן און זיי זענען נישט אריינגעפאלן אין די גרויזאמע הענט פון דער אינקוויזיציע און זיי האבן זיך באלד געשטעלט דאווענען.

מען קען זיך פארשטעלן מיט וואס פאר א קלאפעדיג הארץ און טויט שרעק זיי האבן געדאווענט.

☆

איינמאל, געווען איז עס אין א יום כפור ביינאכט, האבן זיך אזוי ווי שטענדיג צוזאמען געקליבן אנוסים אין א פערבארגענער הייל, כדי אויסצוגיסן זייערע הערצער פאר ג־ט. צווישן די דאזיגע אנוסים זענען געווען, מיניסטארן, גענעראלן, פראפעסארן, און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזאנען אין שפאניען. ווען דער עולם האט געהאלטן אין מיטן שמונה עשרה האט זיך פלוצלונג געעפנט די טהיר און אין הייל האבן זיך

אריינגעריסן א גרויסע צאל גלחים געקליידט אין ווייסן, מיט מאסקעס אויף די פנימער, בעוואפנט מיט געווער. זיי זענען געווען אגענטן פון דער אינקוויזיציע. אלע אנוסים האט מען געבונדן אין קייטן, זיי געווארפן אויף דער ערד ווי געבונדענע שאף, און זיי אוועקגעשלעפט אין די פינסטערע קאמערן פון דער אינקוויזיציע תפיסה, וואו מען האט זיי געפייניגט און אנגעטאהן די שווערסטע עינויים. צווישן די דאזיגע ארעסטירטע איז אויך געווען דע־סילווא, דער בעליבסטער מיניסטער פון שפאניען.

ווען די קעניגן איזאבעלא האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי אנגענומען מיטלען צו בעפרייען איהר מיניסטער פון דער "אויטא־דא־פע". שווער איז געווען איהר מיה און אנשטרענגונג, דערצו איז זי אויך געווען א פאנאטישטע קריסטן און זי האט אויסגעפועלט ביים גרויס אינקוויזיטאר צו בעפרייען דעם מיניסטער דע־סילווא, צוזאגנדיג אויף איהר גאראנטי דאס ער וועט פון היינט אן זיין א פרומער קריסט.

זי האט עס געפועלט ביי די אינקוויזיציע, זיך גרייטנדיג איבערצופירן איהם צום קריסטליכן גלויבן.

דערווייל האט מען שוין אוועקגעפיהרט דאס געכאפטע ביסל אידן צום פארברענען אויף דער אויטא־דא־פע. שנעל ווי א בליץ איז די קעניגן געלאפן מיט דעם ערלויבעניש פון גרויס אינקוויזיטאר וואס איז געשטאנען ביי דער ריכטונג פון מיניסטער, דערנאך איז די קעניגן צוגעלאפן צום פעראורטיילטן, איהם אנזאגן די בשורה אז ער איז געראטעוועט געווארן פון טויט, ער דארף נאר שווערן ביים קרייץ אז ער וועט בלייבן א אמת'ער קריסט זיין גאנץ לעבן.

ווי ערשטוינט איז אבער געווארן די קעניגן מיט אלע אנוועזנדע, ווען דער מיניסטער האט שטאלץ געענטפערט:

— "ניין, קעניגן! מיינע עלטערן זענען געשטארבן פאר זייער אמונה און איך וועל אויך אזוי טאהן. איך וויל נישט איבעררייסן די קייט פון אידנטהום, וועלכע ציהט זיך פון אברהם אבינו ביז מיר, איך וויל נישט אז די קייט זאל זיך מיט מיר ענדיגן".

די קעניגן האט אויפגעציטערט פון זיין ענטפער, זי האט געזוכט מיטלען ווי אזוי צו ווירקען און איהם בעאיינפלוסן, זי האט צוגעפיהרט צו איהם זיינע פיהר קליינע קינדערלאך וועלכע זענען צוגעקומען צום פאטער מיט א יאמערליכן געוויין, ער זאל אויף זיי רחמנות האבן און זיי נישט איבערלאזן עלנטע יתומים אויף דער גרויסער וועלט.

דעם פאטער׳ס הארץ האט געגוג געקלעמט אויף דעם געוויין פון זיינע קליינע קינדערלאך, ער איז אבער געווען פעסט מיט זיין בעשלוס, און מורא האבנדיג טאמער וועלן די קינדערשע געוויינען ווייכער מאכן זיין הארץ, האט ער אויסגעשריען: ״שמע ישראל״ און האט זיך אליין געווארפן אין פלאקער אריין. די פלאמען האבן באלד ארומגענומען זיין קערפער און ער איז לעבעדיגערהייט פארברענט געווארן אויף קידוש השם.

☆

די דאזיגע פאסירונג האט בייגעוואוינט דער בעריהמטער פאעט און מוזיקער דאן קאסטילא (אויך פון די אנוסים) וועלכער האט שפעטער בעשריבן די טראגעדיע אין מוזיק און ווערטער, די מוזיק האט ער איינגעטיילט אין צוויי־טיילן, דער ערשטער טייל הויבט זיך אן ווי זיי שטעהען אין הייל ביי שמונה עשרה און ווי די אינקוויזיאטארן בעפאלן דער הייל, ווי זיי ליגן אלע געשמידט אין קייטן און האבן שוין אנגעווארן זייער לעצטע האפענונג צום לעבן. אין דעם צווייטן טייל ווערט געשילדערט ווי די קעניגן איזאבעלא קומט אויפן אויטא־דא־פע, און ברענגט איהם די בשורה און ער זאגט זיך אפ פון לעבן, ער דערמאנט די קייט פון אברהם אבינו, די קינדער פאלן צום פאטער צו די פיס, זיי שרייען און בעטן ער זאל בלייבן לעבן, ער גיט אבער א געשריי: ״שמע ישראל״ — און שפרינגט אריין אין פייער.

אט פון דער דאזיגער קאמפאזיציע, זאל עס שטאמען דער נגון פון ״כל נדרי״ וועלכער הויבט זיך אן מיט א שטילן געבעט און דערנאך א פלוצלונגדיגער שרעק, ווי זיי ליגן אלע געבונדן און זייערע האפענונגען זענען פערלארן. דער צווייטער טייל פון ״כל נדרי״ דריקט אויס א

פלוצלונגדיגע בשורה, א ענטפער — ניין! — ער וועט נישט שווערןביים קרייץ, א געבעט פון קינדער, א געשריי: "שמע ישראל" — און אריין אין פייער.

די דאזיגע מעלאדיע פון "כל נדרי" ווערט געזונגען אין דער הייליגער נאכט יום כפור אין אלע פערווארפענע ווינקאלאך און ישובים, וואו עס געפינט זיך נאר א מנין אידן, כאטש נישט אלע וויסן ווער עס איז געווען דער מחבר, וועלכער האט שפעטער אויך געענדיגט זיין לעבן אויפן פייער פון אויטא־דא־פע און אויף זיינע ליפן: שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד!

— — —

איינגעוויגט דאס קינד

רבי ישראל סאלאנטער האט אמאל פערשפעטיגט צו "כל נדרי". דער עולם ווארט און ווארט, עס ווערט שוין שפעט און רבי ישראל איז נישטא. שיקט מען דעם שמש צו איהם אהיים — קיינער איז נישטא, אלע זענען אוועק צו "כל נדרי". ווערט שוין דער עולם אונרוהיג: טאמער האט, חלילה, עפעס פאסירט! לאזט מען זיך ארויס זוכן, מען געהט פון גאס צו גאס — מען זעהט נישט רבי ישראל׳ן! פלוצים, פארבייגעהענדיג פאר א ארימער שטוב, נישט ווייט פון בית־המדרש, מען טהוט א קוק אריין דורכ׳ן פענסטער און מען ווערט נבהל ונשתומם: רבי ישראל שטעהט איינגעבויגן ביי א וויגל און וויגט א קינד... לויפט מען אריין:

— ס׳טייטש, רבי! מיר זוכן דאך אייך ארום, מען ווארט אויף אייך מיט "כל נדרי"...

— ששש... — זאגט צו זיי רבי ישראל — איהר וועט אויפוועקן דאס קינד, ס׳איז ערשט נאר־וואס איינגעשלאפן... געהענדיג אין שוהל האב איך געהערט ווי א קינד וויינט, בין איך אריין אין שטוב — קיינער איז נישטא, אלע זענען אוועק אין שוהל... ווי־זשע האב איך געקענט אוועקגעהן פון דאנען? ווי קען מען זיך עס אוועקשטעלן זאגן "כל־נדרי", בשעת א אידיש קינד וויינט?

כל נדרי אין ווארשא

(דער שרייבער האט באזוכט ווארשא באלד נאך דער צווייטער וועלט קריג, וואו ער שרייבט זיינע איינדרוקן.)

וואס פאר א ארט אידן האבן פארנומען אין ווארשע פון פאר דעם חורבן האט געזעהן נאר דער, וואס האט בייגעוואוינט ״כל נדרי״ אין ווארשע.

אויף אפציילן דריי הונדערט און פופציג טויזנט אידן אין ווארשע האט מען געדארפט א צעהלונג. אבער כדי צו זעהן וואס אידן האבן באדייט אין ווארשא, איז גענוג געווען ביי צו זיין איין כל נדרי נאכט אין ווארשע.

אין טאג פון ערב יום כפור זענען דער הימל און די ערד געווען אידישע. דער טעמפא פון ווארשא איז געווען א צוגעאיילטער, עס איז פאר כל נדרי ביי אידן!

די גאסן ״גזשיבאוו״ און ״דזישקע״ האבן באקומען א געענדערטן אויסזעהן. די ערנסטע אידישע פנימער זענען נאך ערנסטער געווארן. די איילִיגע אידישע פיס האבן באקומען נאך א גרעסערן אימפעט. פון די גויישע גאסן האבן פוהלע אויטאס געבראכט אידן פון פוילישע גאסן, וואס האבן אין דעם טאג זיך דערמאנט זייער אידישקייט און געפארן צו זייערע קרובים און פריינד ווינטשן א ״גמר חתימה טובה״.

ערב יום כפור האט דער הימל איבער ווארשע געשמעקט מיט האניג און דער זון פארגאנג האט דערמאנט אין די טערקישע טיכער פון פרומע אידענעס. אין דער לופט האט געהויערט א קלאנג פון אייביגקייט.

☆

יעצט, איז דער הימל געווען רוי און רויט ווי בלוט, און די חורבות האבן אונטערן מורא׳דיגן הימל אויסגעזעהן ווי מתים, וואס זענען נישט געקומען צו קיין קבורה, נאר זיי ווערן צולייגט און צופרעסן אונטער דער זון און רעגן.

דריי הונדערט און פופציג טויזנט אידן זענען געווען אין ווארשע. יעצט זענען דא נישטא מעהר ווי צעהן טויזנט. און פון די צעהן טויזנט — זענען טויזנטער פארשטעלט, זיי באהאלטן זיך אויס אין מיליטערישע קליידער, מיט געמאכטער האפערדיגקייט פון פאליאקן. אבער אונטער די מיליטערישע מונדירן טראגן זיי פארוואונדעטע נשמות, הערצער וואס זענען אויף שארבנס צובראכן. זיי ווייסן אלע אז היינט איז ערב יום כפור, ווארום דער טעלעפאן אין אידישן צענטראל קאמיטעט רוהט נישט א גאנצן טאג. קיינער זאגט נישט ווער עס רעדט, אבער ער וויל וויסן וואו מען וועט דאוונען ״כל נדרי״. זיי זיינען אלע אבלים און זיי ווילן מארגן מזכיר נשמות זיין דריי הונדערט און פופציג טויזנט ווארשעווער אידן.

פון די הונדערטער שוהלן, בתי מדרשים, מנינים, שטיבלאך און חברות איז אין גאנץ ווארשא על פי נס ניצול געווארן איין איינציגע שוהל, נאזשיקס שוהל אויף טווארדע נומער זעקס. זי שטעהט צווישן חורבות, א באהאלטענע, א איינגעטוליעטע, ווי די רוצחים וואלטן אין איהר פארגעסן אין זייער וויסטן פארניכטונגס שגעון.

ערשט נישט ווייט פאר נאזשיקס שוהל דערזעהסטו פלוצלונג: עס לויפן איינצעלנע אידן יום טוב׳דיג אנגעטאן. זיי לויפן, ווי זיי וואלטן פון ערגעץ וואו אנטלאפן. זיי פארשווינדן שנעל אין טויער פון טווארדע נומער זעקס, זיי לויפן איינציגווייז, זיי זענען דאך אלע קיילעכיגע יתומים. אמאל פלעגן זיי געהן צו כל נדרי גאנצע פאמיליעס, היינט זיינען אלע איינזאם, מען כאפט זיך ארויס אומבאמערקטערהייט פון די פוילישע משפחות און מען לויפט ווי ״אנוסים״ צו כל נדרי.

פארן טויער פאהרן צו שווארצע טעקסיס. עס שטייגן אויס הויכע מיליטער לייט. הויכע מלוכה־באאמטע, דעפארטמענט דירעקטארן, זיי פארשווינדן אין טויער פון דער שוהל און די אויטאס אנטלויפן.

צענדליגער אויטאס קומען אן און פארשווינדן, עס מעהרן זיך די וואס קומען אן צופוס, עס שטראמט א אייליגער כסדר׳דיגער שטראם פון אידן.

מיט א שעה צוויי צוריק, וואלסטו די אלע נישט דערקענט אז זיי זענען אידן, אז זיי האבן א שייכות מיט יום כפור און כל נדרי, און יעצט איילן זיי זיך, חלילה נישט צו פארשפעטיגן, נישט צו זיין פון די לעצטע.

דער גרויסער הויף פאר דער שוהל איז שוין פוהל, מענטשן דערקענען זיך, א סאך זעהען זיך צום ערשטן מאהל נאך דער מלחמה. מען קושט זיך, מען דריקט זיך די הענד: א גמר חתימה טובה! אט דאס איז דאס אידישע ווארשע, דא טרעפסטו אלע: די, וועלכע האבן איבערגעלעבט אין די בונקערס, אויף גויישע פאפירן, צוריק געקומענע פון רוסלאנד, און אפילו אזעלכע וואס זענען געוועזן אין ארץ ישראל!

די פוילישע שכנים פון די ארומיגע הייזער קוקן פון די באלקאנען און דעכער ווי אויף א גרויס וואונדער: זעה נאר! וואס עפעס פארזאמלען זיך דא אזוי פיהל אידן? עס פינקלען די קנעפ פון די מונדירן פון די מיליטער לייט, עטליכע באוואפנטע מיליציאנטן שטעהען אין א זייט גרייט אפצוהיטן פאר יעדן פרייז די זיכערקייט און די אטמאספער פון פייערליכקייט, ווארום אין פוילן זענען נאך דא גענוג אזעלכע פאליאקן וואס זענען פעהיג אפילו דא אין ווארשא צו מאכן איבערפאלן. און פלוצלונג הערסטו: פון א ראדיא צוקלינגען זיך די טענער פון כל נדרי, דאס גיט אן דער פוילישער ראדיא כל נדרי פאר גאנץ פוילן. די טענער צוקלינגען זיך מיט זייער גאנצן אינערליכן אומעט איבער די הימלען און חורבות פון ווארשא. אויף די ארומיגע דעכער און באלקאנען קומען ארויס מאסן פאליאקן און קוקן אין פארבליפונג. א פוהלער הויף מיט אידן שטעהען אין טויטער שטילקייט, ווי די טענער וואלטן זיי פאראלאזירט, ווי די אומעטיגע מעלאדישע קלאנגען וואלטן זיי געמאכט געליימט, און די טענער קלינגען הויך און ווייט:

„כל נדרי, ואסרי, ושבועי, וחרמי, וקונמי, וקנוסי וכנויי״...

די ווערטער שניידן די לופט, זיי שניידן דעם צוגליטן בין השמשות

וואס ברענט אויף די שפיצן פון די חורבות, אפילו דאס אטעהמען פון מענטשן איז איינגעהאלטן. אפילו די פאליאקן אויף די דעכער און באלקאנען שטעהען געליימט.

״ונסלח לכל עדת בני ישראל, ולגר הגר בתוכם, כי לכל העם בשגגה״...

אויף פיהל פנימער זעהסטו טרערן, יעצט פיהלן זיי אז זיי זענען א פאלק, עס פארבינדט זיי איין גורל, איין טראגישע מעלאדיע ציט זיך אין דער געשיכטע מיט א ביטערער אקטואליטעט, א תפלה וואס איז כמעט יעדעס יאהר, א תפלה פון דערווירקליכקייט.

אט עפענען זיך שוין די טהירן פון שוהל, דער עולם געהט אריין אין שוהל אין דער זעלבער שטילקייט ווי זיי זענען געשטאנען ביז יעצט, אויף קיין רגע ווערט די געליימטקייט פון עולם נישט שוואכער. אין דער העל באלויכטער שוהל ברענען אין א ווינקל פיהל הונדערטער ליכט. הויכע אפיצירן און שטאטס־לייט בויגן זיך צו דער ערד און צינדן אן ליכט, וואס זיי האבן געבראכט מיט זיך — פאר די נשמות פון זייערע טאטעס און מאמעס, פאר די נשמות פון זייערע ווייבער און קינדער, וואס זענען אומגעקומען מיט אזא שרעקליכן טויט. דו באמערקסט אפילו נישט ווי פון אונטער די מונדירן און יום טוב׳דיגע קליידער ציהען זיי ארויס מחזור׳ימלאך — זיי זענען געקומען זיך שטעלן פאר ג־ט.

און ווען דער חזן רופט אויס:

— ״על דעת המקום ועל דעת הקהל״... הערשט אין שוהל אזא שטילקייט, אז מען הערט דאס קלאפן פון די פלעמאלאך פון די ליכט. דו הערסט דאס אטעהמען פון מענטשן, וואס ווילן באהערשן זייער אייגן געמיט, אבער נישט אלע קענען זיך באהערשן. אט האט א איד אריבער געווארפן דעם טלית איבער זיין קאפ און ער קלאמערט זיך מיטביידע הענט אין א זייל פון דער שוהל. א צווייטער האט אריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאפ און מיטן פנים זיך צוגעקלאמערט צו דער וואנט. ער וועט אזוי בלייבן שטעהן אומבאוועגליך די גאנצע צייט פון די תפלות. א

הויכער שטאבס אפיציר, וואס שטעהט הארט נעבן מיר, פארשטעלט מיטן מחזור זיין פנים און די אקסלען צוקן איהם ווי ביי א קליין קינד וואס האט לאנג געוויינט. ווייטער א ביסל, א הויכער מיניסטעריום באאמטער האלט פארגראבן דעם קאפ אין א גרויסן מחזור, מען זאל נישט זעהן זיינע אויגן. א דריטער, ווידער, האט דעם קאפ פארריסן אין דער הויך, מען זאל נישט זעהן זיין פנים, אבער איבער זיינע באקן רינען די טרערן אראפ.

ווען דער חזן חזרט איבער דאס צווייטע מאל כל נדרי, באמיט זיך שוין קיינער נישט צו זיין באהערשט. צענדליגער וואס שטעהען ארום מיר, פארגיסן שטילע טרערן, שטילע מענליכע טרערן. מען נעהמט שוין ארויס טיכלאך פון די טאשן און מען ווישט כלומרשט "די ברילן". און וואס הילכיגער עס קלינגען די טענער, אלץ מעהר, פיהלסטו, ווערן מענטשליכע געמיטער געלייטערט, אלץ מעהר ווערן דא אלע אין שוהל פארקניפט מיט זיך, מיטן זעלבן גורל, וואס שמידט זיי צוזאמען אין איין ליידנדיגער מחנה און אין איין גורלדיגער קייט.

נאכן דאווענען בין איך אוועק אין ווארשעווער געטא, אהין, וואו מיט נישט לאנגע יאהרן צוריק האט יום כפור ביינאכט געהערשט א באזונדערע שטימונג. געה איך איצט צווישן די חורבות און זוך אין דער פינסטער די שאטנס פון א געוועזענער וועלט און עס דוכט זיך מיר, אז איך הער די טענער פון כל נדרי. זיי שוועבן פון טלאמאצקע, פון די נאלעווקעס, פראנציסקאנער און גענשע, פון די חסידישע שטיבלאך און בתי מדרשים. אט דא איז געווען דאס אלעקסאנדער שטיבל, אט דא ערגעץ וואו האט זיך געפונען דאס גערער שטיבל, און דא, ווידער, אויף די חורבות פון דזשעלנע גאס האט זיך געפונען די שוהל מורי'ה און אין שכנות, די שוהל פון פיאסטשענער רבין. פון אומעטום פלעגן זיך אין אט דער שעה ארויסקלינגען די טענער פון כל נדרי. אומעטום פלעגן זיך וועלדער פון וואקסענע ליכט שמעלצן מיט געלבלעכע טרערן. א געבענטשטע שטילקייט פלעגט דעמאלס הערשן אויף אט די גאסן. ווייטער אויף דער זעלבער דזשעלנע גאס, האט זיך אמאל געפונען דאס ברעסלאווער חסידים שטיבל פון רבי נחמן ברעסלאווער, וואס פלעגן זייערע תפלות צו ג־ט אויסגיסן אין אידישן לשון. אין זייער כל נדרי פלעגט זיך אפט ארייגרייסן א אידישער געשריי צום רבונו של עולם:

— "טאטע, פאטער, שטראף מיט רחמים, פאטער אין הימל, ווען וועט עס נעהמען א עק?"

כל נדרי ביי ברעסלאווער איז געווען די העכסטע דערהויבונג. ביים דריטן מאל איבערחזרנדיג כל נדרי פלעגן זיי שוין האבן דערגרייכט די הימלען. זיי זענען געשטאנען מיט די טליתים איבער די קעפ און מיט די הענד אויסגעצויגן אין דער הויך און געפיהלט האבן זיי דעם ציטער פון דערגרייכן די הויכקייטן און דעמאלס פלעגן זיי אנהויבן שרייען צו ג־ט ווי זיי וואלטן אט אט געשטאנען פארן כסא הכבוד.

☆

איך בלאנדזשע איבער די גאסן פאוויע און געגנשע. אין ליכט פון דער לבנה באמערק איך קוים די קאנטורן פון די חורבות. ערגעץ וואו, דא נישט ווייט, האט זיך געפונען א שולכל פון בעלי מלאכות, זיי פלעגן נישט דינגען אויף ימים נוראים קיין בארימטע בעלי תפלות, ביי זיי פלעגט אין די ימים נוראים דאווענען יאסל טריקאטאזשניק, א איד וואס פלעגט ביי דער טריקא־מאשין שארפן זיין גארגל צו די ימים נוראים תפלות. אבער נישקשה, יאסל טריקאטאזשניק פלעגט האבן צוהעלפער, ער איז נישט געווען אליין. אונטער איהם זענען געשטאנען אנדערע בעלי מלאכות, שניידער און שטעפער, וועלכע פלעגן איהם צוהעלפן און איינרייסן הימלען. היינט זענען חורבות געבליבן, חורבות פון א וועלט א גאנצער. און איך געה אין דער נאכט פון כל נדרי איבער די גאסן פון אזא רייך אידיש לעבן און הער בלויז די אומעטיגע תפלה אין דער פוסטקייט פון ווארשעווער געטא, די תפלה וואס יאסל טריקאטאזשניק פלעגט זאגן:

"סלח נא אשמות ופשעי לאומך, לעון בניך בל יחרה זעמך".

> פארוואס זאגט מען דריי מאל "כל נדרי"? — טאמער האט מען נישט געלייגט גענוג אויפמערקזאמקייט דאס ערשטע מאל, ערוועקט מען א צווייטן מאל און א דריטן מאל, און יעדן מאל מיט א העכערן קול.
>
> (לבוש)

דער בלבול אויף "כל נדרי"

פונקט ווי אלע אנדערע הייליגע ספרים, דינים און מנהגים, האט אויך דער אלטער הייליגער "כל נדרי" זיך געטיילט אין דעם טרויעריגן גורל פון אידישן פאלק. פערשידענע מוסרים, משומדים און סתם שונאי ישראל האבן זיך אין פערשידענע צייטן געטשעפעט צום "כל נדרי", צושרייבנדיג דער דאזיגער תפלה מי יודע וואס פאר א געהיימע בייזע כוונות און אויסניצנדיג עס פאר א רשעות'דיגע העצע קעגן אידן. דער עיקר בלבול איז בעשטאנען אין דעם, אז אויף דעם סמך פון "כל נדרי" קענען אידן שווערן פאלש, הויפטזעכליך לגבי קריסטן. אזוי ארום דארפן אידן פערלירן יעדע נאמנות, זיי זענען "פסול לעדות" און מען קען זיי אפילו אויף א שבועה נישט גלויבן, אין יעדער פאל פון א אידיש־קריסטליכן צד, וועלכער וועט דאך פאלש נישט שווערן, כידוע... אבער בשום אופן נישט דעם אידישן צד, וועלכער איז חשוד אויף א פאלשע שבועה, אויפן סמך פון דעם היתר פון "כל נדרי".

דעם דאזיגן שענדליכן עם הארצות'דיגן בלבול האבן פערשפרייט און אונטערגעהאלטן רשעים, אויסוואורפן און שונאי ישראל אין פארשידענע לענדער, דער דאזיגער בלבול איז שוין געווען א געגנשטאנד אין דעם בעריהמטן ויכוח פון רבינו יחיאל פון פאריז אין יאהר ה' אלפים, וועלכער האט אויף א אנטשיידענעם אויפן אבגעווארפן דעם דאזיגן בלבול, ערקלערנדיג, אז דער "כל נדרי" איז בלויז נוגע נדרים און שבועות פון א מענטשן צו זיך אליין, בינו לבין עצמו, אבער נישט אזעלכע וועלכע ווערן געגעבן על דעת בית דין, אדער אויף דער דעה פון א צווייטן פערזאן.

זעלבסטפארשטענדליך אבער, אז נישט צוליב זוכן דעם אמת, נאר די געלעגנהייט צו באשמוצן אידן און צו פארביטערן זייער לעבן, האט די דאזיגע אויטאריטעטע ערקלערונג, ווי אויך פון פיהל אנדערע גאונים אין

פארשידענע צייטן, לגמרי נישט בערוהיגט די שונאי ישראל, און זיי האבן דעם דאזיגן בלבול אונאויפהערליך איבערגעחזר׳ט אזוי, אז אין אנדערע לענדער האט מען טאקע אין זייערע געריכטן נישט אנגענומען קיין שבועה ביי אידן, אין אנדערע ערטער האט מען געשאפן א ספעציעלע באליידיגענדע שבועה פאר אידן, וואס האט געזאלט בעווארענען פאר אט דעם ״כל נדרי״ היתר. עס האבן זיך אבער לײדער אויך געפונען אידן וועלכע האבן וועלנדיג זיך באשיצן פון דעם כל נדרי בלבול, געפונען דעם ״קלוגן״ אויסוועג אינגאנצן עס צו מבטל מאכן, מיינענדיג אז אזוי ארום וועלן זיי, די שונאי ישראל פערמאכן די מיילער, אזא פאררעטערישן און שענדליכן בעשלוס האט אנגענומען דער ערשטער צוזאמענפאר פון די רעפארם רבנים אין ברוינשוייג, אין יאהר תר״ד. וואס די דאזיגע ״קלוגע״ דייטשע ״רבנים״ האבן אויסגעפירט האט מען שפעטער געזעהן אין דייטשלאנד, וואס די שנאה געגן אידן האט צוגעברענגט.

☆

א בעזונדער אינטרעסאנטער קאפיטל איז די געשיכטע מיטן ״כל נדרי״ אין רוסלאנד, וואו עס האט זיך קאנצענטרירט דאס רוב מנין און רוב בנין פון אידנטהום, געהאלטן אין זיינע הייליגקייטן, נישט אפטרעטנדיג פון זיי אפילו אויף א קוצו של יוד.

צום ערשטן איז די ״שאלה״ פון ״כל נדרי״ אין רוסלאנד ענטשטאנען אין יאר תקנ״ח. די אידן אין רוסלאנד האבן דערלאנגט א פעטיציע צו דער רוסישער רעגירונג אין פעטערבורג, אז מען זאל זיי אנערקענען בירגער רעכט, האבן זייערע שונאים דאן ארויסגעשטעלט קעגן זיי די טענה פון ...״כל נדרי״, אז וויבאלד זיי האבן אזא תפלה וואס שטעהט אין סתירה צו דער געזעלשאפטליכער מאראל, קענען זיי דעריבער קיין בירגער רעכט נישט בעקומען... די קורלאנדישע אידן האבן דאן בעקומען א פערטיידיגער אין דעם פערזאן פון באראן הייקינג, וועלכער האט בעקומען פון קייזער פאול דעם אויפטראג צונויפצושטעלן א בעריכט וועגן דער פראגע. ער האט ״באשטעטיגט״ די מאראלישקייט פון כל נדרי, אויפקלערנדיג איהר ריכטיגן בעדייט און די קורלאנדישע אידן האבן דאן בעקומען — אין יאהר תקנ״ט, בירגער־רעכט.

דער זעלבער באראן הייקינג איז אויסגעקומען צו פארטיידיגן דעם "כל נדרי" נאכאמאל אין יאהר תקע"א, ווען אין סענאט איז אויפגעשוואומען די פראגע, צו מען קען אידן אננעמען אלס עדות און גלויבן זייערע שבועות, צוליב דעם "כל נדרי"... דער באראן הייקינג האט אויפגעוויזן די פאלשקייט פון דעם באשולדיגונג, אז דער "כל נדרי" זאל ערמעגליכן פאלש עדות זאגן און פאלש שווערן, שטיצנדיג זיך אויף געהעריגע שטעלן אין רמב"ם און פוסקים.

☆

אין יאהר תרי"ב איז איןווארשע ערשיינען א מחזור, וואו פאר כל נדרי איז געדרוקט געווארן א בעמערקונג, אז די התרה פון "כל נדרי" איז נוגע בלויז פערזענליכע נדרים און שבועות, אבער נישט וואס איז נוגע אנדערע פערזאנען. דערפון האט זיך דערוואוסט דאס אינערן מיניסטעריום, און עס איז דארט ווידער ערוועקט געווארן די פראגע, צו קען נישט אמאל דער כל נדרי מיט זיין אינהאלט "אויסאיבן א שעדליכע ווירקונג אויף די באגריפן פון די אידן וועגן דער פארפליכטנדער קראפט פון א שבועה" און צו וואלט נישט צוליב דעם נויטיג געווען איינצושליסן אין סאמע טעקסט פון "כל נדרי" א געהעריגע באמערקונג.

אין יאהר תרי"ז איז די דאזיגע שאלה איבערגעגעבן געווארן צו בעטראכטן דעם רבנים קאמיסיע, וואס איז דאן גערופן געווארן וועגן פארשידענע אידישע ענינים. די דאזיגע קאמיסיע האט ווידער ערקלערט, אז דער כל נדרי איז בשום אופן נישט מתיר קיין שבועות אין וועלכע עס זענען פאראינטערעסירט אנדערע פערזאנען און ווערן אפגעגעבן אויף זייער דעה, אזעלכע שבועות זענען הייליג און ווערן אויף קיין אופן נישט בטל, דערביי האט די רבנים קאמיסיע אויך ערקלערט, אז עס עקזיסטירט נישט קיין שום נויטיגקייט איינצושליסן א וועלכן עס איז אויפקלערונג צום טעקסט פון כל נדרי, ווייל עס איז גענוג קלאר פאר אלע אידן און אויב אין אנדערע מחזורים ווערט וועגן דעם באמערקט, איז עס נישט צוליב אידן, נאר אויסשליסליך כדי צו בעזייטיגן די ספיקות, וואס איז אנטשטאנען אין דער הינזיכט אין געוויסע דייטשע מלוכות. דאך האבן די רבנים מסכים געווען, אז אין די אלע נייע מחזורים זאל צוגעדרוקט ווערן פאר כל נדרי א

געהעריגע אויפקלערונג, אלס א מין אריינפיר, אין וועלכער עס זאל אויפגעקלערט ווערן דער ריכטיגער מיין פון כל נדרי.

די בעשלוסן פון דער קאמיסיע זענען איבערגעשיקט געווארן צום קאמיטעט איבער אידישע ענינים ביים אינערן מיניסטעריום. דא האט דער כל נדרי אנגעטראפן אויף גרויסע געגנער און עס איז געווען א פארשלאג איהם אינגאנצן צו פארבאטן, דאך אבער האט דער קאמיטעט נישט געפונען קיין גענוגנדן גרונד אבצושאפן אינגאנצן דעם כל נדרי, און עס איז געבליבן אלס ״הקדמה״.

פון דאן אן איז אין די אלטע רוסישע מחזורים געווען געדרוקט הארט ביי דער גרויסער קאפ ״כל נדרי״ א שרעקלאך אומגעלומפערטער טעקסט, וואס האט געזאלט בערוהיגן די רוסישע ״בעלי אמת״ אז אידן וועלן נישט שווערן פאלש.

☆

אט אזוי איז דער אלטער הייליגער כל נדרי געווארן א אביעקט פון פארשידענע בלבולים, רכילותן און בייזוויליגקייטן פון שונאי ישראל, און אזוי ווי דער כל נדרי מיט זיין הייליגן וואונדערבארן נגון האט איבערגעלעבט זיינע אמאליגע שונאים, אזוי וועלן אידן אויך איבערלעבן זייערע שונאים, פון דרויסן און פון אינווייניג.

> פארוואס זאגט מען ״כל נדרי״ אויף די אראמישע שפראך?
>
> — ווייל דאס האט מען מתקן געווען אין בבל וואו דאס פאלק האט גערעדט אראמיש.
>
> (לבוש)
>
> ★
>
> פארוואס זאגט מיט דער קהל כל נדרי מיטן ש״ץ?
>
> — כדי צו מתיר זיין דעם ש״ץ די נדרים, ווייל ער קען זיך נישט מתיר זיין אליין.
>
> (הגהות מנהגים)
>
> ★

א גאנצע מחנה "יצחק'ס"

ערב יום כיפור פארנאכט, פאר "כל נדרי". די גרויסע שוהל אין אוהעל איז אנגעפאקט, פוהל מיט מענטשן. דער גאון און צדיק ר' משה טייטלבוים, דער רב פון שטאדט, דער "ישמח משה" זצ"ל שטעהט אויף דער בימה און רעדט א התעוררות דרשה. מיט אמאל האקט ער איבער זיין דרשה און רופט צו נעבן ארון קודש, אלע יונגע קינדער וואס געפינען זיך אין בית המדרש. דער גאנצער עולם איז געשפאנט אוןווארט מיט שטוינונג צו זעהן וואס עס וועט דא פארקומען, און וואס מיינט דא דער רב דערמיט.

— קינדערלאך! — רופט אויס דער רב צו די יוגנד — זענט איהר גרייט מקריב צו זיין אייער לעבן פאר אונזער הייליגע אמונה? איך דערקען אויף אייך אז איהר האלט דערביי, זאגט זשע עס ארויס מיטן פוהלן מויל!

— יא, רבי — האבן אלע קינדער אויסגערופן מיט איין קול — אלע זיינען מיר גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר אונזער הייליגער אמונה.

דער גאנצער עולם איז דערציטערט געווארן פון זייערע ערנסטע רייד.

דער רב האט זיך דאן אויסגעדרייט צום ארון קודש און אויסגערופן:

— רבונו של עולם, די הייליגע תורה דערצעהלט אונז וועגן איין יצחק וועלכער האט זיך מקריב געוועזן פאר א קרבן. זעה, הייליגער באשעפער, אט האסטו דא א גאנצע מחנה פון יצחק'ס וועלכע זענען גרייט זיך צו מקריב זיין פאר דיין הייליגן נאהמען! צוליב זיי, צוליב די דאזיגע קינדער זיי אונז דן מיט מידת הרחמים! אין דעם זכות פון די דאזיגע קינדער זיי מוחל פאר אונזערע אלע זינד וואס מיר זיינען בעגאנגען קעגן דיר!...

דער גאנצער עולם האט אויסגעבראכן אין א געוויין...

עסן לשם שמים

— דעריבער — זאגט דער מלבי"ם — איז "כל האוכל ושותה בתשיעי כאילו התענה תשיעי ועשירי", ווייל עסן לשם־שמים איז שווערער, ווי פאסטן לשם־שמים...

פערטער קאַפּיטל: **ועיניתם את נפשותיכם**

עס וועט נישט שאַדן
א יום כפור טיש
פאַרבלענדט די אויגן

פערטער קאפיטל

ועניתם את נפשותיכם

עס וועט נישט שאדן

די געשיכטע האט דערצעהלט איינער פון די זקני ירושלים וואס האט מיט איהם זעלבסט פאסירט:

— דאס איז געווען — פאנגט אן דער איד זיין געשיכטע — מיט זעכציג יאהר צוריק, איך בין דאן געווען א אינגל נאך די בר־מצוה און האב באקומען א קראנקהייט אויף די אויגן, פלעג איך געהן יעדן טאג אין "למען ציון"־קליניק צו ר' יהושע שטערן וועלכער האט מיר באהאנדלט מיינע אויגן.

איינמאל האט ר' יהושע געשיקט רופן מיין פאטער און איהם געזאגט:

— איך האב ביז היינט געהאפט אז איך וועל קענען אויסהיילן דיין בחור'לס אויגן, אבער יעצט זעה איך ליידער אז די קראנקהייט ווערט ערנסט, און דו ועסט מוזן געהן מיט איהם צו ד"ר קענט.

ד"ר קענט (א קריסט) איז געווען דער איינציגער אויגן דאקטער דאן אין ירושלים. ער האט געוואוינט אויסערן שטאדט, זיינע פאציענטן זענען געווען מערסטנס אראבער וועלכע פלעגן קומען צו איהם מאסן ווייז פון ירושלים און פון די דערפער ארום. מ'פלעגט דארפן קומען אהין פארטאג צו פארכאפן א "תור" (א רייה) און פארברייגען ביז א פאר שעה אויפן טאג. גאנץ אפט פלעגט אויסברעכן א געשלעג צווישן די פאציענטן אין דעם "תור", און וויי איז געווען צו דעם איד וועלכער איז נעבאך אריינגעפאלן אין דעם "תור".

— דאס איז געווען אין די סליחות טעג. — זעצט פאר דער ירושלימער איד — מיין פאטער פלעגט געהן מיט מיר יעדן טאג צו ד"ר

קענט, און ס׳האט זיך נישט געוויזן קיין בעסערונג. די אויגן פלעגן זיך מיר פארמאכן און איך האב געדארפט א לאנגע צייט זיי מאסעזשירן ביז זיי האבן זיך געעפנט, אזוי פלעג איך טהון עטליכע מאל א טאג.

ערב יום הקדוש ווען מיר זענען געקומען צום דאקטאר האט ער שטריינג אנגעזאגט, דאס איך מוז מארגן אויך קומען צו איהם באקומען א באהאנדלונג און איך טאר אומבאדינגט נישט פאסטן.

— מיין פאטער — דערצעהלט ווייטער דער ירושלימער איד — האט זיך זעהר געערגערט צו הערן די דאזיגע רייד פון דאקטאר און איז אריינגעפאלן אין א גרויסע פארצווייפלונג.

ווען מיר זענען ארויס פון דאקטאר, האט מיר מיין פאטער ארויף געזעצט אויף א וואגן אהיים קיין ״מזכרת״, און ער איז אוועק אין די אלטע שטאדט, זיך שואל עצה זיין ביי דעם מרא דאתרא, הגאון ר׳ שמואל סאלאנט זצ״ל.

ווען מיין פאטער האט דערצעהלט ר׳ שמואל׳ן וואס דער דאקטאר האט געזאגט, האט ער איהם שארף געענטפערט:

— ניין! איהר זאלט נישט געהן יום הקדוש צום דאקטאר, און דיין בחור׳ל מעג רוהיג פאסטן, ס׳וועט איהם נישט שאדן! דו זאלסט איהם נאר נישט אויפוועקן צו ״ותיקין״, זאל ער שלאפן ביז ער וועט זיך זעלבסט אויפכאפן.

— יום הקדוש — זעצט פאר דער ירושלימער איד — האב איך זיך אויפגעכאפט, צו מיין גרויסן וואונדער, מיט אפענע אויגן! איך האב פארבראכט א גאנצן טאג אין שוהל און לייכט געפאסט.

צו מארגנס ווען איך בין ווידער געקומען מיט מיין פאטער צום דאקטאר, האט ער זיך זעהר געוואונדערט אויף די אומערווארטעטע בעסערונג. ער האט געפרעגט מיין פאטער וואס פאר א באהאנדלונג איך האב אין צווישן באקומען און מיין פאטער האט איהם געענטפערט אז איך האב קיין באהאנדלונג נישט באקומען. ער האט זיך געווענדעט צו זיין אסיסטענט און איהם געזאגט:

— וואס מיט דעם פאציענט קומט פאר, פארשטיי איך אבסאלוט נישט!...

— מיין פאטער — פארענדיגט דער ירושלימער איד די געשיכטע — האט א מורמל געטאן: איך פארשטיי יא וואס דא קומט פאר. אז ר׳ שמואל האט געזאגט ״ס׳וועט נישט שאדן״ האב איך פארשטאנען אז דאס וועט זיין די רפואה...

ער האט פארשפעטיקט כל נדרי

הגאון ר׳ רפאל המבורגער זצ״ל דער מחבר פון ספר ״תורת יקותיאל״, איז דאס ערשטע יאהר וואס ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין המבורג, נישט געקומען צו כל נדרי. מען האט אויף איהם געווארט א לאנגע צייט, און ער איז אלץ נישט געקומען. האט מען איהם געשיקט רופן, איז ער אבער נישט געווען אין דער היים. מען האט נישט געקענט דערווארטן און מען האט געזאגט כל נדרי אן איהם, דער עולם איז געווען זייער בעאונרוהיגט, ווייל מען האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן. אז מען האט שוין געהאלטן ביי די ווידוים, איז דער רב געקומען. דער עולם איז אבער דאך געווען נייגעריק פארוואס דער רב האט געפעלט ביי כל נדרי. יעדערער האט געוואלט וויסן די סיבה פון דעם דאזיקן רעטעניש, האט מען קוים דערווארט ביז דער רב זאל ענדיקן דעם דאווענען, און דעמאלט האט איהם דער ראש הקהל געפרעגט מיט גרויס דרך ארץ:

— ״רבי, וואס איז די מעשה וואס איהר זיינט נישט געקומען צו כל נדרי?״

האט הצדיק ר׳ רפאל געענטפערט בתמימות:

— ״די מעשה ליבער איד איז אזוי געווען. איך בין נישט געקומען צו כל נדרי ווייל איך האב מקיים געווען א וויכטיגע מצוה, דאס איז בקור חולים. לעבן מיין הויז וואוינט א איד, א גרויסער ירא שמים, וואס איז זייער קראנק, בין איך איהם אלע טאג מבקר, זעהן וואס ער מאכט. פאר כל נדרי בין איך אויך אריין צו איהם, האב איך געזעהן, אז ער ליגט אליין און איז זייער שוואך, און קיינער איז נישטא אין הויז, ווייל די ווייב איז אוועק אין שוהל, בין איך ביי איהם געזעסן ביז זיין ווייב איז צוריק געקומען פון שוהל״...

א יום־כיפור־טיש...

ווען דער גביר ר׳ ישראל עטינגער, דער אייגנטימער פון דעם גרויסן צוקער־פאבריק פון זיין שטעטל אין גאליציען, — האט איבערגעליינט די בריוו פון זיין לאנדאנער אגענט, אז די מאשינען, טורבינען פאר זיין צוקער־פאבריק קען ער קריגן אויף א צעהן יעריגן קרעדיט, אבער די לאנדאנער פאבריקאנטן פאדערן, אז דער בעל הבית מוז אליין קומען קיין לאנדאן מיט בריוו און רעקאמענדאציעס פון בענק און זיך זעהן מיט זיי... מען קען דאך נישט ארויסשיקן מאשינען פאר דרייסיג טויזנט פונט צו צאלן אין משך פון צען יאהר, צו א מענטש, ווועמענס פנים מען האט אפילו נישט געזען. דעם אגענט׳ס עצה איז, אז דער "הער עטינגער" זאל זיך איילן און קומען קיין לאנדאן וואס פריער, און נאכדעם ווי מען וועט חתמ׳ענען די פאפירן וועט מען אנהויבן ארויסשיקן די מאשינען פאר דער צוקער־פאבריק.

ווען ר׳ ישראל האט איבערגעליינט די דאזיגע בריוו, האט ער חרטה געהאט אויף דעם גאנצן עסק. גיי, שלעפ זיך אויף דער עלטער ביז דער גרענעץ, פון דארט איבער פארשידענע מדינות מיט דער באן און ערשט דאן מיט א שיף קיין לאנדאן... פאר דער גאנצער צייט וועט ער זיין אפגעריסן פון אידישקייט, פון א מנין, פון לערנען, און דער עיקר, פון כשרות. וואו און ווען קען ער דארטן געטרויען בנוגע כשרות? ווינציג ווילדע געשיכטעס האט ער זיך אנגעהערט וועגן די אויסלענדישע אידן און זייער כשרות!... זאל עס גיין... וועט עס זיין אן די מאשינען...

אבער באלד זיינען אנגעקומען זיין עלטערער זון און איידעם און האבן אנגעהויבן איינ׳טענה׳ן: ס׳טייטש, אפלאזן אזא גאלדענע מעגליכקייט, ווינציג האבן זיי עס באצאלט ביז זיי האבן באקומען די דערלויבעניש פון גובערנאטאר צו בויען. און אויב עס וועט זיך פארציען,

קען נאך קומען א נייער גובערנאטאר און צוריקציען און מען וועט דארפן פונדאסניי "שמירן"... האבן זיי איהם איבערגערעדט און ר' ישראל עטינגער האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין נסיעה.

ביז דער גרענעץ איז ער געפארן ווי א שררה, מיט זיין אייגענער קארעטע און פיר פערד. ער האט זיך אפגעשטעלט וואו ער האט געוואלט און איז ארויסגעפאהרן ווען ער האט געוואלט. זיין נסיעה איז געווען אויסגערעכנט אזוי אז צו ימים נוראים זאל ער זיין צוריק. אבער ווי נאר ער האט אוועקגעשיקט די קארעטע צוריק אהיים און איז אריבער די גרענעץ, אזוי האבן זיך אנגעהויבן אלע מכשולים. דא איז ער געווען עטליכע מינוטן שפעט נאך דער צוג און דא איז ער ארויף אויף דעם נישט ריכטיגן צוג, און מעשה שטן, ווען ער איז אנגעקומען קיין ראטערדאם, האט ער געקראגן היץ מיט א מין אויסשיט איבער דעם לייב. און כאטש די היץ איז שוין פון לאנג געהאט אוועק, האט מען איהם נישט געלאזט ארויפזעצן זיך אויף דער שיף, ביז די אויסשיטונג וועט נעלם ווערן. האט ער שוין געדארפט האלטן ראש השנה אין ראטערדאם, און ערשט אין מיטן עשרת ימי תשובה איז ר' ישראל עטינגער אין א נעפלדיגן פרימארגן אויסגעשטיגן פון דער שיף אין דער לאנדאנער באן סטאנציע.

באגעגנט האט איהם זיין אגענט, א פיפיגער יונגערמאן, א זון פון פויליש־אידישע אימיגראנטן, אבער א געבוירענער און אויפגעוואקסענער אין גלאזגוי, א שטאט אין ענגלאנד, וואו מער ווי הונדערט אידישע פאמיליעס האבן נישט געוואוינט און זיי זיינען געווען צעווארפן און צעשפרייט איבער דער גאנצער שטאט. גערעדט האט דער יונגערמאן א אידיש, וואס איז געווען אויסגעמישט מיט דייטשע און ענגלישע ווערטער. זיינע באגריפן וועגן אידישקייט און אידישע דינים זיינען געווען ווי פון איינעם, וועלכער איז דערצויגן געווארן צווישן גויים.

— ידידי, פאניע אגענט, — האט דאס ערשטע געזאגט ר' ישראל, — פיר מיך אין א אידיש הויז, אבער איך מיין אין א אמת כשר אידיש הויז, וואו איך זאל קענען עסן.

— שאר, יא יא — האט דער אגענט שנעל צוגעשאקלט מיט'ן קאפ.

— איך אנדערסטענד... א כשר האוז... ווי זיי זאגן סטריקלי. איך וועל ברענגען מר. עטינגער אין א אידיש האוז.

דאס הויז אין וועלכן דער אגענט האט איהם אריינגעבראכט, האט אויף ר׳ ישראל׳ן געמאכט א פיינעם איינדרוק, די טירן האבן געהאט מזוזות און אין עס צימער האט ער געזען א פינף־רעריגן לייכטער.

אין א ווײלע ארום זאגט די באלעבאסטע צו ר׳ ישראל׳ן:

— איך געה איצט אין מארק אריין. זאל מיר מר עטינדזשער זאגן וואס פאר א פלייש ער "גלייכט", וועל איך קויפן פאר איהם.

כאטש ר׳ ישראל האט זעהר געוואלט עסן א היימישן מאלצייט, ווייל אויף דער שיף האט ער אויסער טיי גארנישט געגעסן, דאך האט ער זיך אפגעהאלטן פון עסן איצט פלייש. ער האט נאך געוואלט זען און זיך איבערצייגן ווי אזוי די באלעבאסטע באגייט זיך מיט כשרות אין קיך. האט ער געזאגט, אז א פאר טעג וועט ער עסן פארעווע.

ווען די באלעבאסטע איז געקומען פון מארק, איז ר׳ ישראל אריין אין קיך, כלומר׳שט וואשן די הענד, און ער האט געזען ווי זי נעמט ארויס דאס פלייש, ווייקט עס איין, און שפעטער זאלצט זי עס אויס, אלץ לויט דעם דין. האט עס איהם געפעהלן וואס דאס הויז איז טאקע אויף א אמת כשר.

אויף מארגן ווען די באלעבאסטע איז געקומען פון מארק האט ער ווייטער געכאפט א קוק אין קיך, זען ווי די באלעבאסטע באגייט זיך מיט׳ן פלייש. האט ער געזען ווי זי נעמט ארויס די פלייש, וואשט עס ארום, ווארפט עס אריין אין טאפ אריין און שטעלט עס גלייך צום קאכן. פארוואונדערט ער זיך און פרעגט:

— זאגט מיר, פארוואס האט איהר נעכטן דאס פלייש געווייקט און געזאלצן און היינט נישט?

— וואס הייסט? — פרעגט איבער די פרוי מיט וואונדער — אידיש פלייש דארף מען אויך כשר׳ן?

— וואס מיינט איהר? — פרעגט שוין ר׳ ישראל א דערשטוינטער.

— איך מיין צו זאגן, — ענטפערט די פרוי, — אז נעכטן האב איך געקויפט פלייש ביי א גוי׳אישן ״בוטשער״, האב איך עס געווייקט, געזאלצן און כשר געמאכט. היינט האב איך געקויפט, צוליב אייך, ביי א אידישן ״בוטשער״. טא פארוואס זאל איך עס כשר׳ן?

ווי א דונער וואלט איהם א זעץ געטאן איבער׳ן קאפ, אזוי האבן אירע ווערטער איהם געטראפן. ווי אין א טונקעלן טומאן האט ער זיך געלאזט גיין צוריק אין זיין צימער.

הייסט עס, אז די טעלער, אפילו קאלטע, פון וועלכע ער האט נעכטן געגעסן, זיינען טריף, האט ער מיט אנגסט געטראכט. און היינט, ווען נישט א דאנק דעם רבונו של עולם׳ס גרויסע חסדים, וואלט ער דאך פשוט געגעסן נבלה. וואס קען מען איצט טאן? אט גייט דאך יום כפור מיט פארפאסטן... אפפאסטן... און דאן סוכות! וועט ער עס דארפן אפקומען און מכבד זיין ג־ט׳ס ימים טובים טאקע נאר מיט וואסער און טרוקענע ברויט? ווען קען מען עס געטרויען? אפשר ביי א רב? ווער קען איהם דען אנווייזן אויף א ריכטיג־פרומען רב? אפשר זיין אגענט, אדער זיין באלעבאסטע? האט ער מיט ביטערניש און שרעק געטראכט. ווייניג ווילדע געשיכטעס האט ער זיך אנגעהערט וועגן די אויסלענדישע רבנים?... זייער גאנצע לומדות באשטייט פון קענען אפלערנען א שטיקל לוח! ביי וועמען וואלט ער געקענט עסן און זיין זיכער, אז ער עסט נישט קיין טריפות? נאר ביי איינעם... איז איהם ארויף אויפ׳ן געדאנק. ביי משה מאנטעפיארע׳ן, אויף וועמען מען דערציילט, אז אפילו ווען ער פארט ארום, פירט ער מיט זיך זיין אייגענעם קוכער און אייגן געפעס, כדי צו זיין באווארנט און באהיט פון נכשל ווערן, חס ושלום, אין טריפות.. אבער ווי אזוי קומט מען צו איהם?

ער האט געטראכט, און א רויטקייט פון בזיון האט פארדעקט זיין פנים, דאס ער, ישראל עטינגער, דער אייגנטימער פון א גרויסן פאבריק, ביי וועמען עס עסן יעדן טאג 20־30 אורחים, זאל זיך גיין בעטן ״כעני בפתח״, פאר א שטיקל פלאץ ביי א פרעמדן טיש, אבער עס איז ״עת לעשות לד׳״ דאס איז נישט צוליב איהם, נאר צוליב אפהיטן און מכבד זיין ג־ט׳ס הייליגע ימים טובים.

— איך וועל גיין צו משה מאנטעפיארי — האט ער געזאגט צו זיך אנטשלאסן.

געזאגט און געטאן.

אין א שטונדע ארום האט א מאשין צוגעפירט ר׳ ישראל׳ן צום פאלאץ, וואו דער גרויסער אידישער שר, דער פריינט און עצה־געבער פון דער ענגלישע מלוכה, האט געוואוינט.

א באדינער האט איהם ארייגעפירט אין א גרויסן זאל, וואו פיל מענטשן זיינען געזעסן און געשטאנען. טייל פון זיי זיינען געווען גרויסע שררות, דאס האבן עדות געזאגט זייערע פרעכטיגע מונדירן און די פיל מעדאלן און אויסצייכענונגען.

ווי נאר ר׳ ישראל איז אריין אין זאל, איז צו אים צוגעגאנגען א יונגערמאן מיט קלוגע אידישע אויגן, און אין א שיינעם אידיש געפרעגט:

— וואס איז אייער וואונש, מיין הער?

— איך וויל זען דעם שר משה מאנטעפיארי — האט ר׳ ישראל געענטפערט.

— זייט אזוי גוט און זאגט מיר וואס אייער פארלאנג איז פון ״סער מאזעס״ — האט דער יונגערמאן געוואלט וויסן.

— דאס איז א פערזענליכע זאך — האט ר׳ ישראל געזאגט און ארונטער געלאזט די אויגן.

דער יונגערמאן האט איהם מיט מיטלייד אנגעקוקט, עפעס פארצייכנט און געזאגט:

— זיצט דא. און ווען מען וועט אייער נאמען אויסרופן, וועט איר אזוי גוט זיין און אריינגיין אין טיר — און ער האט אנגעוויזן אויף דער טיר פון משה מאנטעפיארי׳ס קאבינעט.

ווען משה מאנטעפיארי איז אריין צו זיך אין קאבינעט, האט דער

סעקרעטאר פאר איהם פארגעליינט דאס צעטל פון דיווארטנדיגע מענטשן. אז עס איז געקומען צו ר׳ ישראל׳ס נאמען, א איד פון רוסלאנד, רופט זיך אן משה מאנטעפיארי:

— מסתמא א נדבה. גיב אים וויפיל דו פארשטייסט.

— ניין, — זאגט דער סעקרעטאר — איך דענק, אז נישט נאך א נדבה איז דער איד געקומען. ער איז זעהר זויבער געקליידעט, מיט איידעלע באנעמונגען.

— אויב אזוי, — האט משה מאנטעפיארי געזאגט — איז דאס א מחבר פון א ספר. טא לאז איהם אריין ווען זיין ריי וועט קומען.

ווען נאך צוויי שעה ווארטן האט מען זיין נאמען אויסגערופן, האט ר׳ ישראל זיך אויפגעהויבן מיט א קלאפעניש אין הארצן און א ציטערניש אין זיינע גלידער. מיט גרויס יראת הכבוד איז ער אריין אין דעם קאבינעט און ווען ער האט דערזעהן דעם גרייז גרויען קאפ און מאיעסטעטישן אויסקוק פון דעם אידישן שר, זיצנדיק אין זיין שטול מיט א גרויסער, פיר קאנטיגע יארמעלקע אויפ׳ן קאפ, האט ר׳ ישראל דאס ערשטע געמאכט די ברכה ״שחלק מכבודו לבשר ודם״ און מיט גרויס דרך ארץ אפגעענטפערט: ״עליכם שלום״ אויף משה מאנטעפיארי׳ס באגריסונג.

— השר משה מאנטעפיארי — האט רבי ישראל אנגעהויבן שטארק פאררויטלט — איך בין געקומען בעטן א גרויסע טובה: — מיר דערלויבן עסן יום טוב ביי אייך, און שנעל צוגעגעבן — און איך בין מנדב הונדערט רובל אויף צוטיילן צווישן די נויטבאדערפטיגע. און ער נעמט ארויס פון טייסטער אנגעפילט מיט באנקנאטן, א רוסישע ״קאטערינקא״ פון הונדערט רובל — א גרויסע סומע געלט פאר יענע צייטן.

— מיין ליבער איד — האט משה מאנטעפיארי געזאגט מיט גרויס וואונדער — פיהל אידן קומען עסן אין מיין הויז, אבער קיינער האט נאך נישט פארגעלייגט א נדבה פון 100 רובל פאר מיין הכנסת אורחים. פאר הונדערט רובל, דאס הייסט, פאר צען ענגלישע פונט, קענט איר דאך

פראווען א מלכות׳דיגן יום טוב אומעטום... זאגט מיר וואס איז די אורזאך פון דעם.

נעמט רבי ישראל און דערציילט איהם די גאנצע געשיכטע וועגן זיין ״שברון לב״ פון עסן פון טריפה׳נע כלים, וואו ער איז שיעור נכשל געווארן צו עסן נבלות... און אז אויסער איהם, השר משה מאנטעפיארי, קען ער נישט געטרויען קיינעם אין כשרות... און אויב ער זאגט איהם אפ, חס וחלילה, וועט ער דארפן אפקומען די קומענדיגע ימים טובים מועדי ה׳ מיט טרוקענע ברויט...

— אויב אזוי — זאגט משה מאנטעפיארי — זענט איר איינגעלאדן צו זיין מיין פערזענליכער גאסט ווי לאנג איר וועט דארפן בלייבן אין לאנדאן. אבער דער פרוי, וואו איר שטייט איין, זאלט איהר באצאלן פאר דער גאנצער צייט, וואס איהר האט בדעה צו בלייבן אין לאנדאן, איך וויל נישט קאנקורירן מיט א ארימע פרוי און צונעמען אירע געסט און פרנסה — האט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל. — איר דארפט איהר אבער אויך אויסלערנען די דינים פון כשרות און טרפות, און איר אויך צורעדן צו בייטן איר גאנץ געפעס...

נאך דעם זעלבן טאג האט רבי ישראל מיט זיין באגאזש זיך איבערגעקליבן אין משה מאנטעפיארי׳ס פאלאץ א דינער האט איהם מיט כבוד אויפגענומען און אנגעוויזן אויף זיין צימער, וועלכער איז געווען זייער רייך אויסגעשטאט.

צו דער סעודה המפסקת האט א עולם פון אריבער הונדערט מענטשן זיך אויסגעזעצט ארום טיש. אלע זיינען זיי געווען ״דייטשמעריש״ געקליידעט. פיל האבן אפילו קיין ״חתימת זקן״ נישט געהאט. משה מאנטעפיארי איז געזעסן אויבן אן, און די תורה און מאמרים, וואס ר׳ ישראל האט געהערטביים טיש, האט איהם פשוט דערשטוינט. אין דערהיים ביי זיך איז ער געווען געוואוינט צו הערן תורה פון רבנים און פון אידן מיט שיינע לאנגע בערד, אבער אזא דייטשמערישער עולם זאל זאגן תורה, וואלט ער קיינמאל נישט געגלויבט, ווען נישט ער הערט און זעט עס מיט זיינע אייגענע אויערן און אויגן...

נאך דער סעודה המפסקת זיינען אלע אוועק אין דער שול, וועלכע משה מאנטעפיארי האט געהאט ביי זיך אין זיין הויף. נאך כל נדרי און מעריב זיינען זיי אוועק, און נאר משה מאנטעפיארי מיט א פאר מנינים אידן זיינען פארבליבן זינגען דעם "שיר היחוד" און זאגן תהלים. רבי ישראל'ן האט זיך געדאכט, אז נישט ער איז אין לאנדאן נאר ביי זיך אין שטאט אין זיין שטיבל, צווישן באיאנער חסידים... די זעלבע התלהבות... די זעלבע דבקות...

אויף מארגן נאך מוסף ווען דער עולם איז געזעסן אפגעשוואכט פון דעם תענית און די תפילות, האט דער שמש אויסגערופן:

— סער משה מאנטעפיארי לאדנט דעם גאנצן עולם צו זיך אין הויז אריין.

רבי ישראל, אלס גאסט, איז געזעסן לעבן משה מאנטעפיארי, און ווען יעדער האט זיך אויפגעהויבן צו גיין, האט ער זיך אויך אויפגעהויבן און איז איהם נאכגעגאנגען און נאך זיי אלע מתפללים. זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם הויף און אריין אין הויז אין דעם גרויסן עס־צימער, און רבי ישראל האט מיט גרויס ציטערניש דערזען דעם ריזיגן טיש באדעקט מיט די בע'טעמ'טסטע, שמעקענדיג'סטע מאכלים, טייערסטע וויינען, לעקעך, און די שענסטע, גלוסטיגסטע פרוכט.

דער גאנצער עולם האט זיך אויסגעזעצט ארום טיש.

א טויטע בלאסקייט האט באדעקט רבי ישראל'ס פנים און א קאלטער שווייס האט ארויסגעשלאגן אויף זיין לייב. ער האט געפילט, ווי קרעמפן נעמען ארום זיין הארץ און אז אט, אט חלש'ט ער אוועק...

— רבונו של עולם — טראכט ער זיך אין שרעקליכע אנגסטן, — וואס פאר א אידן זיינען זיי עס, וואס פאר א מנהגים פארמאגן זיי עס? השר משה מאנטעפיארי, וועלכער היט אפ אידישקייט און כשרות, לויט דעם שלחן ערוך, הונדערט פראצענט, זאל גאר פראווען א סעודה יום כפור נאך מוסף... און וואס וועט זיין אויב משה מאנטעפיארי וועט איהם מכבד זיין מיט עסן, וואס זאל ער טאן? זאל ער אפשר שוין אנטלויפן,

אדער ער וועט האבן געגוג מוהט ארויסצוגעבן וואס איהם ברויזט יעצט אויפן הארץ. ער פיהלט אז אט אט לאזן זיך איהם אויס די כוחות...

— רבותי, — האט ער דערהערט משה מאנטעפיארי׳ס שטימע, — אין אונזער הייליגע תורה איז געשריבן, אז יום כפור דארף מען מקיים זיין "ועניתם את נפשותיכם", פייניגן דעם נפש! און אויב מיר זאלן זיצן א גאנצן טאג אין שול, פארטאן אין תפילות, קען מען גרינג פארגעסן אין עסן, דער תענית קען אריבער אומבאמערקטערהייט און דעם "ועניתם את נפשותיכם" וועט מען אפילו נישט פילן. דעריבער האב איך אייך איינגעלאדן צו א טיש באלאדן מיט כל טוב, כדי צו פילן דעם טעם פון זען עסן און גובר זיין דעם יצר־הרע און נישט עסן און מקיים זיין די עינוים פון א תענית.

— געלויבט איז ג־ט און געבענטשט זאלן זיין זיינע אמת׳ע געטרייע דינער! — האט רבי ישראל אויסגעשריען, און נישט קענענדיג אויסהאלטן דעם שארפן איבערגאנג פון גרויסן אנגסטן צו אומבאשרייבליכער דערלייכטערונג, איז ער אין חלשות געפאלן...

— א איד האט מקיים געווען דעם "ועניתם את נפשותיכם" "בנפשו ובלבבו" מיט זיין גאנצן וועזן! דערלאנגט א פלעשעלע טראפנס פאר ר׳ ישראל.

— קומט רבי ישראל, — האט משה מאנטעפיארי געזאגט, ווען יענער האט אויפגעעפנט זיינע אויגן. — קומט, לאמיר דאווענען מנחה, איהר האט כשר פארדינט דעם מפטיר יונה...

גרייטן דעם טיש

עס איז געווען א מנהג אין אנדערע ערטער, דאס באלד נאך די סעודה המפסקת פון ערב יום הכפורים, פלעגט מען אפראמען דעם טיש און עס צודעקן מיט א שניי ווייסן טישטוך, און אנשטאדט וואס מען לייגט שטענדיג די חלות אויפן טיש, לייגט מען ספרים און מען דעקט זיי איבער אויך מיט א טישטוך, פונקט ווי מען פיהרט זיך ביים גרייטן דעם טיש שבת און יום טוב — און די ספרים בלייבן אזוי צוגעדעקט ביז מוצאי יום כפור.

(מאמר מרדכי)

פארבלענדט די אויגן

א סך יאהרן זענען שוין אריבער פון יענעם יום־כפור, און איך געדענק איהם נאך, פונקט ווי ערשט נעכטן וואלט ער געווען. עס דוכט זיך מיר אז איך וועל איהם שטענדיג געדענקען, דעם גאנצן לעבן מיינעם. ווייל אנדערש איז ער געווען פון אלע מיינע יום־כיפור׳ס, וואס פאר איהם און נאך איהם. דאס איז געווען א יום־כיפור אויפ׳ן ים.

די שיף וואס האט מיר צוריקגעפירט קיין ארץ־ישראל, צו מיין הויז, צו מיין פאמיליע, האט זיך פארהאלטן אין וועג לענגער ווי עס איז געווען געצייכנט אין רייזע־פלאן. געלאדנט האט זי אין יפו נישט צווי טעג פאר יום־כיפור, ווי עס איז בעשטימט געווען פאראויס, נאר א טאג נאך יום־כיפור. דעם יום־הקדוש זענען מיר געווען אין מיטן ים.

יום־כיפור אויפ׳ן ים — די פעדער איז צו ארעם אויף ארויסצוגעבן די געפילן וואס האבן יענעם טאג אנגעפילט דאס הארץ. א רייזע אויפ׳ן ים ערוועקט אין א מענטשן העכערע געפילן און געדאנקען. עס ענטפלעקט זיך פאר איהם די גרויסקייט און שיינקייט פון דער בריאה, און דער מענטש דערפילט זיין קליינקייט, זיין שוואכקייט. פארגאפט הערסטו זיך צו צו די ברומונג פון די כוואליעס און עס דוכט זיך אז זיי שרייען צו דיר און רופן צו בעזינונג, צו חשבון־הנפש. עס דוכט זיך אז זיי זאגן: נארישער מענטש, ווילסט די גאנצע וועלט ארייננכאפן, און נאכיאגנדיג זיך נאך איהר פארלירסטו דאס בעסטע וואס דו פארמאגסט, דיין קורצן לעבן! טויזנטער, טויזנטער מענטשן האבן שוין פאר דיר געריטן אויף אונזערע רוקנס. ס׳האט זיי געטריבן דער דארשט נאך רייכטום, נאך כבוד, נאך הערשאפט — וואו זענען זיי אלע? פארשוואונדן אין אפגרונט. אין אפגרונט פון אונזערע קאלטע וואסערן אדער אין אפגרונט פון פארגעסנהייט. היט, מענטש, אויף דיין קורצן לעבן, היט דיין אוצר.

אט אזוי שטייט דער רייזענדער, קוקט אויף דעם ים, הערט זיך צו צו די צושטורעמטע כוואליעס, און זיין הארץ איז נישט ווינציגער שטורמיג. אויפ׳ן געדאנק קומען די ווערטער פון ר׳ יהודה הלוי: ״א ים פון בלויקייט פון אויבן; א ים פון וואסער אונטן — און צווישן זיי מיין הארץ א דריטער ים״.

יום־כיפור אויפ׳ן ים — דאס איז א איבערלעבעניש וואס ווערט נישט פארגעסן.

צווישן הימל און ים — האט נישט דער מענטש אט די זעלבסט־זיכערקייט וואס עס גיט איהם די ערד אונטער די פיס. נישטא קיין הויכע שטיינערנע געביידעס וואס ברייגען א מענטשן צום געדאנק אז ער איז א כוח אויף דער וועלט, א בעל הבית, א הערשער. אויפ׳ן ים פילט דער מענטש זיין נישטיקייט, ער פילט אז ער איז אין רשות פון דעם וועלט־הערשער, און ווען ער שטעלט זיך פאר איהם אין תפלה, צעעפנט זיך די הארץ דורך און דורך, און פון די טיפסטע טיפענישן שרייט זיך ארויס: ״סלח לנו״.

אויפ׳ן ים פילט דער מענטש אז די גאנצע וועלט, דער גאנצער לעבן, איז ווי א רייזע אויף א צושטורעמטן ים. די געשעהענישן, אזוי ווי די ים־כוואליעס, ווארפן איהם פון איין ארט צום צווייטן, און דער איינציגער אמת׳ער ציל איז: ווען דער ים־רייזנדער שטעלט זיך יום־כיפור אין תפילה און זאגט: ״חטאנו״. הערט זיך אין דעם אמת׳ע חרטה, אלע אדערלאך פון הארצן שרייען אויס: חטאנו, מיר האבן חרטה.

יא, יענעם יום־כיפור געדענק איך, און איך וועל איהם געדענקען. און נאך א זאך געדענק איך פון יענעם יום־כיפור. א טראגישע ערציילונג פון א סעודה צו כל־נדרי.

געווען איז עס ביינאכט. נאכן ענדיגן דעם דאווענען, בין איך נישט אראפ אין דער קאבינע. דארט איז געווען זייער הייס. איך האב אויסגעזוכט אויפ׳ן דעק א טונקעלן ווינקל, זיך געזעצט דארט, געקוקט אויפ׳ן ים וואס איז געווען באזילבערט פון לבנה שיין, צוגעהערט זיך צום

סודות־פולן געמורמל פון די כוואליעס, און איבערגעגעבן זיך צו געדאנקען וועגן מענטש און וועלט.

פלוצלונג האב איך דערפילט אז איימיצער זיצט נאהנט צו מיר. איך האב א קער געטאן דעם קאפ: נעבן מיר איז געזעסן ווער. טראץ דער טונקלקייט האב איך גלייך דערקענט אז דאס איז ד. ב.

איך האב ד. ב. גוט געקענט. אין דער צענטאגיקער צוזאמען רייזע האבן מיר פיל געשמועסט. ער איז געווען זייער א ערנסטער מענטש און דערצו א גוט פארשטאנדיקער. זיין אויפפירונג איז געווען א שטריינג־רעליגיעזע, און עס איז געווען א פארגעניגן מיט איהם צו פארברייגען אין א שמועס וועגן פארשידענע ענינים וואס האבן א אינטערעס פאר א אידישן מענטשן. אבער דאס מאל האב איך געוואלט זיין אליין מיט מיינע געדאנקען. איך האב געוואונטשן זיך אז ד. ב. זאל נישט איבעררייסן זיין שטילשווייגן.

אבער מיין וואונש איז נישט ערפילט געווארן. ד. ב. האט געפרעגט:

— ווילט איהר הערן עפעס א ערציילונג, זייער א אינטערעסאנטע?

איך האב געוואלט ענטפערן אז נישט, און געזוכט פאסיגע ווערטער צו ערקלערן מיין נישט־ווילן כדי ד. ב. זאל זיך נישט באליידיגן.

ער האט נישט געווארט אויף מיין ענטפער.

— איך וויל אייך בעטן איהר זאלט מיר אויסהערן. איהר וועט מיר מיט דעם טאן א גרויסע טובה. דאס וועט זיין א אמת׳ער גמילות חסד — האט געזאגט ד. ב.

— "דערציילט" — האב איך געזאגט — "אבער קענט איהר נישט אפשטופן דאס דערציילן אויף מארגן ביינאכט?"

— "ניין" — האט ער געזאגט מיט א שארפן קול. — "שוין זעכצן מאל האב איך דאס דערציילט יום־כיפור־ביינאכט, און אויך היינט פיל איך א אינערליכן דראנג דאס צו דערציילן. אז איהר וועט הערן מיין

ערציילונג וועט איהר מיר פארשטיין. עס איז דער יאהרצייט פון א טראגישע געשעהעניש מיט זיבעצן יאהר צוריק. איהר ווילט הערן?״

— ״איך בין גרייט צו הערן״ — האב איך געזאגט און געווארט אז ד. ב. זאל אנהויבן.

אבער עס איז אריבער א לענגערע וויילע און ד. ב. האט געשוויגן. טראץ דער טונקלקייט האב איך געזעהן אז ד. ב. איז ערנסט פארטראכט. ער האט — זעהט אויס — זיך באמיהט אויפצולעבן אין זיינע געדאנקען יענע טראגישע מאמענטן. די אויגן זענען געווען האלב פארמאכט, און די הענט האבן געקוועטשט דאס בענקל אויף וועלכן ער איז געזעסן.

ענדליך האט ער אנגעהויבן, און אזוי האט ער אנגעהויבן:

— איך וויל דערציילן, איך מוז דערציילן, אבער דער אמת איז אז עס איז מיר שווער צו דערציילן, זייער שווער. עס שטייט מיר פאר די אויגן יענע געשעהעניש און אלץ וואס עס האט געבראכט צו דעם. עס נעמט מיר ארום א שוידער.

אז איך דערמאן זיך אלץ וואס עס איז דאן אריבער אויף מיר — וואונדער איך זיך ווי אזוי איך האב דאס אויסגעהאלטן. דוכט זיך אז דאס איז איבער די כוחות פון א מענטש. אבער אז מען גיט א מענטשן יסורים, גיט מען איהם אויך כח אריבערצוטראגן זיי.

איך בין געווען דאן א בחור׳ל פון א יאהר זעכצן־זיבעצן. איך האב געלערנט אין א ישיבה, און ווי דער שטייגער איז אין אזא עלטער האב איך געחלומט וועגן א גליקלעכע צוקונפט.

פלוצלונג באקום איך א טעלעגראמע פון פאטער איך זאל גיך קומען אהיים. די טעלעגראמע האט מיר איבערגעשראקן — די רחמנות־בליקן פון מיינע חברים, וועלכע האבן שוין געוואוסט וואס עס טוט זיך ביי אונז אין שטוב, האבן מיר נאך מער דערדריקט. די דריי שעה נסיעה איז געווען שרעקליך. אריין בין איך ווי פאראליזירט פון שרעק.

אנקומענדיק אין שטוב האב איך גלייך דערזעהן אז ג־ט׳ס צארן האט

זיך אויסגעגאסן אויף אונזער פאמיליע. דער פאטער און די מוטער זענען געלעגן קראנק. דער פאטער האט מיר דערציילט וואס איז אריבער אין די פאר חדשים — פון פסח ביז נאך שבועות — וואס איך בין נישט געווען אין שטוב.

דער ערשטער קלאפ: פארלארן כמעט דעם גאנצן פארמעגן. דער פריץ, מיט וועמען מיין פאטער האט געהאנדלט, האט פארהולטאיעוועט זיין גאנצן פארמעגן, און איז געבליבן שולדיג זייער פיל געלד. ער האט זיך דערשאסן. ביי איהם אין האנט איז געווען אונזער געלד. מיין עלטערער ברודער האט געפרואווט ארויסראטעווען אביסל געלד, האט ער דערביי געטאן עפעס געגן געזעץ, איז ער ארעסטירט געווארן און עס דראהט איהם א שטראף פון פיל יאהרן טורמע.

פון עגמת־נפש איז דער פאטער קראנק געווארן. די מוטער האט זיך געשטארקט, באדינט דעם פאטער, געטרייסט און געמוטיגט איהם, אבער איהרע כוחות האבן דאס לאנג נישט געקענט אנהאלטן. יעצט איז זי אויך קראנק, און איהר לאגע איז זייער ערנסט. דעריבער האט מען מיר גערופן איך זאל באדינען די קראנקע.

עס איז איבריג צו ריידן וואס עס איז דאן אריבער אויף מיר. טאג און נאכט האב איך באדינט די קראנקע. אפילו קיין איין מינוט האב איך נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן וועגן עפעס א אויסוועג פון דער שווערער לאגע.

אין א געוויסן אוונט, נאהנט צו ראש־השנה, האט דער פאטער מיר צוגערופן צו זיין בעט און געזאגט:

— מיין זון, איך וויל אויף דיר ארויפלייגן א שליחות, זייער א שווערע. די לאגע פון דיין מוטער איז זייער הארב, און מען מוז איהר פירן קיין ווארשע צו א פראפעסאר. מען דארף האבן צו דעם א סך געלד, און איך בין אזוי פאראערמט אז דאס ברויט וואס מיר עסן איז פון פרעמדע.

דיין מוטער האט א ברודער אין דער גרויסער שטאט ר. זי האט מיט איהם נישט געהאט ביז היינט קיין שום פארבינדונג. פארוואס? ווייל ער

איז אראפ פון אידישן וועג. ווען ער איז נאך געווען א יונג בחור׳ל איז ער קאליע געווארן, און זיין פאטער האט איהם פארטריבן פון הויז און איבערגעריסן מיט איהם אלע באציהונגען — אויך דיין מוטער האט איהם נישט אנערקענט מער אלס ברודער און זי האט פון איהם נישט געוואלט וויסן, און טאקע גארנישט געוואוסט. שוין העכער דרייסיג יאהר אז זי האט פון איהם גארנישט געהערט.

מיט א יאהר צוריק האב איך צופעליג זיך דערוואוסט אז ער לעבט אין ר. און איז א גרויסער גביר, אפשר א מיליאנער. ער האט אין ר. און אין נאך שטעט פיהל פעלדער, און גרויסע הייזער. וויל איך מיין קינד אז דו זאלסט פאהרן צו איהם, דערציילן איהם די לאגע פון דיין מוטער און דערוועקן זיין רחמנות, ער זאל דיר געבן אויף אויסצוהיילן דיין מוטער. איך זאג דיר פאראויס אז דאס וועט דיר נישט לייכט אנקומען. איך ווייס אז ער האט א שטיק צייט געטראגן א שטארקן כעס אויף דיין מוטער. ער האט א־יהר באשולדיגט אין באאיינפלוסן זייער פאטער צו פארטרייבן איהם פון הויז. איך האף אבער אז הערנדיק זיין שוועסטער׳ס לאגע וועט זיין כעס פארווישט ווערן און ער וועט זיין גרייט איהר ארויסצוהעלפן אין איהר גרויסן נויט.

אויפצומארגנס האב איך זיך געלאזט אין וועג אריין. פון אונזער שטעטל ביז ר. איז געווען זייער ווייט, און דערצו נאך האט א גרעניץ אפגעטיילט איהר פון אונזער מדינה, איך האב נישט געהאט קיין געלד אויף צו פאהרן, בין איך געגאנגען צופוס אדער מיטגעשלעפט זיך מיט פויערשע פורלעך וואס איך האב אנגעטראפן. דעם גרענעץ האב איך דורכגעשווארצט, ווייל איך האב נישט געהאט קיין רייזע־פאס.

עס איז נישט פארצושטעלן וואס איך האב דורכגעמאכט אין וועג. איך בין געווען אויסגעהונגערט, אויסגעמאטערט, ערשעפט, ממש ביז כוחות אויסלאז. געטראגן האט מיר בלויז דער ווילן צו ברייננגען הילף דער מוטער. נישט איינמאל האט זיך מיר געדוכט אז איך פאל אנידער פון שוואכקייט. אבער אין דעם מאמענט פלעג איך זיך דערמאנען אז די מוטערווארט אויף דער הילף וואס איך וועל איהר ברייננגען — און איך

האב מיט באנייטן מוט געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג און ווייטער געגאנגען. ערב יום כפור אינדערפריה בין איך אריינגעקומען קיין ר.

איך האב זיך נאכגעפרעגט וואו מיין פעטער׳ס הויז איז, און דארט געגאנגען. צוקומענדיג צו זיין הויז בין איך געבליבן שטיין ערשטוינט און פארלארן. א פאלאץ האב איך געזעהן פאר זיך — נישט קיין הויז. איך האב נישט געהאט קיין מוט אנצוקלאפן אין טיר. האב איך זיך אנגעשפארט אויף א גדר דערנעבן און געווארט.

און ווידער האב איך זיך דערמאנט אין מיין מוטער. דאס האט אין מיר ערוועקט מוט, און איך האב אנגעקלאפט אין טיר. א דינסט האט געעפנט די טיר אין אייניגע מינוט ארום, א קוק געטאן אויף מיר און באלד פארהאקט פאר מיר די טיר.

איך האב א צווייטן מאל געקלאפט, א דריטן מאל געקלאפט — יעדעס מאל האט זיך איבערגעחזרט דאס זעלבע. ווען איך האב צום פערטן מאל געקלאפט און די טיר האט זיך געעפנט האב איך אויסגעשריען מיט א וויינענדיק קול: האט רחמנות! לאזט מיר אריין צום פעטער!

די דינסט האט ווייטער געוואלט פארהאקן די טיר, אבער אין דעם מאמענט איז אנגעקומען א עלעגאנט־געקליידעטע פרוי, באהאנגען מיט גאלד און זילבער.

— וואס קומט דא פאר? — האט זי געפרעגט.

— דער ארימאן קלאפט דא א גאנצן טאג אין טיר — האט די דינסט געענטפערט און אנגעוויזן אויף מיר.

— ״איך בין נישט קיין ארימאן״ — האב איך אויסגעשריען ווי נישט מיט מיין קול — ״איך מוז נויטיג זעהן דעם הערר ז. ער איז מיין פעטער״.

די פרוי האט מיר איינגעלאדן אריינצוגיין. זי האט גענוי אויסגעפרעגט מיר ווער איך בין, און וואס איז מיין ציל. איך האב אלעס דערציילט. זי האט מיר דאן געזאגט אז הער ז. איז נישטא יעצט אין הויז.

ער וועט קומען פארנאכט. איך זאל אבער פארבלייבן דא אין הויז און ווארטן ביז ער וועט קומען. אן צווייפל וועט ער מיר העלפן.

זי האט מיר אריינגעפירט אין א צימער און געזאגט אז דער צימער וועט זיין פאר מיר כל זמן איך וועל זיך געפינען ביי זיי אין הויז. אין א קורצע ווײַלע ארום האט זי פאר מיר אריינגעבראכט נייע קליידער (דאס איז געווען פון זייער זון׳ס קליידונג. ער איז געווען בערך אין מיין עלטער) און געהייסן מיר אנטאן. אנטהוענדיג די זאכן האב איך אויסגעזעהן אינגאנצן אנדערש — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געבליבן אליין אין צימער און גענומען באטראכטן מיין לאגע — האט מיר באהערשט א מאדנער געפיל, עס האט זיך מיר געדוכט אז איך בין נישט איך. דער אמת׳ער איך איז עפעס געווארן איינגעשרומפן, געווארן גאר קליין, קליין, און ער באהאלט זיך ערגעץ וואו אין א ווינקעלע פון הארץ, און זיין ארט האט פארנומען עפעס אינגאנצן א אנדער מענטש, מיט אנדערע געפילן און שטרעבונגען. נישטא מער דער ישיבה־בחור פון דער קליינער שטעטעלע, וואס זיין מוטער ליגט געפערליך קראנק. נאר עפעס א נייער באשעפעניש וואס איז ווי ערצויגן אין רייכטום און גענוס. וואס דערקוויקט זיך מיט די קלאוויר־טענער וואס טראגן זיך פון צווייטן צימער, וואס קוועלט אן קוקנדיג אויף דער הערליכער געוויקסונג וואס אין גארטן, וואס פאר זיינטוועגן זענען באשאפן די פראכטפולע טעפיכער און שיינע בידלער וואס באפוצן דעם צימער.

דער קליינער איינגעשרומפענער ״איך״ האט געוואוסט אז איצטער איז ערב יום־כיפור פארנאכט, אז אין דער צייט זיצן אידן און עסן מיט ערנסטע שטימונג די סעודה המפסקת, אז באלד וועט מען גיין אין שוהל, און די טיף ערוועקנדע טענער פון ״כל נדרי״ וועלן אויפטרייסלען יעדעס אידישע הארץ — אבער דער וואס האט פארנומען דעם פלאץ פון מיין ״איך״, איהם איז דאס אלץ גארנישט אנגעגאנגען. ער איז געווען א געבארענער און ערצויגענער אין דעם דאזיגן פאלאץ, און דא איז נישט געווען קיין מינדעסטער סימן פון יום־כיפור.

ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל איז הער ז. אנגעקומען. און באלד האט א דינסט מיר אריינגערופן אין עס־זאל. דארט האב איך זיך קורץ פארגעשטעלט פאר איהם, און מען האט זיך געזעצט צו דער סעודה.

אלע האבן געגעסן און אויך איך. איך? ניין, דער "איך" האט זיך געגנגעשטעלט. אבער ער איז געווען קליין און קראפטלאז. ער האט נישט געהאט קיין הערשאפט איפ׳ן ווילן. איך האב געשפירט אז איך טהו א זאך וואס וועט מיר דעם גאנצן לעבן פייניגן — און דאך האב איך דאס געטאן.

נאכ׳ן עסן איז מען אריבער אין סאלאן און די טאכטער האט געשפילט קלאוויר. הער ז. האט גערויכערט א ציגאר וואס האט פארשפרייט זיין דופט אין גאנצן זאל, און איך האב געבלעטערט עפעס א פרעמדשפראכיגן זשורנאל קוקנדיג אויף די בילדער — — — — — —

ווען איך האב זיך געלייגט שלאפן איז דער שלאף נישט געקומען צו מיר. שעה׳ן האב איך זיך געווארפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. איך בין געווען אויסערגעוויינליך מיד, אבער דער שלאף איז נישט געקומען.

און אט אזוי ליגנדיג אין בעט האט זיך פלוצלונג געענדיגט דאס פארשטעלעניש. מיין "איך" האט גענומען ווערן גרעסער און גרעסער ביז ער האט ווידער אויסגעפילט מיר אינגאנצן פון קאפ ביז די פיס. אין דעם מאמענט האט איך דערשפירט אז איך מוז גלייך אנטלויפן פון דאנעט. איך האב אויפגעזוכט מיינע אלטע בגדים, אנגעטון זיך און דורכ׳ן פענסטער ארויסגעשפרונגען אין גארטן אריין, איך בין איבערן גדר — און איך בין פריי.

איך האב אויפגעזוכט א שוהל. אוועקגעשטעלט זיך אין א ווינקעלע דאוונען מעריב. קומענדיג צו "אשמנו" האב איך זיך געריסן די האר פון קאפ און געזאגט "אכלתי ביום הכיפורים". ערשט דאן האב איך זיך דערשפירט א ביסעלע לייכטער.

פאר מיין פעטער האב איך זיך מער נישט געוויזן. אבער געבראכט האב איך מיט זיך א היים א פיינע סומע געלד. א איד אין שוהל האט מיר

אויסגעפארשט ווער און וואס איך בין. דער רעזולטאט פון דעם איז געווען — א פיינע סומע געלד וואס ער האט פאר מיר געשאפן.

קומענדיג אהיים האב איך געטראפן אלעמען אין א סך א בעסערע לאגע. דער פאטער איז שוין ארומגעגאנגען, און די מוטער האט זיך געפילט א סך בעסער. דער איינציגער וואס האט זיך געפילט נישט גוט — בין איך דאס געווען. איך האב בשום אופן נישט געקענט אריבערטראגן די יום־כיפורדיגע סעודה. איך האב געוואוסט אז תשובה העלפט אויף אלע זינד, און איך האב תשובה געטון. יעדע וואך האב איך געפאסט דעם דינסטאג (ווייל ערב יום כיפור איז געווען דאן דינסטאג). און דאך האט דאס מיר געדריקט. מער געפייניגט, דאס וואס איך האב זיך דורכדעם ווי אויסגעטיילט פון כלל ישראל. און די שעה וואס אידן אין דער גאנצער וועלט זיינען געשטאנען אין תפלה פאר הקב״ה, האב איך געזעסן און פארשוועכט דעם הייליגן טאג, אזוי ווי א גוי.

א גאנצן יאהר האט זיך געצויגן מיינע ליידן. בלויז ווען עס איז געקומען דער אנדער יום־כיפור און איך האב מקיים געווען איהם ווי דער דין, מיט פאסטן, מיט דאוונען, מיט הייסע זודיגע טרערן, האב איך געפילט אז מיין זינד איז שוין אפגעווישט. איך בין ווידער איינגעגלידערט אין כלל ישראל.

זיבעצן יאהר איז שוין אריבער פון דאן. אבער יעדעס יאהר ווען עס קומט די יום־כיפור נאכט קומט מיר דאס בילד פונדאסניי פאר די אויגן, און איך פיל א נויטיגקייט אראפצוריידן זיך פון הארצן.

ד. ב. האט געענדיגט, ווידער האט געהערשט א שטילקייט. דער ים איז געלעגן אויסגעצויגן ווי א זילבערנע פלאטע. כוואליעס האבן געלעקט די ווענט פון שיף און סודות׳דיק געמורמלט. איך האב געטראכט וועגן די קליינקייט פון מענטש און די שטארקייט פון די כוואליעס אין דעם שטורעמדיקסטן ים פון אלע ימ׳ען: דער לעבן.

פינפטער קאפיטל: **יום הדין**

דריי יאהרצייט ליכט
געבליבן די צווייטע היים
אין קאמוניסטישן מינסק
דעם ציידנס ברכה

פינפטער קאפיטל

יום הדין

דריי יאהרצייט ליכט

איך האב ליב געהאט זיך ארײנשטופן אין פארנאכטיקער טונקלקייט צווישן מנחה און מעריב אין גרויסן האלצערנעם בית־מדרש, פאררוקן זיך אין דער פינסטערניש הינטערן ווארימען ליימענעם אויוון און חלומ׳ען... חלומ׳ען פון די מעשיות וואס האבן געשפארט פון אלע ווינקלען פון אלטן בית־מדרש, און װעלכע עס פלעגט מיר דערצעהלן דער לאמער אונטער־שמש מאטיע: א קליין איינגעהויקערט איינגעטריקנט אידעלע מיט א קליין פנימ׳ל מיט פלינק־לויפנדע אויגעלעך, קינדיש שמייכלענדיגע, וואס פלעגן זיך ברייט צעעפענען דערהערנדיג די טרוקענע שטימע פון אויבער־שמש ר׳ אייזיק.

אויף א הילצערנער דריי־פיסיגער באנק, אונטערגעשפארט מיט א הילצערן אפגעזעגט קלעצל האלץ, האב איך אויך אט די מעשה פון די דריי יאהרצייט ליכט פון זיין מויל געהערט. דערצעהלן פלעגט ער פאמעלעך, ציהענדיג יעדעס ווארט, אונטערן איינדרוק פון זיינע אייגענע זכרונות.

געוועזן איז דאן א ערב יום־כפור א רעגנדיגער. אין בית־מדרש האט מען זיך געגרייט מקבל צו זיין דעם טאג פון איום ונורא.

און אט זעה איך ווי דער שמש ר׳ אייזיק, וואס קלאפט אן די צדקה פושקעס נעבן טיר, געהט עמיצן אנטקעגן הכנעה׳דיג, און אין טיר באווייזט זיך מרדכי־בונים׳ס משרת. מרדכי בונים, דארפסטו וויסן קינד מיינס, איז געוועזן דער גרעסטער פאדראטשיק, א קרוב למלכות, דער גרעסטער גביר פון שטאט, א מענטש מיט אוצרות געלד, א ארײנגעהער ביי די גרעסטע שררות און גע׳חבר׳ט זיך מיט׳ן פאליציי־מייסטער אליין...

אייזיק דער שמש דערזעהענדיג אפילו נאר דעם משרת פון ר׳ מרדכי

בונים איז שוין מבולבל געווארן און נישט געוואוסט וואס דאס באדייט. דער סוד איז אבער שנעל אנטדעקט געווארן: ר׳ מרדכי בונים האט געשיקט מיט׳ן משרת א גרויסע שניי־ווייס יאהרצייט ליכט אויפצושטעלן אין דעם הייליגן טאג. אויך אין אונז האט ער נישט פארגעסן, און מיטגעשיקט א זילבערנעם בעכער פאר׳ן שמש און פינף און צוואנציג קאפיקעס פאר מיר...

דאס איז געווען א ריזיגע ליכט. שטייף, שטאלץ און ווייס ווי א סאסנאווער יונגער בוים אין א פראסטיגן ווינטער. מען האט דאס יאהר־צייט ליכט פארזיכטיג אנגענומען, צוגעטראגן צום עמוד פון חזן און ארייננעשטעלט אויפן בכבוד׳יגסטן ארט: פון דער רעכטער זייט נעבן די צווי ״גאלדענע לייבן״. ר׳ אייזיק האט עס פעסט ארייננעשטעלט אין דער גרויסער קופערנער מנורה.

עס איז נישט אריבער קיין האלבע שעה ווי די טיר פון בית המדרש האט זיך געעפנט, און עס האט זיך באוויזן דער משרת פון ר׳ סנדר חלפן, אדער ווי אין שטעדטל האט מען איהם גערופן: ״סענדער פראצענטניק״. געווען איז דאס א איד א עושר, א קארגער, און א בעל־הבית פון דריי הייזער אויף דער שעהנסטער ניקאלאיעווער גאס.

אויך סענדער חלפן׳ס משרת האט געטראגן א יאהרצייט־ליכט. אביסל א קלענערס, אבער אויך גענוג גרויס; און אויך פאר אונז איז געווען א מתנת יד, אבער גאר א קארגליכער, ווי מען האט זיך געקענט ריכטן פון סענדער פראצענטניק... אויך אט דאס יאהרצייט ליכט האט ר׳ אייזיק שמש אוועקגעשטעלטביים חזן׳ס עמוד, פון דער לינקער זייט פון גאלדענעם לייב, און אנגעקוואלן פון די צווי גרויסע ווייסע שטאלצע ליכט.

— מיין קינד, מעגסט הערן ווייטער, — זאגט צו מיר דער שמש — דער ערב יום כפור האט נישט געווארט, די צייט האט זיך גערוקט, די גרויע וואלקענדלעך אויפ׳ן הימל האבן שוין אנגעהויבן בלוילעך צו ווערן. מיר האבן זיך שוין געגרייט אינגיכן צו מנחה. אין דרויסן האט נאך אלץ גערעגנט און עס האט זיך שוין געפיהלט ווי די פליגלען פון יום הדין שוועבן איבער׳ן שטעדטל.

פלוצלונג האט זיךביים טיר פון בית המדרש דערהערט א סקריפען, און אין בית המדרש איז אריין די אלמנה, זעלדע דעם קאלכערס, וואס איהר מאן איז געשטארבן פאר א יאהרן ערב יום כפור פון א הארץ שלאג און איהר איבערגעלאזט מיט פינף יתומים׳לעך. אויך זעלדע די אלמנה האט געבראכט א יאהרצייט ליכט אבער א קליינס, א דארס, א איינגעטריקנטס.

זי האט מיט תחנונים׳דיגע אויגן דערקלערט אז זי האט נישט געוואלט בארגן ערב יום־כפור אויף א יאהרצייט ליכט, האט זי געווארט ביז זי וועט אין מארק עפעס לייזן און פאר די ערשטע קאפיקעס פון די פארקויפטע ציבעלעס, האט זי אין איילעניש דאס יאהרצייט ליכטל געקויפט און איילט זיך איצט צו איהרע ״קליינע פייגעלעך״ צוזאמען מיט זיי עפעס פארפאסטן...

ר׳ אייזיק האט דאס יאהרצייט ליכטל צוגענומען, און זוכנדיג לאנג מיט די אויגן אין ווינקל פון פאלוש וואו עס זיצן געוועהנליך קבצנים און אורחים, האט ער דאס יאהרצייט־ליכטל אריינגעשטעקט אין א פראסט־הילצערנע קעסטל, אנגעפילט מיט געלן זאמד...

דער כל נדרי איז א דורך ווי שטענדיג. געדאוונט האט ר׳ משה סנדקי. דער עולם האט צוגעהאלפן, די ליכט האבן געברענט, ווייסע קיטלען האבן זיך געשאקלט. אין מזרח אין א ווינקל איז געשטאנען איינגעוויקלט אין א אלט פארגעלטן טלית דער רב ר׳ ליפעלע. אויבן אן אין מזרח פון ביידע זייטן ארון קודש האבן געדאוונט די ״פני״: ר׳ מרדכי בונים מיט זיינע צוויי בנים אין די היטלען ווי די גובערנאטארס, און סענדער חלפן מיט זיין זוהן, און איידעם, דעם אדוואקאט.

— אויף צומארגנס, — ציהט דער שמש דאס שנירל פון זיינע זכרונות — דער טאג איז טאקע ווירקליך געווען א אמת׳ער טאג פון גזר דין. אין דרויסן האט נאך שטארקער גערעגנט, דער הימל איז געווען באצויגן מיט געדיכטע וואלקענעס וועלכע האבן פון צייט צו צייט אויפגעלויכטן מיט בליצן און אפגעדונערט פון ווייטן.

מען האט שוין געהאלטן ביי מוסף. ר׳ משה סנדקי האט געדאוונט

מיט מתיקות, זיך צעגאסן, געוויינט, געבעטן ביים רבונו של עולם, ווי אזא שליח ציבור ווי ר׳ משה סנדקי האט געקענט. צוקומענדיג ביי "ונתנה תוקף" צו די ווערטער: "אמת כי אתה הוא דין ומוכיח" האט מיט אמאל דאס יאהרצייט ליכט פון מרדכי בונים זיך ארויסגעגליטשט פון מאסיוון לייכטער, אראפגעקייקלט פון עמוד און אריינגעפאלן מיט׳ן קנויט אין שפייקעסטל, און זיך אויסגעלאשן...

עס איז געווארן שטיל אין בית המדרש. מענטשן האבן זיך אנגעהויבן איבערצוקוקן, זיך סוד׳ן, און אין דער לופטן האט עפעס געהאנגען א נישט גוטקייט. מענטשן האבן זיך עפעס אין די אויגן נישט געקענט קוקן... האט דער שמש ר׳ אייזיק א פאטש געטהאן דריי מאל איבער׳ן שטענדער, און מען האט ווייטער אנגעהויבן צו דאווענען.

ר׳ משה סנדקי האט זיך מיט נאך מעהר טרערן און געוויין גענומען צום "ונתנה תוקף", אבער עפעס א פארשטיקטער שרעק איז געלעגן אין זיין שטימע, און דער שרעק האט זיך איבערגעגעבן אלע מתפללים. ר׳ משה׳ס שטימע האט געציטערט און פלוצלונג, צוקומענדיג צו די לעצטע ווערטער: "ותכתוב את גזר דינם" האט א שטארקער דונער א זעץ געטהאן איבער׳ן דאך, באגלייט מיט א פייפנדיגן ווינט, וועלכער האט אפגעריסן דעם לאדן פון דרויסן, און צוויגנדיג מיט אימפעט מיט׳ן אייזן דורכגעבראכן די שויב, און דורך דער צעבראכענער שויב האט דער ווינט פייפנדיג געגעבן א שניט א דורך די לופט ביז דעם עמוד, אויסגעלאשן דאס יאהרצייט ליכט פון סענדער חלפן, ארויסגעריסן פון לייכטער, און אוועקגעשמיסן דאס ליכט אין ווינקל.

דא איז שוין די בהלה אין בית המדרש געווארן שטארקער. א אנגסטיגער שרעק האט זיך צושפרייט איבער די בלאסע פנימ׳ער פון די מתפללים. עס האט זיך דערהערט א יללה אין דער ווייבער שוהל, א געפילדער צווישן די מענער, א פארשטארקט קרעכצן פון די זקנים.

אלעמענס אויגן האבן זיך געווענדעט צום רב, ר׳ ליפעלע, וועלכער איז געשטאנען איינגעוויקלט דעם דארן גופ׳ל אין גרויסן טלית, אונבאוועגליך, און פון הינטער׳ן טלית האט זיך געהערט א פארשטיקט

געווייז. ר׳ ליפעלע האט זיין גרויע קאפ פון אונטערן טלית ארויסגערוקט, געשאקלט מיט׳ן קאפ ווי עמיצן באדויערנדיג, ווי פאר עמיצן רחמים בעטנדיג, און זיינע ליפן האבן געמורמלט: מען זאל ווייטער דאווענען.

מען האט געענדיגט מוסף, געענדיגט מנחה און אין בית המדרש איז שוין שטארק טונקל געווארן. די פינסטערניש האט זיך געקנוילט איבער׳ן בית־המדרש, איינגעשלונגען די אידן אין די טליתים, אויפגעעפנט הערצער צו תשובה געפיהלן פאר בעגאנגענע זינד.

מען האט געזוכט דעם שבת־גוי אנצוצינדן די ליכט, איז ער אבער ווי אין וואסער אריין און מען האט איהם נישט געקענט געפינען. האט ר׳ אייזיק שמש געפרעגט ביי ר׳ ליפעלען וואס מען זאל טהאן? מען מוז האבן כאטש ביים עמוד א ליכט, האט ר׳ ליפעלע מתיר געמאכט א קליין אינגעלע, איבערצוטראגן דאס זאמד קעסטעלע מיטן יאהרצייט־ליכט פון זעלדע די אלמנה, און אוועקשטעלן אויבן אן אויפ׳ן עמוד...

מיט נעילה דאווענען האט מען מכבד געווען ווי שטענדיג, דעם גביר ר׳ מרדכי בונים, אבער נישט דער זעלבער ר׳ מרדכי בונים איז דאס געווען. זיין פנים טויט בלאס, די ליפן ציטערדיגע, די הענט טרייסלענדיגע, א אויסזעהן פון א מענטשן, וועלכער איז רחמנא לצלן אויפגעשטאנען פון א לאנגע קרענק... מענטשן האבן זיך געוואונדערט: וואס איז געשעהן? וואו איז זיין גדלות׳דיג צופרידענער אויסזעהן? וואו איז זיין תקיפות? זיין שררה׳דיגע שטימע? ער האט זיך מיט שווערע, שוואכע טריט צוגעשלעפט צום עמוד, איינגעוויקלט דאס קאפ אין טלית, און מיט א הייזעריג געווארענע שטימע זיך געשטעלט דאווענען נעילה.

די ווערטער זיינען געגאנגען פון זיין מויל פרעמד, פארגליווערט, פארשטיקט, און אידן האבן זיך געשושקעט, אז ער שלינגט ווערטער, כאפט אריין זאצן, היפט איבער, און ווען דאס איז נישט ר׳ מרדכי בונים, וואלט מען זיכער נישט געלאזט ווייטער דאווענען. אבער עס איז דאך ר׳ מרדכי בונים, קוקט מען איהם אן, מען חידוש׳ט זיך, פארשטעהט מען, אז דאס איז עפעס נישט גלאטיג, אבער מען לאזט איהם דאווענען... אגב, איז דער היינטיגער יום כפור פול מיט שרעק און סודות...

דא פאסירט אבער ווייטער א שרעקליכע זאך. ווי ר׳ מרדכי בונים קומט ביי ״אשמנו״, ווארפט ער אריבער דעם קאפ איבער׳ן שטענדער, רעדט נאך ארויס דאס ווארט ״בגדנו״, בלייבט שטעקן מיט׳ן ווארט ״גזלנו״, הויבט זיך אן מיט איהם צו שטיקן, גיט א ציטער מיט׳ן גאנצן גוף, קריצט אריין די נעגל אין שטענדער, פארגלאנצט די אויגן צו דער אלמנה׳ס יאהרצייט ליכט און פאלט אנידער; און ווען דער ערשטער שרעק איז אריבער און מען איז איהם צוגעלאפן מינטערן, שרייען געוואלד, רופן הילף, האט ר׳ מרדכי בונים געעפנט די אויגן, געקוקט מיט א פארגלעזערטן קוק אויף דער אלמנה׳ס יאהרצייט ליכט ביים עמוד, און ארויסגעשטאמלט: — זיי מיר מוחל! — און פארמאכט אויף אייביג די אויגן. ר׳ מרדכי בונים איז געווען טויט.

ווי עס איז האט מען שוין געענדיגט דאס דאווענען, ווען א אנדערער האט שוין פארענדיגט. שטיל און אומעטיק איז זיך דער עולם צוגאנגען נאך מעריב.

ר׳ ליפעלע האט צוגערופן אייזיק דעם שמש און איהם לאנג אויספרעגנדיג, זיך דערוואוסט ווער עס האט די דריי יאהרצייט ליכט געבראכט, איז ר׳ ליפעלע נאך עצבות־דיגער געווארן און שאקלענדיג מיט׳ן קאפ ווייטער געמורמלט: זינדיג... זינדיג...

די זעלבע נאכט פון מוצאי יום כפור, ווען דאס שטעדטל איז געווען פארזונקען אין שלאף, האט זיך פלוצלונג דערהערט דאס ליארעם פון די פייערלעשער, דער שרפה־סיגנאל איז געווארן אלץ שטארקער און שטארקער, און א האלבע שטאדט מענטשן האלב נאקעטע זיינען אין די גאסן ארויסגעלאפן, און איינער דעם אנדערן די בשורה אנגעזאגט, אז עס איז אויסגעבראכן א שרפה אין דער טוך־פאבריק פון ר׳ סענדער חלפן׳ס הויז, וואו עס שטעהען א סאך פעסער בוימל, און אלע זיינע דריי הייזער שטעהען אין מורא׳דיגע פלאמען. די הייזער קנאקן אין פייער רויכיגע וואלקענעס, דער הימל באשפריצט מיט רויטע פייערדיגע פונקען, און מען האט מורא פאר די שכנות׳דיגע הייזער; און ווי מען שמועסט, זיינען די הייזער נישט פארזיכערט, ווייל ווי דער עולם אידן האט זיך געוויצלט,

האט סענדער חלפן שטענדיג געמאכט א חשבון: אז פון דעם געלט, וואס מען דארף צאהלן פאר "פארזיכערונג", קען מען פערלייען אויף צינזן, לוינט איהם דעריבער נישט צו זיין פארזיכערט...

אויף צומארגנס, ווען ר' ליפעלע האט נאר וואס געענדיגט אין זיין שטוביגן מנין שחרית דאוונען, איז אריינגעפאלן צו איהם אין בית דין שטיבל ר' סענדער חלפן. זיינע האר זענען געווען צעשויבערט, דאס פנים בלאס טויט, דער קאלנער פון רעקל אויפגעשטעלט, און מיט א פאר ווילד גלאנציגע אויגן, האט ער געמאכט א איינדרוק פון א משוגענעם. ער האט זיך געווארגן אין געוויין און געבעטן ביים רב ר' ליפעלע רחמים אז ער זאל רופן זעלדע די אלמנה, ביי וועלכער ער וויל מחילה בעטן...

ר' ליפעלע, א צעטומעלטער, א פארלוירענער, האט איהם אריינגענומען אין א חדר מיוחד, וואו סענדער חלפן שלינגענדיג די טרערן האט איהם דערצעהלט די מעשה נורא:

זעלדע דער אלמנה'ס מאן, מענדל קאלכער, האט געהאט ליגן ביי זיך דריי הונדערט רובל פון זיין ברודער'ס טאכטער, א קיילעכדיגע יתומה, א כלה-מיידל, וועלכע האט געדארפט אט-אט חתונה האבן. האט אבער זיך געדארפט מאכן אז מען האט מענדל קאלכער פארגעשלאגן צו קאלכן און מאליעווען די מיליטערישע קאזארמעס, וואו עס איז געשטאנען צו פארדינען א סך געלד, איז מענדל קאלכער אוועק צו סענדער חלפן, און איהם געבעטן לייען פינף הונדערט רובל. סענדער חלפן האט איהם צוגעזאגט. איז מענדל קאלכער אוועק צום גענעראל און איינגעלייגט אלס "דעפאזיט" דער כלה'ס דער יתומה'ס דריי הונדערט רובל, אנגענומען די ארבעט און זיך געשטעלט צו דער ארבייט.

פון דעם האט זיך אבער אויך דערוואוסט ר' מרדכי בונים, און ער האט געשיקט רופן צו זיך סענדער חלפן, פארשלאסן זיך מיט איהם אין א צימער, און לאנג מיט איהם איינגע'טענה'ט ער זאל מבטל מאכן דעם צוזאג צו מענדל קאלכער און איהם קיין געלד נישט לייען; וועט דאך דער אפמאך בטל ווערן, וועלן זיי ביידע, דאס הייסט ר' מרדכי בונים און סענדער חלפן, איבערנעמען די ארבעט אויף שותפות... ווייל ער מרדכי

בונים וויל נישט, אז אזא פראסטאק, א קבצן ווי מענדל קאלכער זאל ארייגקריכן צו די הויכע פענסטער...

און עס איז טאקע אזוי געווען: מענדל קאלכער, נישט קריגנדיג די צוגעזאגטע געלד פון סענדער חלפן, איז דריי טעג ארומגעלאפן ווי א משוגענער זוכן געלד; און נישט האבנדיג קיין געלט אויף מאטעריאל און אויסצוצאלן די ארבייטער, האט דער גענעראל בטל געמאכט דעם קאנטראקט מיט מענדל קאלכער, און איבערגעגעבן צו ר׳ מרדכי בונים, וועלכער האט שותפות געמאכט מיט סענדער חלפן.

דער סוף איז געווען אז מענדל קאלכער האט פארלארן זיין ברודער׳ס יתומה׳ס, דער כלה מיידל׳ס דריי הונדערט רובל, און צוליב דעם איז דער שידוך אפגעגאנגען. דאס מיידל איז פאר עגמת נפש משוגע געווארן, און מענדל קאלכער האט פון גרויס קריינקונג געקראגן ערב יום כפור א הארץ שלאג און געשטארבן.

— — אזוי, קינד מיינס — פארענדיגט דער אונטער־שמש זיין ערצעהלונג מיט א קרעכץ — איז ארויסגעקומען דורך די דריי יאהר־צייט־ליכט די גאנצע מעשה ווי בוימל אויפ׳ן וואסער, — ווי אין דער יום כפור׳דיגער שמונה־עשרה שטעהט:

״מה נאמר לפניך יושב מרום, ומה נספר לפניך שוכן שחקים, הלא כל הנסתרות והנגלות אתה יודע...״

האט מאטיע צוזינגענדיג אויסגעטייטשט אין אידיש:

— צו דארפן מיר דיר זאגן, צו דארפן מיר דיר דערצעהלן, דו גרויסער האר, וואס דו געוועלטיגסט אין די הימלען, אז אלץ, וואס איז פארבארגן, אלץ וואס איז פארדעקט, איז דאך דיר באוואוסט. — — —

דאס הארץ דארף שלאגן

עס וואלט געדארפט זיין, אז דאס הארץ זאל שלאגן די האנד, בשעת זי גרייט זיך צו טהון א שלעכטע זאך — נישט די האנד זאל שלאגן דאס הארץ!...

געבליבן די צווייטע היים

אין שטעטל אפאטשנע איז זיך פארלאפן אונזער געשיכטע. געוועז דארט א מערקווירדיקער איד מיט דריי נעמען און דריי באזונדערע צורות..

ר׳ יאסל דיין, — דער ״שיינער איד״ און ״שליש״ פון שטעטל, קהל׳ס טאטע און פארזארגער, אפוטרופוס פון אלמנות און יתומים, רודף־שלום׳ניק צווישן צוקריגטע שותפים און ברוגז׳ע פאר־פעלקער, דער ״בורר יחיד״ אין אלע סכסוכים. זיין גאנצע עבודה איז געווען איינצופלאנצן שלום און אהבה צווישן אידן.

ר׳ יאסל וויינשענקער, — דער שטעטלשער ״אדוואקאט״, דער איינציקער איד וואס שמועסט זיך אויס אין א ריינעם פויליש מיט די פריצים: פארט יעדעס יאר אויפן לייפציקער יריד, האלט־אויף אין מארק די גרעסטע און רייכסטע ווייז־שענק פון גאנצן אומגעגנט צו וועלכער עס פארן זיך צונויף הויף־לייט פון ווייטע געגנטן. ווער עס קומט אהער, כדי אנקניפן נאנטע פריינטשאפט מיט א פריצישן שכן; ווער גאר זיך שואל־עצה צו זיין אין א פערזענלעכן ענין מיטן קלוגן ״אלטן ליפסקי״ (אזוי פלעגן די רייכע פריצים רופן דעם וויינשענקער, צוליב זיין פארן קיין לייפציק...)

יאסל אפאטשנער, — פון די ״לובלינער חסידים״, חסידישער חריף און נאמן־בית, וואס חסידים זיינען אויף אים מעיד, — אז ער איז ריכטיק תופס דעם רצון פון ״חוזה״, נישט נאר פון די ארויסגעזאגטע ווערטער נאר אפילו פון זיינע רמזי־מחשבות.

צווישן די אלע דריי באזונדערע ״טיפן״, וועלכע האבן געהויזט צוזאמען אין איין גוף, האט תמיד געהערשט שלום ושלוה. יעדער פון די ״דריי״ האט זיך געהאט א באזונדערן תחום זיך ארויסצולעבן, א באזונדער קעניגרייך ארויסצושפרייטן די ממשלה.

"פאן יאסעק ליפסקי", דער רייכער וויינשענקער, האט געקעניגט אין זיין וויינשענק. מיטן כוח פון זיין חכמה און פיינעם לשון שפרייט ער אויס זיין שליטה איבער דער פריצישער אומגעגנט.

ר' יאסל דיין איז אינגאנצן צונויפגעוואקסן מיטן "שלחן־ערוך" און מיט די גרויסע ספרים־שענק, וואס פארנעמען גאנצע צוויי ווענט פון זיין שטוב: מיט דער תקיפות פון זיין לומדות ווי מיט דער תמימות פון זיין אהבת הבריות, באהערשט ער די שווערסטע דין־תורה'ס און גלייכט־אויס די הארבסטע סכסוכים און מחלוקת'ן פון אלע אידישע ישובים ארום.

דער חסיד "יאסל אפאטשנער", איז באמת גאר קיין אפאטשנער נישט. זיין חסידישע היים איז דאך אין לובלין, אין רבינ'ס בית־המדרש. און דארט איז דווקא יאסל אפאטשנער שוין, לחלוטין, נישט קיין הערשער נאר א באהערשטער...

די אידילישע מנוחה צווישן די דריי "טיפן" וואלט אלץ ווייטער אנגעהאלטן, ווען אין צווישן וואלט זיך נישט אריינגעמישט די פאסירונג.

☆

ווינטער. אין דרויסן קנאקט א פראסט. געהילט אין זיין לאנגן וואטענעם שלאפראק, די לייכטע פילץ־לאטשן אנגעשטעקט אויף די פיס, זיצט ר' יאסל דיין, דער למדן און בעל־הוראה, נעבן דעם איינגעהייצטן קאכל־אויוון און איז מעיין אין דעם נייעם גרויסן "יורה דעה" מיטן "פרי מגדים", וועלכן ער האט ערשט נישט לאנג איינגעהאנדלט אין לייפציק פאר פינף גאלדענע דוקאטן, עובר לסוחר.

פון דערבייאיקן גרויסן סאלאן הערן זיך לעבהאפטע שמועסן פון פריצים, וועלכע קומען זיך צוזאמען ביי ר' יאסלען וועגן פארשידענע געשעפטן.

ר' יאסל דיין הערט און פארנעמט דאס אלץ פון דרינען. ער קען זיי, די אומות העולם, ער פארשטייט זיי. טיילמאל איז אים אפילו א רחמנות אויף זיי. אט־די פריצים, וואס פאר א התחזקות קענען זיי האבן? קיין תורה נישט, קיין חסידות נישט, קיין שמחת מצווה נישט. יא, ברוך השם, מיר האבן א תורה...

ביי דער דאזיקער מחשבה שיינט־אויף ר׳ יאסל׳ס פנים פון גרויס תענוג און מיט נאך מער חשק נעמט ער זיך פארטיפן אין ״פרי מגדים״.

— הא, הא — דערקוויקט זיך ר׳ יאסל — אזעלכע בליציקע המצאות, פלאי־פלאים! און יעדער רעיון האט זיך זיין גלאנץ ממש ווי א אבן־טוב, וואס שפילט זיך און שפיגלט זיך מיט אלע קאלירן פון רעגנבויגן...

☆

קוים זיינען פארביי געגאנגען די הייסע זומער־טעג, האט זיך אנגעהויבן וועקן די חסידישע נשמה פון יאסל אפאטשנער.

מיטן ערשטן שופר־בלאז פון ראש־חודש אלול, האט יאסל אפאטשנער זיך גענומען גרייטן אין וועג אריין. — דער שופר — פלעגט ער זאגן — איז א סיגנאל, וואס רופט יעדן איד אין זיין אמתער היים. און מיין היים — איז לובלין.

אויסער דעם האט דאך ״יאסל אפאטשנער״ גוט געדענקט אן זיין חזקה אין לובלין אויף כל־נדרי: א אלטע חזקה, מיט וועלכער דער ״חוזה״ אליין האט אים מכבד געווען.

אמאל אין א סליחות־פרימארגן, פאר ערב יום כיפור, דעמאלט ווען דער בלייכער הימל איז אנגעצויגן ווי א פארמעטענע דעק איבער דער ערד און א טוי־נעפל נידערט אראפ און צעלייגט זיך שווער אויף בארג און טאל, וואלד און פעלד; די לופט א אנגעזאפטע מיט טרערן־פייכטקייט דריקט ווי א בלייענע משא אויפן הארץ און קלעמט פיינלעך די נשמה — אין איינעם אזא פרימארגן איז פארפארן אין ר׳ יאסל׳ס הויז א פריציש וועגעלע.

״יאסל אפאטשנער״ האט איבערגעלאזט אויף הפקר ווייב און קינד, משפחה און הויף, קלייט און שענק; איבערגעלאזט אין דער היים אפילו דעם נייעם ״יורה דעה״ מיטן ״פרי מגדים״... און אליין, — נאר מיט זיך איינער אליין, האט ער זיך אויפגעזעצט אויף דער אפענער וועגעלע און געלאזט זיך אויפן וויטן וועג קיין לובלין.

שוין סוף זמן־מנחה געווען. דער וואלד איז געווארן איינגעהילט אין געדיכטע שאטנס ביז צו די שקיעה־אנגעצונדענע בוימער־שפיצן.

לאנגזאם שלעפט זיך די פריצישע וועגעלע איבער דעם שווערן וואלדיקן וועג, בארג־ארויף בארג־אראפ, פחדימ׳דיק קלאפן און שטורקען די רעדער — אויך יאסלען קלאפט דאס הארץ...

וואס ווייטער ער פארט — אלץ ווייטער זעט אים אויס צו זיין דער וועג צו זיין באגער, און אלץ גרעסער וואקסט אין זיינע אויגן אויס דער גייסטיקער מרחק, וואס טיילט אים איצט אפ פון דעם הייליקן דעת פון זיין רבי׳ן... ער פרוואווט פאר זיך מאכן א חשבון־הנפש — ווייזט זיך אים אויס, אז עפעס איז דאס היינטיקע יאר ביי אים אוועק נישט ווי געהעריק. עפעס איז ער זיין נשמה שולדיק געבליבן. צופיל פארקראכן אין א זייט, צופיל געלאזט זיך פארשלעפן אין די הבלי־הזמן, — צופיל זיין אמת׳ע היים פארגעסן.

געפירט פון אזעלכע חרטה־געפילן פאלט יאסל אפאטשנער אריין אין דביקות׳־דיקער התבוננות.

— וואס איז א מענטש? א פוסטער בעל־גאווה! אזוי לאנג ווי דער מענטש לעבט גייט ער ארום מיט דעם ווארט „איך". איך וויל, איך טו, איך מאך, אבער „איך" און ווידער „איך", שיער־נישט א צווייטער „אנכי"... נאר אין דער אמת׳ן, וואס איז דען דער מענטש מער חשוב פון אט־דער קליינער מוראשקע דא אין וואלד? באשר, דער מענטש בויט־אויס שטעט, שרויפט־צוזאמען מאשינען און רופט־צונויף יארידן — דאכט זיך אים, דעם מענטש, אז דאס מאכט ער... ער באמערקט אבער נישט ווי אין אים, איבער אים, און מיט אים געוועלטיקט דער רצון העליון, וואס הייסט אים צו וועלן און שטויסט אים צו באגערן...

— אט א שטייגער דרייען זיך ארום אויף דער ערד, עגבערן ארום דעם ווארצל פון א בוים, טויזנטער מוראשקעס, מיט זייערע קליינע שארפע פיסקעלעך און שטארקע פיסעלעך, און זיי גראבן אין דער ערד, פירן דורך קאנאלן, און פארמעסטן זיך דאך א גאנצע מוראשקע־שטאט פאר זיך אויפצובויען! —

דער שטילער התבוננות, צינדט אן אין יאסלס מוח א הייליק פייער פון דביקות. ער פילט זיך איצט ווי נײ־געבוירן, ווי ער וואלט דערזען די בריאה דאס ערשטע מאל אין איר גאנצן גלאנץ און פראכט. ער פילט כמעט אליין נישט ווי פון גרויס התפעלות, הויבט ער אן זינגען א אייגנארטיק חסידיש ניגונדל מיט דביקות — — —

☆

— טראך־טראך — האבן פלוצים אויפגעבליצט און אפגעקנאלט צוויי שאסן אין דער געדיכטער באשאטנקייט פון וואלד.

צוויי הויכע רוסישע זשאנדארמען, זיינען האסטיק צוגעשפרונגען צו דער פריצישער בריטשקע. זיי האבן גענומען דעם אידישן "שפיאן" געשמידט אין קייטן און אוועקגעפירט ווייט, ווייט דארט צו דער אלטער טורמע.

נאך האלבער נאכט. אין דעם טיפן פינסטערן טורמע־קעלער איז איצט טאפלט פינסטער. א שימלדיקער שארפער ריח שלאגט פון אלע זייטן. ער דרינגט אריין אין נאז און לייגט זיך אויפן מוח ווי א שווערער שלאף־געטראנק.

אויף א לאנגער שטיינערנער באנק זיצט א מידער, א צעבראכענער דער אלטער ר׳ יאסל פון אפאטשנע. דעם קאפ האלט ער אנגעשפארט אויף דער שווארצער נאסער מויער.

עפעס מאדנע שווער איז אים איצט זיין קאפ. ער ראנגלט זיך מיט א שווערן שלאף...

ווי אין א אנגעשיטן טאפ מיט שטיינער האקן און מישן זיך אין אים צונויף געדאנקען שווערע, משונה׳דיקע, וואס קומען נישט איינער צו דעם אנדערן... אט איז זיין קאפ פארוואנדלט געווארן אין דעם גרויסן און שווערן קופערנעם שריפה־גלאק, וואס שטייט אין מיטן מארק פון זיין שטעטל... גלינג־קלאנג, קלינג־גלאק, וואס, וואו ברענט? זיין גרויסע הויז מיט דעם נײ־אויסגעבויטן ווײן־שענק איז ארומגענומען אין פלאמען...

דריי טונקעלע שאטנס טאנצן ארום אין דער נאכט־פינצטערניש, גיסן צו נאפט און אויל צום פייער...

און אט הערט זיך א שטימע: — "פנו מקום"... "פנו מקום" — און עס באווייזט זיך דאס הערלעכע געשטאלט פון רבי'ן פון לובלין.

פון ערגעץ א ווינקל שטעלט זיך אויף און דערנענטערט זיך צו יאסלען א הויכער יונגערמאן מיט א קליין שווארץ־זיידן בערדעלע און א פאר גרויסע פייערדיקע שווארצע אויגן. יאסל ציטערט אויף. דער דאזיקער יונגערמאן איז אים אזוי קענטליך — און ער ווייס נישט פון וואנען. זיין אנבליק ווארפט אן אויף אים א געפיל פון שטארקער ליבשאפט און יראת הכבוד — און ער ווייס אליין נישט פארוואס.

דער יונגערמאן רוקט זיך צו נענטער צו אים, נעמט אים אן פאטערלעך ביי דער האנט און מיט א ציטערדיק קול רופט ער צו אים: יאסעלע, מיין יאסעלע, ראטעווע דיך, אנטלויף...

אין סאמע מיטן פון זיין שווערן שלאף הויבט זיך אן ביי יאסלען צו וועקן דער קלארער זכרון. אט דערמאנט ער זיך... אזוי פלעגט דאך ריידן צו אים זיין פאטער, ר' משה פרץ ז"ל. פינף יאר איז ער אלט געווען, ווען זיין טאטע איז אים געשטארבן. במשך דער צייט איז פון אים די צורה פון זיין פאטער אינגאנצן פארגעסן געווארן. א סאך, פלעגן אים אלטע חסידים מפליא זיין און נאכדערציילן פון טאטן. א סאך מאל פלעגט אים דעמאלט אנכאפן א שטארקע בענקשאפט זיך צו דערמאנען און פארצושטעלן זיין פאטער'ס צורה. קיינמאל אבער איז אים דאס דאזיקע נישט געלונגען. און דא פלוצים האט ער אים דאס ערשטע מאל דערזען...

א דערשראקענער כאפט זיך יאסל אויף פון זיין שווערן שלאף, א קאלטער שווייס באדעקט זיין פנים. אין זיינע אויערן קלינגען נאך די לעצטע ווערטער: "יאסעלע אנט־לוי־לויף". געשטופט אומבאוואוסטזיניק פון כוח פון אט די ווערטער, לאזט זיך יאסל גיין צו דער אייזערנער טיר, ער טרעפט די טיר אויפגעפראלט. ער גייט אריין אין לאנגן קארידאר, קיינעם איז דא נישט צו באמערקן, א געדיכטע טונקלקייט פילט אויס דעם

פינצטערן חלל. ווי א אינגל שפרינגט ער אויף די קרומע שטיינערנע טרעפ פון טורמע ביז ער קומט ארויס אין דרויסן, וואו עס ווארט שוין אויף אים א פולע שיינע לבנה, ווי א לאמטערנע — גרייט אים צו לייכטן אויף זיין וועג...

☆

ערב יום־כיפור. אין רבי׳נס בית־המדרש האט דער עולם שוין לאנג אפגעדאווגט, נאר עפעס איז די ערב־יום־כפור׳דיקע שטימונג ווי פארשטערט. דער בראנפן מיטן לעקעך שטייען אויפן טיש אומבארירט. ס׳פעלט די שטענדיקע ערב־יום־כפור׳דיקע ווינטשעניש. עפעס איז דער עולם צערודערט. יעדע ווײַלע פאלט אריין אין בית־מדרש א אויפגערעגטער און צעטראגענער אברהם שמש, גיט זיך א פרעג אויב ״יאסל״ איז שוין געקומען, און לויפט באלד צוריק אריין צום רבי׳ן.

דער עולם שעפטשעט שטיל מיט האלבע נישט־דערזאגטע ווערטער און תנועות. צוליב ״אל תפתח פה לשטן״ האט מען עס נאך מורא איבערן מויל צו ברענגען. אין הארצן אבער ווייסן אלע, אז מיט יאסל אפאטשנער איז עס גארנישט פשוט. עפעס איז געשען. מעשה בעל־דבר...

☆

אויף דעם ברייטן וועג, וואס פירט צו דער עיר־ואם־בישראל, צו דער גרויסער שטאט לובלין, שלעפט זיך א מידער, א נידערגעשלאגענער דער אלטער ר׳ יאסל פון שטעטל אפאטשנע. אט איז שוין ערב יום־כיפור און ער איז נאך אין מיטן וועג, לויט אלע סימנים, וואס זיינען אים פון לאנג גוט באקאנט אויף דעם וועג — דוכט זיך אים, אז ער געפינט זיך שוין גארנישט אזוי ווייט פון לובלין. דאך איז עס נאך א מרחק פון א מעת־לעת־גאנג — און דא זיינען די שעה׳ן געציילטע. זיי ווערן ווייניקער, ווייניקער.

מילא, וואס עס וועט זיין — וועט זיין. אויפן ערגסטן פאל שטעלט ער זיך אפ ביי א פויער. צו האלטן יום־כפור דא אויפן פעלד, צווישן די בוימער און גרעזער, הימל און ערד. וואס? דא איז דען דער ״א־ל עורך

דין״ נישטא אין דעם ״יום הדין״? דער ״בוחן לבבות״ איז דאך אומעטום פאראן...

יאסל אפאטשנער הויבט די אויגן און באטראכט די געבענטשטע פעלדער ארום. אין זיין הארץ וועקט זיך דאס געפיל פון נפלאות הבורא און תפארת הבריאה, מיטאמאל האט אים באהערשט א געפיל פון אהבה צום אין סוף. דאס געפיל פון תכלית הבריאה האט אים ארומגעכאפט — זיין הארץ ממש, וואס איז פארבונדן און באהעפט מיטן שורש פון אט דעם אלעם, זיין הארץ וואס קלאפט אין איין ריטם מיטן הארץ פון דער בריאה.

די זון האט זיך א בויג געטאן אויף מערב — ס׳איז שוין נאכן האלבן טאג.

אפגעדאווענט די ערב־יום־כפור׳דיקע מנחה האט יאסל אפאטשנער זיך גענומען צוגרייטן צום יום־הקדוש. ער האט אויף זיך ארויפגעצויגן דעם ווייס בלאנקנדיקן קיטל, זיך איינגעהילט אין טלית מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה. פארקאטשעט די פאלעס פון זיין קאפאטע און זיך געלאזט גיין, ער האט זיך בארעכנט אז מען דארף גיין...

איבער די ברייטע פעלדער הינטער לובלין צעגיסט זיך א קול פון השתפכות הנפש. עס זאגט א איד ״תפלת־זכה״ אין פעלד פארן אנקומען פון יום הקדוש.

ווידער הויבט זיך און צעוויגט זיך יאסל אפאטשנער׳ס קול, באגלייט מיט ריטמיש־אייליקע טריט פון זיינע קפיצת הדרך׳דיקע שפרייזן...

ער דראפעט זיך איבער בערג און טאלן, בארג־אראפ. טיילמאל, אראפ קומענדיק אין טאל, דאכט זיך אים, אז נאך ווייט, ווייט איז ער נאך פון זיין באגערטן ציל: באלד קלעטערט ער בארג־ארויף, און ווידער דאכט זיך אים אויס, ווי גאר קליין איז דער מרחק, פאר זיינע אויגן שפרייט זיך אויס דייטלעך דאס בילד פון זיין באגערטער שטאט — לובלין. פון צווישן די בנינים שיינט ארויס א קליין ווייסע פינטעלע דארט אויף מזרחית־דרומית — דעם רבי״נס בית־המדרש! דאס הארץ נאגט און ציט,

די נשמה הויבט זיך ווי אויף פליגל און די פיס — עפעס ווערן זיי אויך אזוי לייכט, ווי זיי וואלטן אויך באפליגלט געווארן...

יאסל פילט ווי א באהאלטענער כוח הויבט אים אויף, מיט אדלער־פליגלען טראגט אים דער דאזיקער כוח בליץ־שנעל איבער די ווייטע שטחים. פאר זיינע אויגן שווינדלען פארביי אין א מישמאש: פעלדער, בוימער, טייכן. בליץ־שנעל לויפן זיי אן און ווערן באלד פארשוואונדן הינטער זיינע פלייצעס...

אט בייטן זיך פויערשע הייזלאך, אפגעזונדערטע, איינזאמע און צעווארפענע דא און דארט איבער די שטיקער פעלדער. עס הויבן זיך שוין אן די געדיכט־באצוימטע פעלדער פון דער שטאט לובלין...

☆

אין רבי׳נס ביהמ״ד און אין דעם געפאקטן הויף ארום שטייט דער עולם צעקאכט. עס שטייען קופקעלעך, און סוד׳ן זיך טרויעריק, אומעטיק. יעדער איינער וואלט גערן געוואלט הערן כאטש אווארט, א רמז, וואס זאל אים זיין הארץ בארואיקן. ״יאסל אפאטשנער״, דער שטענדיקער בעל־תפלה, וואס האט א חזקה אויף כל־נדרי איז נישטא. קיין צווייטן האט דער חוזה נישט געהייסן צוגיין, און דערווייל ווערט שפעט — א פלא! אט באווייזן זיך די אויסגעקליבענע, די סאמע חשובים ונכבדים פון דער חבריא, זיי קומען צוריק פון רבי׳נס חדר.

אין איין אויגנבליק צעלויפט זיך צווישן דעם גרויסן עולם ווי א שטורמישע בשורה די קורצע אפגעריסענע תשובה פון ״חוזה״:

— ״יאסל לויפט... ער וועט דאוונען״...

וואס רויטער עס ווערט דער הימל דארט אויבן — אלץ בלאסער ווערט די ערד דא אונטן. א שטילע בין־השמשות׳דיקע מוטיקייט גיסט זיך אויס און צעלייגט זיך אויף די לאנקעס און פעלדער, טייכן, בוימער און גרעזער. איינגעהילט אין א שיטערדיק־טונקעלן אוונט־שיין טוליען זיי זיך איינער צום אנדערן. מיט א איינגעהאלטענעם אטעם ווארט אפ די נאטור באימה וביראה דאס אנקומען פון יום־הדין...

און יאסל לויפט און פליט פאראויס, ווי געטראגן פון א שטורעם.

נישט איבעררייסנדיק אפילו אויף א רגע זיין האסטיגן לויפן הויבט יאסל אן מיט א ציטערדיקע שטים צו ברומען: "על דעת המקום ועל דעת הקהל — בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה אנו מתי־י־י־ר־י־ן..."

ער באוויזט נישט צו פארענדיקן דעם אויסגעצויגענעם ניגון: "מתירין" און ער רייסט זיך דורך דעם עולם חסידים אויפן בית־מדרש־הויף. — נאך איין שפרונג — און יאסל שטייט שוין ביים עמוד, וואס ווארט א ליידיקער אויף אים...

א ציטער איז דורכן בית־מדרש דורכגעלאפן. אויפגעוועקט ווי פון א טיפער פארטראכטונג האט זיך דער גאנצער עולם א טרייסל געטאן. דער "חוזה", וואס איז געזעסן ביי דער מזרח־וואנט הארט נעבן עמוד, דעם קאפ פארוואָרפן הינטער־ווײלעכץ — האט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, אראפגעלאזט דעם טלית איבערן בלייכן פנים און אנגעשפארט דעם קאפ אין וואנט.

ווי אין אמאליקע צייטן האט זיך יאסל׳ס קול א צעברום געטאן מיט נאך מער ברען און התלהבות: "אהא — אהא — אהא — אהא — אהא — הא — הא — כל נדרי וא־א־סרי"...

ווייט־ווייט איבער די פעלדער ארום דעם בית־מדרש פארהילכט א פייער־דיקער "ונסלח לכל עדת בני ישראל", וואס ציקלט זיך באלד אויס אין א ווייכער הארציקער בקשה.

א מעכטיקער דונער פון טויזנטער מיילער ענטפערט אפ:

— "ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך".

נאך שמחת תורה, אז אידן פון "יענע מקומות" זיינען זיך צונויפגעפארן קיין לובלין אויפן "גרויסן יאריד" און זיי האבן דערציילט וועגן די מעשים און משפטים נוראים, וואס דאס רוסישע חייל האט אפגעטאן אין אפאטשנע — האט יאסל געהערט און פארשטאנען, אז ער האט שוין נישט מער צו וואס און צו וועמען אהיים צופארן. ער האט

פארשטאנען יענעם מורא׳דיקן חלום אין דער נאכט פון ״שלוש־עשרה־מדות״.

האט זיך יאסל אפאטשנער ארומגעגארטלט מיט דעם כוח פון אמונה און מיט א ציטערדיק־געשטיקט קול האט ער הויך אויסגערופן: ״ברוך הטוב והמטיב״!

די היים פון אפאטשנע איז חרוב געווארן, — געבליבן איז די צווייטע היים, דעם רבי׳נס בית־מדרש אין לובלין.

ציילן די מינוטן

הגאון ר׳ יוסף שאול נאטנזאן זצ״ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף אים זעלבסט אז ער איז נישט קיין מתמיד...

— התמדה אין תורה — האט ער געזאגט — איז געווען ביים ווילנער גאון זצ״ל. אויב ער האט מבטל געווען א רגע פון תורה לערנען, פלעגט ער עס פארצייכענען ביי זיך אין א ביכעלע, אז אין דעם און דעם טאג האט ער אזויפיל און אזויפיהל מינוטן מבטל געווען פון תורה.

ערב יום כפור האט דער ווילנער גאון גענומען דעם ביכעלע, אויסגערעכנט וויפל ביטול תורה ער האט געהאט דעם יאהר, מיט טרערן האט ער זיך מתוודה געווען אויף די עבירה פון ביטול תורה...

— זאגט מען אויפן גאון — פירט אויס רבי יוסף שאול — אז פון די מינוטן איז קיינמאל נישט געווען מער פון דריי שעה דורך א גאנץ יאהר —

פוהל מיט בטחון

— אויב אין אזא טאג — פלעגט זאגן רבי משה קאברינער — ערב דעם גרויסן יום־הדין, ווען מען דארף זיך שטעלן צום משפט און אבגעבן א דין־וחשבון פאר אלע מעשים, פאר אלע בעגאנגענע חטאים ועונות, קען זיך נאך א איד אוועקזעצן צום טיש און עסן, בלויז דערפאר, ווייל אזוי הייסט די תורה, אט דאס אליין איז שוין א גרויסע מדרגה, און — ״מעלה עליו הכתוב כאלו התענה תשיעי ועשירי״, דען דאס בעוויזט, אז דער איד איז פול מיט בטחון צום רבונו־של־עולם, דאס ער וועט איהם אוודאי בעהאנדלען מיט חסד, לפנים משורת הדין און שוין צוליב דעם אליין פערדינט ער, מען זאל איהם מוחל זיין אלע חטאים...

אין קאמוניסטישן מינסק

דאס איז א בעשרייבונג פון א איד פון אמעריקע וועלכער האט בעזוכט אין מינסק מיט פינף און דרייסיג יאהר צוריק און פארברענגט דארטן אויך יום כפור. ער בעשרייבט אין זיינע זכרונות ווי אזוי עס זעהט אויס אזא יום טוב אונטער דער שווערער דרוק און לאסט פון די קאמוניסטישע רעגירונג.

☆

יום כפור איז היינטיגס יאהר אויסגעפאלן אין דעם דרייסיגסטן אקטאבער, דער דרייסיגסטער טאג אין גויאישן חודש איז איינער פון די באשטעטיגטע רוה טעג אין די סאוויעטישע רוסלאנד. די פיהרער פון די אידישע קאמוניסטן האבן אבער באשלאסן צו מאכן דעם טאג פאר א "נדחה", דערפאר וואס אין דעם טאג פאלט אויס יום כפור, טאר מען דעם טאג נישט רוהען נאר זיין פארנומען מיט ארבעט. דער אידישער עולם איז דערפון זייער צובראכן געווארן, טאמער האט מען געמיינט אז דאס יאהר וועט מען קענען דאוונען אין שוהל, זענען געקומען די "יעווסעקציע", די אנפיהרער פון די אידישע קאמוניסטן און אויך דעם האפנונג צו נישט געמאכט.

עס איז מיר געווען נייגעריג צו זעהן ווי אזוי די ערליכע אידן שפירן זיך דא, איך בין צום ערשט געגאנגען צום רב, פאר איהם, פאר דעם רב איז נישטא קיין דירה אין גאנץ שטאדט און ער וואוינט אין "עזרת נשים", אין ווייבער שוהל, אין קיין אנדער ארט האט ער נישט קיין רעכט צו וואוינען. א רב האט קיין רעכט נישט אין רוסלאנד און אויך זיין פאמיליע פארלי'רט דאס רעכט. זיצט ער צוזאמען מיט זיין הויזגעזינד אין ווייבער שול ווי אין א תפיסה.

אמאל איז געווען אויפן ארט א גרויסער בית מדרש און אין הויף האט זיך געפונען שטיבלאך מיט קליינע בתי מדרשים, די שוהל האט מען שוין פון לאנג איינגעווארפן, מען האט געדארפט אויסבויען קאנאלן ארום מינסק, האט די רעגירונג באשלאסן איינצווווארפן די שוהל און פון די שטיינער אויסבויען די קאנאלן. איז געבליבן א קליינער בית מדרש מיט א גרעסערן קלויז, אבער דא האט מען געדארפט האבן א ארט וואו צו לייגן די תבואה וואס די רעגירונג האט איינגעמאנט פון די ארומיגע פויערן, און גראדע דא האט מען עפעס באמערקט ווי ראש השנה איז געקומען צו א גרויסער עולם אין שוהל און אין קלויז, דאס האט געהייסן ווי א בונד קעגן די רעגירונג, האבן זיי דעריבער באשלאסן צו נעמען נאך א טייל פון הויף, און דער גורל איז געפאלן אויפן גרויסן קלויז. דאס איז געווען פונקט איין טאג פאר יום כפור, ווען איך בין געגאנגען צום רב בעזוכן.

איך האב געזעהן ווי מען פיהלט אן די שוהל מיט זעק תבואה, דער קלויז ווערט פון מינוט צו מינוט פוהלער, אט דערגרייכן שוין די זעק ביז איבער דעם ארון קודש, די ספרי תורות האט מען נאך פריהער ארויסגענומען און אוועקגעלעגט אויף א טיש אין קליינעם בית מדרש, אין וועלכן דער רב וואוינט דארטן אין עזרת נשים. אויפן טיש האבן זיך אנגעקליבן פיהל ספרי תורות, ווארום אין קלויז האט זיך שוין אויך פריהער אנגעזאמלט ספרי תורות וועלכע זענען געווען אין די אנדערע שוהלן פון מינסק, וועלכע זענען שוין פון לאנג צוגענומען געווארן, אויסער דעם האט זיך דא אנגעקליבן א סאך ספרי תורות פון די שוהלן וועלכע זיינען געווען אין די שטעדטלאך ארום מינסק, וועלכע די רעגירונג האט עס צוגענומען אויף קאזארמעס, פאבריקן און מאגאזינען.

צו יעדער גרויסער שטאדט אין סאוויעט רוסלאנד וואו עס געפינט זיך א גרויסע שוהל, ווערן צוגעשיקט נאכאנאנד ספרי תורות פון די שטעדטלאך ארום. אין דעם ארון קודש פון שוהל איז פאר זיי מעהר קיין ארט נישטא, ליגן זיי אנגעלייגט גאנצע פעק אויף די טישן. אין מינסק אליין איז געלעגן אין קליין שולכל מעהר ווי צוויי הונדערט ספרי תורות.

אידן שטעהען נעבן שוהל און קוקן ווי מען פיהרט איבער די ספרי

תורות פון קלויז אין דער שוהל׳כל, און ווי מען טראגט אריין זעק מיט ווייץ אין קלויז אריין. קיינער האט קיין ווארט נישט גערעדט, מען האט גארנישט געזאגט, נאר געקוקט שטום, פארפרארן, די שוהל הויף ווערט פאריתומט, נאך א גליד פון איהם אפגעשניטן, אויך דעם קלויז האט מען שוין פארלארן.

איך קום אריין אין קליין בית מדרש׳ל, עס זיצן צוויי אלטע אידן, יעדער איינער אין א אנדער ווינקל, און זאגן שטילערהייט קאפיטלאך תהלים צולייגנדיג יעדן מינוט א קרעכץ. איך געה ארויף צום רב, דארטן, אין עזרת נשים האט מען אפגעצאמט א מחיצה פון פארהאנגען און איבערגעלאזן א טייל פון עזרת נשים פאר די ווייבער וועלכע חאפן זיך אריין אמאל דאוונען, שבת אדער יום טוב. דעם רב׳ס וואוינונג איז אונטער די פארהאנגען, וועלכע איז אויך אפגעטיילט מיט מחיצות פארהאנגען, צווישן די ״שטוב״ און ״קאך״ שטעהען פאליצעס פוהל מיט ספרים, דארטן איז דעם רב׳ס צימער, דארטן נעהמט ער אויף זיינע געסט. וועגן דעם ארט לעבן אין לאנד רעדט ער מיט קיינעם נישט, קומט איינער און דערצעהלט, שווייגט דער רב, רעדט זיך איינער אויס זיין הארץ טרייסט ער איהם, טאמער קען ער עפעס טאן א טובה טהוט ער עס באהאלטענערהייט, און טאמער קומט קיינער נישט, זיצט ער און פארברענגט מיט זיינע ספרים.

— שטענדיג — זאגט מיר דער רב — טראכט איך אריין אין די לעצטע ווערטער וואס דער רמב״ם שרייבט סוף דעם יד החזקה, דארטן רעדט ער וועגן משיח׳ן, און דארטן זאגט ער, אז דאס וואס די אידן ווארטן אויס אויף משיח׳ן, זיי האפן נישט אז דורך דעם וועלן זיי קענען געוועלטיגן אויף דער גאנצע וועלט, נישט מען זאל זיי חשוב האלטן, און נישט כדי זיי זאלן קענען עסן און טרינקען און זיך פרעהען, נאר פשוט כדי מען זאל קענען זיצן רוהיג און לערנען. קיינער זאל נישט שטערן. עס איז דאך מוראדיג.

— דער לעבן דא איז שווער — זאג איך צום רב.

— שווער? — זאגט דער רב — לאו דוקא, שווער איז דעם מענטשן

נאר דאן ווען דעם צווייטן איז גרינג, און קיין מענטש ווערט נישט זאגן אז ער האט א גרינגער לעבן.

נעבן שוהלכל, שטעהען עטליכע אידן, דער קלויז איז שוין צוגעשלאסן געווארן, איינער געהט צו צו מיר שטילערהייט און רוימט מיר אריין אין אויער:

— זעהסט דעם, דארטן, וואס שטעהט נעבן טהיר פון שוהל, פאר איהם דארף מען אכטונג געבן און זיין געווארנט, ער איז א מסור...

ער ווייזט מיטן פינגער אויף א עלטערער איד אנגעטאן א לאנגן צוריסענעם ראק מיט א שיינע שניי ווייסע בארד.

— יענער איז א מסור? — וואונדער איך זיך.

— ברויט — רופט זיך א אנדערער אן — ער בעקומט דערפאר בעצאהלט מיט ברויט.

— אויף ווועמען מסר'ט ער?

— אויף ווועמען עס לאזט זיך נאר.

— דהיינו?

— דו ווערסט איהם זעהן דא אויף יום כפור ביינאכט, אויב דו ווערסט דא זיין... ער דערצעהלט וואו מען דארף אויף די וואס זיינען געקומען אין שוהל... וואו מען דארף דאס מיינט מען די ג.פ.או.

אט געפין איך זיך ביי א סלוצקער פאמיליע וואס וואוינען יעצט אין מינסק, דאס זענען קינדער פון רייכע עלטערן וועלכע האבן געוואוינט אין סלוצק, ביי וועמען איך האב געגעסן אין די ווינטערדיגע שבתים זייענדיג א ישיבה בחור אין סלוצק, איך האב געשפירט א חוב אריינצוקומען צו זיי און זיי מיטגעבראכט א פעקל. זיי זענען פיהל יונגער פון מיר, אבער זיי זעהען אויס ווי דריי מאל עלטער. זיי האבן אויסגעבראכן אין א געוויין, אזעלכע טרערן האב איך אויף מיין לעבן נישט געזעהן, מען בעט זיך איינער ביים אנדערן נישט צו וויינען און די טרערן קומען ארויס בכח.

איינער פון די ברידער איז אויסגעגאנגען אין מוסקבה אין תפיסה, א צווייטן האבן די טשעקיסטן גע׳הרג׳עט,ביידע האבן שוין קינדער. דער זיידע קומט פון די ארבעט, ער איז שוין העכער די זיבעציג, ער רופט צו זיך א אייניקל, א קינד וואס לערנט אין א סאוויעטישע שוהלע, לייגט ארויף זיינע הענד אויף זיין קעפל און בענטשט איהם, ווי דער מנהג איז ביי אידן ערב יום כפור. די מאמע וויינט, אויך דער טאטע וויינט, דער קינד שטעהט מיט א אראפגעלאזטן קאפ און נעהמט אויף די ברכה פון זיידן.

ערב יום כפור פארנאכט. איך קום אין שוהל זעהן ווער עס איז געקומען צום דאוונען. פרויען געהען אריין אין פאלוש פון שוהל און געהען ארויס, איינע נאך די אנדערע. איך קום אריין, זעה איך ווי אין פאלוש ברענט א ליכטל, די פרויען קומען דארט בענטשן אויף די ליכט, אלע ערב שבת און יום טוב. עס איז זייער שווער צו קריגן ליכט אין רוסלאנד, אבער עס איז שווערער צו בטל מאכן דעם אידישן מנהג צו בענטשן אויף ליכט ערב שבת, האט עס אין רוסלאנד בעקומען א נייער פארם, איין ליכטל ווערט געשאפן פאר די גאנצע שטאדט וואו מען צינדט איהם אין פאלוש פון שוהל און אלע מאמעס קומען דארטן בענטשן. קיין אידישע שטוב איז נישטא, נישטא אויך קיין שבת׳דיגער טיש אבער די ליכטל ברענט נאך — איין ליכט פאר די גאנצע שטאדט.

די אידישע מאמעס פון מינסק שטעהען פאר דעם איינציגן ליכטל אין פאלוש פון שוהל, זיי פיהרן די הענט איבער די ליכט און פארדעקן דעם פנים, אזוי האבן זיי געטאהן פון דורי דורות, און אזוי טהוט מען אין דער גאנצער וועלט, אין ארץ ישראל צו אין אמעריקע, אין ווילנע צו אין סאלאניקי. אויך די אידישע מאמעס פון מינסק זענען א חלק, א טייל פון כלל ישראל.

און זיי קרעכצן מיט גרויס ווייטאג, די אידישע מאמעס פון מינסק, א קרעכץ און דערנאך א שמייכל מיט נחת, אויף א ווײלע, אט איז נאך א יום טוב געקומען, א שטיקל שמחה אין הארצן. איין מאמע לעגט צו ביי דער ברכה: ״פאר מיינע קינדער וועלכע זענען צושפרייט איבער די זיבן ימ׳ען״.

און אט איז שוין געקומען די צייט פון זאגן כל נדרי, די שוהל איז פוהל געווארן מיט אידן, אויך דער פאלוש איז פוהל און א גרויסער עולם איז געבליבן אין דרויסן, ווייניג טליתים זענען דא, די קיטלען זענען צוריסענע, אבער אויפן קאפ געהט מען א שיינעם הוט, שיריים פון די גוטע יאהרן, אויך דער מסור געפינט זיך דא. אט זעה איך דארפס אידן פון די קולחאזן וועלכע זענען אויך געקומען, אלע ווייסן אז מען וועט דערפון ליידן צרות, אבער יעצט איז יום כפור און מען דארף נישט טראכטן אויף ווייטער.

אט קומט שוין דער רב, ער געהט אראפ פון זיין "שטייג" אין עזרת נשים, ער לאזט נישט צו מען זאל איהם מאכן א וועג, ער איז גלייך מיט אלעמען, ער שטעהט נאר העכער דערפאר וואס ער טראגט אלעמענס ווייטאגן, ער שטעהט אין א ווינקל נעבן ארון קודש. אלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו יענעם ריכטונג. דער חזן, א שטאדטישער איד הויבט אן דעם ניגון "כל נדרי" און אין שוהל הערן זיך די אלטע, אור אלטע ניגונים און תפלות פון אלע דורות "יעלה תחנונינו מערב..."

הונדערטער אידן שטעהען אין דער טונקעלער בית מדרש און דאווענען און די שטימע פון רב, ווי א שטילער טיף הארציגער געבעט, געהט ארויס פון אונטער זיין טלית און שטייגט איבער אלעמען, ער איז דאס דער שטילער מלאך, דער שטילער טרייסטער.

זיי, די רבנים פון רוסלאנד וועמען איך האב באגעגנט, זענען הייליגע מענטשן, אן קרוינען אויפן קאפ, אן קיין זילבערנע כלים אויפן טיש, אפילו קיין קליין געלד אין קעשענע פארמאגן זיי נישט, זיי וואוינען אין ווייבער שוהל ווי אין שטייגן און זיי טיילן זיך מיט מענטשן מיט אלץ וואס זיי פארמאגן — מיט זייער הארץ...

אויף מארגן אינדערפרי געה איך אין שוהל און דערזעה נייע פאזעס, אלטע פאר פעלקער קומען אין שוהל, די מענער פיהרן די ווייבער אין שוהל און בעטן זיך ביי זיי:

— בעט אויך פאר מיר, בעט אויך פאר מיר מיט די קינדער.

זיי, די מענער איילן זיך צו די ארבעט, זיי טארן יעצט אין שוהל נישט זיין, עס שפילט מיט ארעסט, מיט פייניגן, מיטן לעבן אפפערן און מען איז צו שוואך זיך קעגנצושטעלן.

מען דאוונט נעילה. איך קוק זיך איין אין פייט: מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה — מחסורם ומשאלותם בל יוכל לספרה — נא בינה הגיגנו טרם נקרא — ספו וגם כלו יודעי פגיעה — ערומים נותרנו ורבתה הרעה...

איך טראכט, ווי שטארק דארפן זיך פרייען די אידן וועלכע האבן די מעגליכקייט אויסצוגיסן זייער הארץ פארן בורא עולם. זיי, די רוסישע אידן האבן נעבאך אויך אויף דעם נישט קיין מעגליכקייט.

ערב יום כפור

"והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" — פלעגט זאגן רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — געהט־ארויף אויף ערב־יום־כפור און פורים. אין די דאזיגעביידע טעג קומט דער שטן מיט א קטרוג אויף אידן: פורים קומט ער מיט א געוואלד, פארוואס די אידן טרינקען און שכור'ן און לאזן זיך וואוילגעהן, — ווייזט מען איהם "מלפנינו", אויפ'ן פריהערדיגן טאג, אויף אסתר־תענית, ווען זיי האבן א גאנצן טאג געפאסט, מתפלל געוועזן און געגעבן צדקה; ערב־יום־כפור קומט ער ווידער מיט א עהנליכע טענה, פארוואס די אידן האלטן אין איין עסן — דאן ווייזט מען איהם "מאחרינו", אויף דעם שווערן פיינליכן טאג, וואס עס ערווארט זיי צומארגנס...

אן א ברעג

דער רבי רבי לוי יצחק בארדיטשובער זצ"ל ווען ער פלעגט צוקומען צום פיוט וואס מ'זאגט יום כיפור "אנו מלאי עוון ואתה מלא רחמים", מיר זענען פוהל מיט עבירות און דו ביזט פוהל מיט רחמים! האט ער געזאגט:

— מיר זענען פוהל מיט זינד, אבער ווי גרויס איז דער גאנצער "לוי יצחק" אפילו ווען ער איז פוהל מיט זינד. אבער דו ביזט פוהל מיט רחמנות, דו ביזט אן א ברעג — איז דאך דיין רחמנות אויך אן א ברעג — — —

דעם זיידנס ברכה

דאס יום־כפור־ליכט האט שוין געברענט אויפן טיש, דער אלטער ר׳ עזריאל האט זיינע ביינערדיגע, ציטערדיגע הענד ארויפגעלעגט אויפן קאפ פון זיין אייניקל און מיט טרערן אין די אויגן געזאגט:

— ״ישימך אלקים כאפרים וכמנשה...״ מיין קינד, עס איז א מנהג־ישראל צו בענטשן די קינדער פארן געהן אין שוהל אריין צו ״כל נדרי״. וואס פאר א ברכה זאל איך דיר געבן, מיין קינד? טויזנטער וואונטשן שוועבן אויף מיינע ליפן, אבער געה ווייס אין דער היינטיגער תוהו ובוהו׳דיגער צייט וואס עס איז יא א ברכה און וואס — נישט. אט האט מען אלע מאל געבעטן אויף א שנת־זול, עס איז אנגענומען געווען, אז א ביליג יאר, א זול אויף פראדוקטן בעדייט א ברכה, דאגעגן א יקרות איז א סימן קללה. היינט אבער איז א עולם־הפוך, אין דער היינטיגער צודרייטער וועלט ווערט א זול בעטראכט אלס קללה, אלע מיטלען ווערן אנגעווענדעט, כדי ארויסצורופן א יקרות, און דאס גרעסטע אומגליק איז, אויב דאס גערעטעניש איז אויסגעפאלן און דער פרייז פון תבואה פאלט...

— מיין קינד, איך בין שוין א איד א בן־שמונים, כ׳האב שוין פיהל אין מיין לעבן געזעהן, פיהל דורכגעמאכט, פיהל בייגעוואוינט, אבער אזא שרעקליכע צייט ווי די היינטיגע, אזא מורא׳דיגער שעת־חירום געדענק איך נישט. כ׳האב פיהל צרות איבערגעלעבט, אבער זיי האבן לפחות געהאט א גרעניץ, כ׳האב מיטגעמאכט נגישות וועלכע האבן אנגעהאלטן לאנגע צייטן, אבער זיי האבן זיך פארט געענדיגט. היינט דאגעגן קומט פאר א כסדר׳דיגע, אונאויפהערליכע נגישה, צרות אן א עק, אן א גבול, נישטא קיין איין מנוחה׳דיגע רגע ממש, ווי עס שטעהט אין דער תוכחה ״והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך״...

— מיין קינד, דו ביסט נאך זעהר יונג, געהסט ערשט אנהויבן צו לעבן, כ׳האב גרויס מיטלייד מיט דיר (ר׳ עזריאל האט א טיפן זיפץ געטהון), כ׳האב מיטלייד מיטן יונגן דור, וואס טרעט ערשט אריין אין דער וועלט, אזא צוטרייסלטע, צופוילטע וועלט, א וועלט וואס איז פול מיט שקר און צביעות, מיט גניבה און גזילה, מיט רויב און רציחה, א וועלט וואו פארן שטילן און רוהיגן מענטש איז קיין ארט נישטא, על אחת כמה וכמה פארן איד. געווען צייטן, ווען אידן זענען נישט געווען זיכער מיטן נפש, דערפאר אבער איז געווען פרנסה ברווח ובשפע; געווען אויך פערקעהרטע צייטן, ווען קיין פרנסה איז נישט געווען, איז מען לפחות מיטן נפש געווען זיכער. היינט אבער ווערן מיר געשלאגן בחומר ובריוח, אי די מקורות־הפרנסה ווערן פאר אונז פערשטאפט, אי מיר זענען מיטן לעבן נישט זיכער...

— אזא מצב, מיין קינד, פאדערט פון אונז א חשבון. די חז״ל זאגן ״חטאו בכפלים ולקו בכפלים״, אויב מען ווערט דאפלט געשלאגן איז א סימן, אז אויך די זינד זענען דאפלטע. די רפואה דערצו איז תשובה, ווי אין פסוק שטעהט ״ולבבו יבין ושב ורפא לו״. ווייסטו, מיין קינד, וואס עס הייסט תשובה? די חז״ל זאגען ״לא השק ותענית עיקר אלא תשובה ומעשים טובים״.

ר׳ עזריאל האט אויף א רגע מפסיק געווען און דערנאך ווייטער גערעדט:

— דער מדרש זאגט אויפן פסוק ״והנה איל אחר נאחז בסבך״, אז דער רבונו של עולם האט געוויזן אברהם אבינו׳ן די שפעטערדיגע דורות, ״עתידין בניך להיות נאחזים בעוונות ונסבכים בצרות וסופן ליגאל״. איינס איז א פועל־יוצא פון צווייטן, דער ״ונסבכים בצרות״ איז א רעזולטאט פונ׳ם ״ונאחזים בעוונות״ אבער — דער סוף וועט זיין א גוטער, ״וסופן ליגאל״.

דעריבער, מיין קינד, זענען מיר זיכער, און דעריבער טאר מען ח״ו אין קיין יאוש נישט אריינפאלן. ווי שלעכט עס זאל נישט זיין, דארף מען האפן אויף א בעסערן מארגן. עס איז היינט יום־כפור, דער הייליגסטער

טאג פון יאהר, לאמיר האפן, אז אונזערע תפלות וועלן דערהערט ווערן, אז עס וועט א סוף נעמען צו "כל מיני פורעניות וגזירות רעות".

רבי מאיר'ל פרעמישלאנער ז"ל פלעגט זאגן אויף דער ברכה אין דער יום-כפור'דיגע שמונה עשרה "ברוך אתה וכו' ומעביר אשמתנו בכל שנה ושנה": פונוואנען זענען מיר עס זיכער, טאמער חלילה נישט, איז עס דאך א ברכה לבטלה? נאר עס טרעפט אמאל, אז א קינד זעהט דעם פאטער האלטן א גוטע פרוכט אדער נאשווארג, עס ווייסט נישט, דאס קינד, צו דער פאטער וועט עס איהם וועלן געבן. וואס טהוט עס? כאפט דאס קלוגע קינד און מאכט הויך א ברכה און אזוי ווי דער פאטער וויל נישט צולאזן צו קיין ברכה לבטלה, גיט ער דעם קינד די גוטע זאך. מיר אידן טהוען אויך אזוי: קודם-כל זאגן מיר די ברכה, השי"ת וועט דאך נישט וועלן, אז עס זאל זיין א ברכה לבטלה, וועט ער די זינד מוחל זיין...

— יא, מיין קינד, מען טאר אין קיין יאוש נישט ארייינפאלן. מיט אלע כחות דארף מען זיך האלטן, ווי ווייט מעגליך ברויך מען זיין בשמחה, נישט אומזיסט זאגן מיר פאר כל-נדרי פיהל מאל דעם פסוק "אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה". איינער א גוטער איד האט אמאל דערצעהלט, אז פון א פראסטע אידענע האט ער זיך אויסגעלערנט, דאס דער בעסטער וועג צו דינען השי"ת איז מיט שמחה. איינמאל האט ער געהערט, ווי אין דער ווייבער-שוהל האט א אלטע אידענע נאכגעזאגט די פארזאגערן יום-כפור צו כל-נדרי דעם פסוק "אור זרוע לצדיק" — "אוי, זויער איז דעם צדיק, דאך איז ער בשמחה".

— אזוי איז עס, מיין קינד, עס איז אונז ל"ע זויער און ביטער, פון אלע זייטן ווערן מיר געיאגט און געפלאגט, מיר האבן נישט קיין מנוחה נישט אין גלות און נישט אין ארץ ישראל. אבער מיר וועלן חלילה די האפנונג נישט פערלירן, מיר גלויבן באמונה שלימה אז סוף-כל-סוף וועט זיגן דער אמת, דער צדק, דער יושר.

מיר גייען איצט, מיין קינד, אין שוהל אריין צו כל-נדרי, עס איז איצט א שעת-רחמים ושעת-רצון, מיר בעטן "פתח שערי שמים לתפלתנו", לאמיר האפן, אז די טויערן וועלן געעפנט ווערן און אונזערע תפלות וועלן

דערגרייכן צום כסא הכבוד, "אם ישוב מיד תקבלו", ווי דער וואורקער רבי ז"ל האט זיך אויסגעדריקט, אז אין די ימי רצון איז תשובה א גוט ארטיקל, וואס ווערט געכאפט פון דער האנד, "מיד"... לאמיר האפן, אז עס וועט דערהערט ווערן אונזער געבעט "חדש ימינו כקדם" און "הרם קרן ישראל עמך", ווי דער בערדיטשעווער ז"ל פלעגט זיך אויסטענה'ן מיטן רבונו של עולם: "פארוואס, פאטער אין הימל, פיהרסטו זיך נישט אויף ווי א פשוט'ער בעל־הבית, אויב ער לאזט אראב די תפילין אויף דער ערד הויבט ער זיי אויף און גיט זיי א קוש. מיר, אידן, זענען דאך דיינע תפילין, אין וועלכע עס שטעהט געשריבן "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", שוין צוויי טויזנט יאהר ווי מיר זענען געפאלן און ערנידריגט, מען טרעט אויף אונז, מען שלאגט אונז און מען דריקט אונז, פארוואס הויבסטו אונז נישט אויף, פאטער אין הימל, "הרם קרן ישראל עמך".

— ווי דו זעהסט, מיין קינד — האט ר' עזריאל פערענדיגט — רעד איך שוין צו דיר א האלבע שעה און קיין ברכה האב איך דיר נאך אלץ נישט געגעבן. אין דער היינטיגער צודרייטער צייט ווייסט מען נישט, וואס עס איז יא א ברכה און וואס — נישט. איך וועל דיר דעריבער לגמרי נישט בענטשן, כ'וועל בלויז ווינטשן, אז עס זאל זיין גוט, אז וואס עס זאל געשעהן, וואס עס זאל פאסירן, וואס עס זאל נישט פארקומען זאל עס זיין צום גוטן.

— אמן! — האט דאס אייניקל געענטפערט, מיטגעהענדיג מיטן זיידן אין שוהל אריין צו כל־נדרי.

שהחיינו

אלע יום טוב מאכט מען א ברכה שהחיינו, די ברכה זאגט מען בשעת מען מאכט קידוש, אבער יום הכפורים וואס מען מאכט נישט קיין קידוש זאגט מען די ברכה ביים דאווענען, וואלט מען עס געדארפט זאגן נאכן דאווענען און נישט פאר מעריב, בשעת עס איז נאך נישט נאכט. אבער וויבאלד תוספות יום הכפורים איז דאך מן התורה, האט מען מתקן געווען צו זאגן די ברכה פאר מעריב.

(נפש חיה)

זעקסטער קאפיטל: שומע תפלה

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!
די תפילה פון אלף בית
דער אפענער סידור
א ים מיט טרערן
פארלאזן זיין פליכט
דערכאפט דאס הארץ
מראה כהן
דער ערשטער יום כפור אין אמסטרדם
ארעמע גוים

זעקסטער קאפיטל

שומע תפלה

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

די תקופה פון קאנטוניסטן איז איינע פון די שרעקליכסטע תקופות אין די אידישע היסטאריע, עס איז באשמירט מיט טרערן, און אנגעפילט מיט קידוש השם.

די יונגע קאנטוניסטן וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען פאר אידישקייט זענען אריבער שרעקליכע פייניגונגען און נישט געלייקנט אין די תורה הקדושה און אין זייער גלויבן. וואס מער מען האט זיי געפייניגט אלס שטארקער זענען זיי געווארן אין זייער גלויבן.

די קומענדיגע ערצעלונג וועלכע איז ארויסגענומען פון די היסטאריע פון יענע צייטן, וועט אונז ווייזן איין פרט פון דעם לעבן פון די אידישע סאלדאטן, פון די קאנטוניסטן.

דאס איז געשעהן אין יאר תר״ב. אונטער דער הערשאפט פונעם צאר ניקאלאי האט אין פעטערבורג נאכנישט עקזיסטירט קיין שול פאר אידן. אבער דער צאר ניקאלאי דער ערשטער, דער רוסישער קעניג האט מסכים געווען אויפצושטעלן א שול פאר די אידישע סאלדאטן, וועלכע געפינען זיך אין הויפט שטאט.

נישט צוליב זיין גוטסקייט האט דער גרויסער אכזר, דער צאר מסכים געווען צום שול אויפבוי, נאר צוליב די גרויסע עקשנות פון די אידישע סאלדאטן.

דאס איז אבער געווען א נעבעכדיגער בית מדרש, געבויט פון דיקע העלצער אן קיין שום באפוצונגען — אבער פאר די אידישע סאלדאטן איז עס געווען א פאלאץ, צו וועלכן זיי זענען געקומען שבתים און ימים טובים, אויסצוגיסן זייער ביטער הארץ פאר הקב״ה.

און אויב עס איז געווען אזוי יעדן שבת איז דאך ימים נוראים אודאי און אודאי געווען פאר יעדן סאלדאט וואס האט נאר געהאט אין זיך א אידישן פלאם, ער זאל זיך קומען אויסוויינען אין בית מדרש, צו בעטן און אויספועלן פון בורא כל עולמים, ער זאל אים געבן כוח בייצושטיין די אלע שווערע ביטערע נסיונות וואס באנייען זיך אויף אים טאג טעגליך.

ווען עס האט זיך געמאכט אז אידן פון אנדערע געגנדן, זענען געווען אין פעטערבורג אויף שבת און יום טוב, זענען זיי אויך געקומען דאווענען אין שול פון די סאלדאטן.

עס איז געווען א געזעץ אין דעם בית מדרש, אז פארן עמוד האבן נאר געמעגט שטיין די סאלדאטן, ווייל נאר זיי זענען געווען די איינציגע וואס האבן געקענט זיין שליחי ציבור פאר זייערע חברים אין צרה.

אין דעם דערמאנטן יאר זענען געקומען מתפלל זיין אין דעם מיליטערישן בית מדרש א סאך מער אידן ווי אין די אנדערע יארן. און די סיבה דערפון איז געווען, ווייל עס האבן זיך דעמאלס געפונען אין פעטערבורג די צוויי גדולים פון יענער צייט, דער ראש ישיבה פון וואלאזשין הגאון ר׳ יצחק, דער זון פון רבינו חיים, דער מייסד פון די בארימטע ישיבה און א תלמיד פון ר׳ אליהו, ווילנער גאון, און אויך איינער פון די צדיקי הדור, בעל ״צמח צדק״, דער ליובאוויטשער רבי, דער אייניקל און ממלא מקום פון בעל ה״תניא״.

די צוויי גאונים און צדיקים זענען געקומען צו דער הויפט שטאט וועגן כלל זאכן וואס זענען געווען העכסט וויכטיג צו ערלעדיגן. זיי האבן געדארפט ערשיינען פאר הויכע שרים און געמוזט צוליב די שליחות מצוה פארבלייבן אויך איבער יום כפור אין פעטערבורג. זעלבסט פארשטענדליך אז זיי זענען געקומען דאווענען צום איינציקן בית מדרש פון שטאט, די מיליטערישע שול.

דאס בית מדרש איז געווען איבערפולט פון עק צו עק. סאלדאטן אין פארשידענע מלבושים האבן זיך דארט איינגעזאמלט. אויף זייערע פנים׳ער איז געווען ארויפגעצויגן דאס ציטערניש און מורא. זיי האבן

געוואוסט אז יעצט ווערט ארויסגעגעבן זייער משפט, וואס איז דאך ביז יעצט אזוי ביטער און שווער. זיי האבן געוואוסט אז זייער לעבן שטייט אויפן וואגשאל און עס ווערט ארויסגעגעבן זייער גורל אויפן קומענדיגן יאר. זייער גאנצע הארץ איז געווען פארטאן אין די טרויעריגע מחשבות. זיי האבן נישט געהאט קיין היים, קיין משפחה, זיי זענען גענומען געווארן אין מיליטער זייענדיג נאך קליינע קינדער. ביי עטליכע פון זיי איז שוין אריבער די 25 יאר, פון יענעם ביטערן טאג ווען זיי זענען פון זייער מאמעס שויס אוועקגעריסן געווארן. עטליכע האבן שוין אפילו מער געדינט. פיהל פון זיי האבן שוין נישט געדענקט זייער היים און עלטערנס הויז, אפילו דאס אויסזען פון זייערע עלטערן איז געווען ווי פארנעפלט אין זייער זכרון. זייער געבורטס שטאט האבן זיי זיכער נישט געדענקט, ומכל שכן זייער בית מדרש אין די ימים נוראים. אבער אין הארצן זענען זיי געבליבן געטרייע אידן.

איינער פון זיי האט נאך געדענקט דעם געזיכט פון זייער שטאט רב, דער רב האט יעדן געקושט און געהאלדזט און ניט אויפגעהערט צו וויינען און טרייסטן און ווען די אומגליקליכע גרופע האט אנגעהויבן צו מארשירן — איז ער נאכגעלאפן די קינדערלעך און אזוי גערעדט צו זיי:

— ״דער נביא האט געזאגט צו זיין פאלק: ״הציבי לך ציונים״, איר קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, דארפט אייך מאכן צייכנס אין אייער שווערער וועג פון קידוש השם. איר זענט מחויב טייערע קינדערלעך, אנצייכענען יעדע זאך וואס פאסירט מיט אייך מיט די צייכנס פון די תורה. פארגעסט נישט דעם וועג אין וועלכן איר זענט געגאנגען ביז יעצט, כדי איר זאלט זי טרעפן אי״ה ביים צוריקקומען. אויב מען וועט אייך נישט לאזן דאווענען יעדן טאג, זאלט איר נישט פארגעסן צו ליינען קריאת שמע 3 מאל אין טאג. אויב מען וועט אייך צווינגען צו עסן טריפות — פארגעסט נישט אראפצוגיסן פונם עסן, 3 לעפלעך, איר זאלט נישט פארגעסן אז איר האט געגעסן טריפות און איר זאלט נישט אויסזויגן די ביינער פון די טריפות. דאס זאלן זיין אייערע צייכנס פאר אייער וועג״.

יאָ, ער געדענקט דעם רב׳ס ווערטער, ער געדענקט עס נאך ביזן

היינטיגן טאג, און טראץ דעם וואס ער האט שוין זייער א סאך זאכן פארגעסן, אבער די צייכנס צום אידישן דרך האט ער נישט פארגעסן, און אט שטייט ער אין בית מדרש נאך 25 יאר פון שמד און יסורים, ער האט נישט אויף וואס צו האפן, נאר אז ווען זיי וועלן זיין צו אלט שוין צום מיליטער דינסט, וועט מען זיי באפרייען. אבער דעמאלס וועלן זיי שוין זיין שברי כלים, און וועלן נישט זיין גוט פאר קיין שום ארבעט, און זיי וועלן פארענדיגן זייער לעבן אין עפעס א "הקדש" אדער אין א מושב זקנים פאר ארעמעלייט.

די בכיות האבן געשפאלטן די ווענט, אבער מען האט זיי נישט געשטערט צו וויינען, די אפיצערן וועלכע האבן אויף זיי געהיטן, האבן געוואוסט אז עס איז זיי ערלויבט צו דאווענען. זיי האבן אויך געוואוסט אז עס איז נישטא וואס צו היטן אויף די אידישע סאלדאטן, מען דארף ניט מורא האבן זיי איבערצולאזן און זיי זענען זיך אוועק. דורכן גאנצן טאג האט קיין איין סאלדאט נישט פארלאזט דאס בית מדרש. דאס איז געווען זיין גרויסער טאג. דא איז ער א באפרייטער, דא זענען זיינע אויגן לויטער ווי זיין הארץ און זיין גאנצע זעלע גיט ער איבער דעם דאזיגן טאג פאר זיין באשעפער.

☆

ביי נעילה איז אריבער א גערודער צווישן דעם עולם.

— עס וואלט געפאסט מכבד צו זיין איינעם פון די גדולי ישראל, וועלכע געפינען זיך איצט אין בית מדרש. איז עס דען א שאלה אז דער "צמח צדק" אדער דער גאון פון וואלאזשין זאלן צוגיין פארן עמוד? אנדערע קהילות וואלטן דאך געגעבן כל הון שבעולם פאר אזא גרויסע זכי'!

קיינער איז נישט געווען דערגעגן.

און אט זענען צוגעקומען עטליכע סאלדאטן און פארגעלייגט זייער ביטע, אז עס וואלט געווען ריכטיג מכבד צו זיין מיט די תפילה איינעם פון די סאלדאטן, ווייל ער און נאר ער איז דערצו פאסיג אין אלע געביטן. זיי

האבן דערציילט אז קיינער איז נאכנישט אריבער אזא גיהנום ווי יענער סאלדאט; ער איז דורכגעגאנגען יסורים איבער זיין גאנצן קערפער און ער האט נישט קיין איין אבר וואס זאל נישט האבן דורכגעמאכט יסורי איוב. ער — האבן געזאגט די סאלדאטן — האט מקדש געווען שם שמים ווי איינער פון די קדושי ישראל, און מען קען נישט טרעפן קיין צווייטן וואס זאל זיך אזוי האלטן אין ג־ט און אין זיין תורה נאך אזעלכע שרעקליכע פייניגונגען.

איינער פון די סאלדאטן איז צוגעגאנגען צו די גדולי ישראל, וועלכע האבן זיך צוגעהערט צו דאס אלעס און זיי געזאגט:

— ״הייליגע צדיקים! בעט פון אים ער זאל אייך ווייזן זיין הויט, און איר וועט איינזען אז ער האט נישט קיין איין שטרעכעלע אויף זיין קערפער וואס האט נישט קיין וואונדן! עס גיסט זיך פון אים כמעט אלץ בלוט, די וואונדן ווערן פאראייטערט און פארגיפטעט, זיין פלייש זעט נישט אויס ווי פון קיין מענטש, נאר ווי רויע פלייש!״

— ווער איז עס אט דער סאלדאט?״

״דארטן אין ווינקל שטייט ער, אינגאנצן ארייגעטאן אין זיין תפילה. זיינע אויגן זענען א קוואל פון טרערן. ער שטייט דארט איינגעבויגן איבער זיין מחזור. מיט שוועריגקייט קען ער ליינען דערינען, ווייל די גאנצע עברי איז פאר אים שווער, ער האט נישט צופיל צייט געהאט צו לערנען אין זיין יוגנד, און וואס ער האט יא געלערנט האט ער אויך פארגעסן במשך די אלע יארן צווישן די גוים. אבער ער ווייס אז השי״ת טוט זיך חלילה נישט דערווייטערן פון אים, קודם כל קען ער דאך אלע תפילות אויסנוועניג און מכל שכן די תפלה פון יום כפור. צווייטנס דער בוחן לבבות וויל דאך דאס הארץ, און ער האט דאך מוסר געווען זיין גאנצע הארץ און זיין בלוט און פלייש פארן באשעפער, ער האט נישט געלאזט פאלן איין טרער פאר זיך, נאר אלעס פארן נאמען פון השי״ת. ער האט נישט ארויסגעלאזט קיין זיפץ אויף זיינע ווייטאגן און שרעקליכע יסורים, נאר ער האט געהאט עגמת נפש, דאס וויבאלד מען פייניגט אים קען ער נישט דינען דעם באשעפער

מיט שמחה. ער האט איבערגעגעבן זיין גאנצן נפש פארן באשעפער און יעדע גליד פון זיין קערפער איז קודש לה׳.

די מענטשן זעהען דאס נישט, אבער הקב״ה ווייס און זעט זיין צוריסענעם גוף, די טויזנטער בייטשן וואס זענען אריבער אויף זיין קערפער האבן איבערגעלאזט זייערע צייכענס. זאלן קומען די לעכער אין זיין קערפער, דער אייטער, די רויטע שטרייפן וועלכע ציען זיך פון זיין קאפ ביז זיינע פיס, און זאלן עדות זאגן פארן בורא כל עולמים — אז ער איז טראץ דעם אלעמען געבליבן א איד, און זיין גאנצער באגער איז נאר דאס, אז ער זאל בלייבן א איד.

נאך א זאך וויל ער בעטן, מען זאל אים ברענגען צו קבר ישראל. און אויב עס איז איהם נאך באשערט צו לעבן, זאל ער נאך זוכה זיין לעבן אלץ באפרייטער איד צווישן אידן, צו קענען מיט זיינע אייגענע אויגן נאך זען א עכטער אידישע בית מדרש, זיך צו פרייען אין א אידישע שמחה, מער בעט ער נישט.

ער האט אויפגעהויבן זיין קאפ, זיין פנים איז געווען צוטראגן, אויפן ערשטן בליק האט מען געקענט מיינען אז ער איז זייער א אלטער מאן, אבער ווען מען האט בעסער באטראכט און געזען אז די קנייטשן זענען נישט פון עלטער נאר שטיקלעך פלייש וואס זענען ארויסגעריסן געווארן מיט א מעסער און זענען זיך צוריק בעוואקסן — האט מען באמערקט אז ער איז גאר א יונגער מאן. זיין פנים איז געווען פול מיט ווייסע פלעקן פון וואונדן וואס זענען אראפגעפאלן און פון די אויגן האט זיך ארויסגעוויזן פיל פון דעם טיפן צער, וואס נאר אידישע אויגן קענען ארויסווייזן. עס האט געהאט אין זיך דעם פעסטן בטחון, וואס נאר אויגן פון א געליטענעם איד קענען דאס ארויסווייזן, עס האט געהאט אין זיך די שטילע אידישע עקשנות.

— זאל ער זיין דער שליח ציבור ביי ״נעילה״! — האבן געפסקנט די גאונים און צדיקים.

דער סאלדאט האט זיך ארומגעוויקלט מיט זיין טלית און צוגעגאנגען צום עמוד.

א שטילקייט פון נעילה צייט, פון די לעצטע מינוטן פאר נעילת השער, האט געהערשט אין דער סאלדאטן שוהל, דער גאנצער עולם איז געשטאנען מיט ציטערניש און געווארט צום ניגון פון חזן, אבער ער הויבט נישט אן צו זינגען.

און פלוצלונג דערהערט זיך דאס קול פונם פארפייניגטן סאלדאט, זיין קול איז דיק און מגושמ׳דיג, און פול מיט פיין. דער קול האט געקלונגען איבערן שול, יעדנס בליקן איז געפאלן אויף אים. טליתים זענען אראפגענומען געווארן פון די קעפ כדי אים צו קענען באטראכטן.

ער האט אבער דאס אלעס נישט געזען. ער איז געשטאנען מיט פארמאכטע אויגן, ער האט געפילט די קלעפ פון די בייטשן אויף זיין רוקן, ער האט געהערט די ווילדע געשרייען פון די אפיצערן, וועלכע האבן אים געפייניגט צענדליגער יארן. ער האט זיך געזען אין "קוסטרוי" (א מין פייניגונג, וואס הונדערט מענטשן שטייען אין א רייה און אלע לאזן אויף אים ארויף זייערע בייטשן איינס נאך דעם צוויטן אויף זיין פארבלוטיגטן רוקן). אין זיין אויער איז איינגעקריצט דאס ווי געשריי פון זיין מאמען ווען מען האט אים פון איר אוועקגעריסן.

פאר זיינע אויגן זענען פארביי די אלע נעכט פוהל מיט פארצווייפלונגען און האפענונגען. ער האט צוזאמענגענומען די טרערן — און אט זענען זיי גאנצע טייכן.

— און נאך דעם אלעמען איז ער דאך געבליבן א איד און דא שטייט ער פאר די תורה, און נעבן אים די גדולי ישראל, — זיי וועלן הערן זיין א תפילה, ווייל ער האט זוכה געווען צו זיין א שליח ציבור.

יאָ, יאָ! ער גייט שוין אנפאנגען צו דאווענען אבער קודם מוז ער עפעס זאגן פארן באשעפער, דאס וועט נישט זיין א תפילה נאר א קליינער שמועס... ווייל ער האך דאך נישט קיינעם אויף דער וועלט, מיט וועמען ער זאל קענען רעדן. אלעמאל פלעגט ער שרייען צום רבונו של עולם. יעצט אז זיין לעבן האלט שוין ביים פארגיין — וויל ער אים עפעס זאגן.

און אט דערהערט זיך דאס קול פונם סאלדאט, דאס ריין אידיש קול:

— רבונו של עולם, אב הרחמים והסליחות! געוויינטליך בעטן מיר דאך ביים דאוונען אויף בני חיי ומזוני, אזוי ווי אבער מיר זענען דאך זעלנער ביי ניקאלאי׳ן, איז אויף ״חיי״ נישטא וואס צו בעטן, ווייל דער טויט איז שוין בעסער... אויף ״בני״ האבן מיר נישט וואס צו בעטן ווייל מיר האבן דאך קיין קינדער נישט, דען מען לאזט דאך אונז נישט חתונה האבן איידער מיר דינען אפ אין מיליטער גאנצע פינף און צוואנציג יאהר, אויך אויף ״מזוני״ האבן מיר נישט וואס צו בעטן ווייל חיונה גיט מען אונז דאך טאג טעגליך, דאס איינציגע וואס מיר בעטן ביי דיר, רבונו של עולם, איז נאר:

״יתגדל ויתקדש שמיה רבא״

און באלד נאכדעם האט ער אנגעהויבן זאגן דעם קדיש.

מען קען זיך פארשטעלן דעם רושם, וואס די הארציגע פשטות׳דיגע תפלה פון דעם ניקאלאיסקן סאלדאט האט געמאכט אויף די צוויי גאונים און צדיקים, וועלכע זענען עס געקומען קיין פעטערבורג זיך משתדל זיין פארן שווער געפרובטן רוסישן אידנטום, וועלכע האבן זיך דעמאלס ממש געבראטן אין אויסערגעוועגליכע צרות און עינויים. די פשוטע הארציגע תפלה פון די מסירות־נפש׳דיגע זעלנער האט איינגעריסן הימלען.

דער חזן איז אלעמען מוציא

עס איז א מנהג אז ראש השנה און יום הקדוש הויבט אן דער חזן צו זאגן פארן עמוד פון אנהויב ברכות השחר. דער טעם דערפון איז, ווייל עס זענען דא א סאך וועלכע זענען דאן אויף א גאנצע נאכט, אנדערע כאפן מעהר נישט ווי א דרעמל, און ווען עס ווערט טאג ווערט ביי זיי א ספק צו זיי זענען מחויב צו זאגן די ברכות, דעם חזן לאזט מען אבער נישט זיין אויף ביי נאכט, כדי ער זאל נישט ווערן הייזעריג, און ער איז געוויס מחויב אין די ברכות השחר, זאגט ער יעריבער די ברכות הויך אויפן קול, צו מוציא זיין די וואס זענען געוועגן אויף א גאנצע נאכט.

(שיחות חכמים)

די תפילה פון אלף — בית

דאס איז געווען אין די ימים נוראים, אין די צייטן פון דעם בעריהמטן צדיק ר׳ ייב״י (ר׳ יעקב יוסף ב״ר יהודא) זצ״ל, דער רב און מגיד מישרים פון דער בעריהמטער היסטארישער שטאט אסטראה.

קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען עס האט זיך גענומען, אבער אזוי איז עס געווען. יעדערער האט זיך געשראקן, גאנצע כמארעס פון מרה שחורה האבן זיך פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר אנגערוקט אויף די אידישע פנימער וואס ארום אסטראה, וואס איז פון יאהרן לאנג א אנגעשראקענע געגנד, צוליב פערשידענע באנדעס רוצחים, קאזאקן און "שילער געלויף", האט מען זיך אין יענעם יאהר געפיהלט זייער געדריקט פון א אונבעגרייפליכן פארגעפיהל פון א שרעקליכן גזר דין וואס הענגט אויף אידישע קעפ.

אזוי זענען געווען די פאר ראש השנה טעג, אזוי אויך ראש השנה אליין, און אט איז שוין דער ערב יום כפור דא און עס פיהלט זיך נאך אלץ נישט קיין ענדערונג.

פון דער גאנצער געגנד וואס ארום אסטראה זענען זיך אלע אידן צונויפגעפאהרן אין אסטראה, וועלנדיג אנשליסן זייערע תפלות צו די תפלות פון צדיק הדור, אין גרויס איילעניש האט זיך יעדערער געגרייט צום יום הקדוש, אפגעכאפט די סעודה המפסקת, די טבילה, און געלאפן גיך געשווינד צום צדיק ר׳ ייב״י אין שוהל אריין.

האט דאן אין א דארף נעבן אסטראה געוואוינט א איד א ארענדאר, זייער א פראסטער, אבער זייער א פרומער און א תמימות׳דיגער, דאס דאוונען פלעגט איהם אנקומען מיט גרויס מאטערניש, נעבאך שטומפיג געווען אויף דער "עברי". פערמאגט האט ער א ירושה סדור, אין וועלכן

ער פלעגט אלע טאג קוים קוים עטליכע שורות דאווענען צוזאמענגעשטעלט. פילנדיג אבער א מאנגל אין א ווארעמער תפלה, א הארציגע, וואס זאל אויסדריקן זיין נשמה בענקעניש צום בורא עולם, פלעגט ער טאג טעגליך פערפאסן א הייסע תפלה צום רבונו של עולם, וועלכע ער פלעגט זאגן הארציג אוןווארים. אויף ימים נוראים פלעגט ער פאהרן אין שטאדט אריין, בעשטעלט זיך דארטן א אידן, וועלכער זאל פארזאגן פאר איהם די תפלות פאמעלאך און הויך, כדי ער זאל קענען נאכזאגן.

אין יענעם ערב יום כפור, ווען אין אסטראה האבן זיך וועלטן געקערט, האט זיך דער ארענדאר מקדים געווען און גאנץ פריה האט ער איינגעארדנט זיינע געשעפטן, איבערלאזנדיג ביים גויאישן משרת גענוג בראנפן אויפן גאנצן טאג, כדי די גויים פון דארף זאלן האבן צו טרינקען, און דער פריץ זאל זיך אויף איהם נישט אנברוגזן. איינגעשפאנט די פערד אין וואגן, גענומען די אלטע מוטער און די פרוי, מיטגענומען אויך זיין ירושה סדור און געפאהרן קיין אסטראה אויף יום כפור, מתפלל זיין צוזאמען מיט אלע אידן.

קומענדיג קיין אסטראה, אויפן וועג נאהנט צום שטאדט, קומט מיטאמאל צולויפן א רייטער פון דארף, און זאגט אז דער פריץ האט בעפוילן, ער זאל שוין קומען צוריק, ווייל עס איז ביי איהם היינט א גרויסער פערברענגען און עס פעהלט איהם אויס משקה. צוליב מורא פארן בייזן פריץ, קעהרט ער זיך אום אליין אין דארף, ער טראכט זיך, נישקשה, עס איז נאך גאנץ פריה, איך וועל נאך אלץ קענען ערליידיגן און צוריק בעצייטנס קומען צו כל נדרי.

ער קומט אהיים און ווי אויף להכעיס, האט זיך ביי איהם די שפע צולאזט, דער פריץ שיקט אלע ווייַלע נאך בראנפן, נאך און נאך, די קרעטשמע ווערט אנגעפיהלט פוהל מיט פויערן, דער פדיון פערשטארקט זיך, עס רוישט און רודערט אין קרעטשמע, דער ארענדאר ווערט פערטאהן און פערגעסט זיך גאר אינגאנצן, ביז עס ווערט אוונט.

פארנאכט צו, ווען אין קרעטשמע איז געווארן א ביסל שטילער,

לויפט ער אריין אין שטוב, ער זעהט קיינעם נישט, באלד דערמאנט ער זיך וואו ער האלט אין דער וועלט און שרייט אויס פון גרויס הארצווייטאג:

— אוי וויי, עס איז דאך איצט צו כל נדרי!

ער ווארפט זיך צו דער ערד און צוויינט זיך יאמערליך:

— רבונו של עולם, וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט, וואס איז דא מיט מיר געשעהן?!

ער הויבט זיך אויף און וויל לויפן אין שטאדט אריין, באלד דערמאנט ער זיך אז ביזן שטאדט איז דא פיהל מעהר ווי א תחום שבת און עס איז שוין נאכט, ער קערט זיך אום צוריק אהיים פערביטערט און נידערשלאגן, ער פערשליסט זיך אליין, שטעלט זיך אוועק מיטן פנים צום מזרח און הויבט אן מתפלל זיין:

— רבונו של עולם! בין איך דען שולדיג?! בין איך דען נישט גאנץ פריה געפאהרן אין שטאט אריין? פאר וואס׳זשע ג־ט האסטו אזוי געפיהרט? פארוואס האסטו מיר אזוי געשטראפט, אז איך זאל זיין ערגער פון אלע אידן? וואס האב איך אזוי געזינדיגט וואס ער קומט מיר אזא שטראף? אלע אידן זענען אינאיינעם און דאוונען אזוי גוט, און איך בין געשטראפט וואס איך קען נישט דאוונען און בין אליין, עלנד, איצט אין אזא הייליגער טאג. אפילו דעם סידור מיינס האב איך נישט מיט מיר, און אויסנווייניג קען איך נישט קיין שום תפלה. דעריבער הארציגער טייערער ג־ט, אלע אידישע תפלות זענען דאך פון "אלף בית" צונויפגעשטעלט, וועל איך פאר דיר זאגן דעם אלף בית און דו זיסער ג־ט, שטעהל אליין צונויף וואס פאר א תפלה דיר געפעלט, און גיב מיר, מיין ווייב, מיין מאמען און דעם גאנצן כלל ישראל א גוט יאהר, און זיי מבטל די שלעכטע גזרות. אוי די שלעכטע גזרות.

ער האט זיך גענומען הארציג זאגן דעם "אלף בית" א גאנצע נאכט און א גאנצן טאג, געזאגט און געוויינט, געוויינט און געזאגט אן אויפהער, ביז... ביז מוצאי יום כפור, ווען זיין ווייב און מוטער זענען געקומען

צולויפן פון אסטראה אהיים, נישט וויסנדיג וואס מיט זייער מאן און זוהן האט פאסירט.

☆

אין דער זעלבער צייט איז אין גרויסן בית המדרש אין אסטראה געשטאנען דער צדיק רבי ייב״י ז״ל איינגעבויגן אין דרייען מיטן טלית איבערן קאפ, נישט ריהרנדיג זיך פון ארט, און יעדעס מאל רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ א טיפער זיפץ, וועלכער ערשיטערט אלע מתפללים.

אזוי שטעהט ער פון כל נדרי אן דעם גאנצן מעת לעת, יעדעס אויג איז געווענדעט צום צדיק׳ס ארט, וויל עפעס הערן פון איהם, אבער אומזיסט. קענטיג, אז א גרויסער און שווערער קטרוג הענגט אויף אידן.

עס קומען אן די נעילה שעה׳ן, דער עולם נעהמט זיך מיט געוואלדיגער התעוררות און מיט פיבערהאפטיגער התלהבות צו תפלת נעילה, די אויסגעלאשענע אויגן ווערן מונטערער, די פערמאטערטע העלזער שרייען מיטן לעצטן כח, און אלץ ברענט אין איין פלאם פייערדיגן געבעט: ״פתח לנו שער בעת נעילת שער״.

און אט פלוצלונג דערזעהט מען, ווי דאס פנים פון אלטן צדיק ר׳ ייב״י האט אויפגעשטראלט, זיין פריילין אויסזעהן האט אויפגעמונטערט דעם גאנצן עולם. מוטיג, פריילאך, האט מען געענדיגט די תפלות פון נעילה, אויך דער שופר האט פריילאך און לוסטיג זיין תקיעה גדולה געלאזט הערן. יעדער איז געווען איבערצייגט, אז די שווערע כמארע וואס האט אנגעפיהלט די לופט איז צוגאנגען געווארן, דער גזר דין איז בטל געווארן, מען דאווענט מעריב, מען ווינטשט זיך א גוט יאהר, עס הערשט א פרייליכע שטימונג, יעדערער שפירט ווי א שווערער שטיין וואלט איהם אראפ פון הארצן, פוהל מיט שמחה געהט זיך יעדערער אהיים.

☆

נאך אין דער זעלבער נאכט פון מוצאי יום כפור, נאך דער סעודה, און נאכדעם וואס מען האט זיך אביסל אפגערוהט פון דער בייטאגיקער עבודה, האט דער צדיק ר׳ ייב״י ז״ל געהייסן שפאנען דעם וואגן און

צופאהרן צו יענע קרעטשמע וואו דער ארענדאר האט געוואוינט, דארטן געהט ר׳ ייב״י זצ״ל גלייך אראפ פון וואגן צום ארענדאר אין שטוב אריין.

ווען דער ארענדאר האט דערזעהן דעם צדיק ביי זיך אין שטוב איז ער געווארן א דערציטערטער, געוויס איז ער געקומען איהם גוט אויסמוסר׳ן און איהם בעשטראפן פאר זיין גראביונגערישע אויפפיהרונג, אין אזא הייליגן טאג בלייבט מען גאר איינער אליין אין קרעטשמע, אין דארף מיט די גוים? ער פאלט פארן צדיק צו די פיס און צוויינט זיך ביטערליך:

— הייליגער צדיק, זייט מיר מוחל... בעט ג־ט פאר מיר — שטאמלט ער — איך ווייס אז איך האב נישט געדאווענט ווי אלע אידן, אבער איך בין נישט שולדיג עס איז נאר געווען א מעשה שטן...

דער צדיק בערוהיגט איהם:

— טייערער איד, זיי נישט איבערגעשראקן, דערצעהל מיר נאך ווי אזוי דו האסט געדאווענט.

דער ארענדאר דערצעהלט און ר׳ ייב״י מיט דער חבריא הערן און שטוינען.

— טייערער איד, האסט גוט געדאווענט — האט ר׳ ייב״י צו איהם געזאגט — עס שטעהט דאך אזוי מפורש אין פסוק ״לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה״, וואויל איז צו דיר, וואס דו האסט מיט דיין צובראכן הארץ און ערנסטן דאוונען, מציל געווען דעם גאנצן כלל ישראל.

דאס וויכטיגסטע איז תשובה

צום שפת אמת איז אמאל געקומען א איד בין כסה לעשור, און האט געוואלט פרעגן א עצה וועגן מסחר, ער האט געזאגט אז ער וואלט געוואלט דער רבי זאל איהם באלד געבן א תשובה, ווייל עס איז זייער א וויכטיגער ענין.

האט איהם דער שפת אמת געענטפערט:

— היינט איז נישטא קיין וויכטיגערע זאך ווי צו טאן תשובה.

דער אפענער סידור

דער דינאווער רבי, דער צדיק ר׳ צבי אלימלך זצ״ל, פלעגט זיך פיהרן, אז בשעת ער פלעגט דאווענען ימים נוראים, איז געלעגן פאר איהם אפן א סידור מיט כוונות האריז״ל, די חסידים און די גאר נאהנטע האבן זיך דערויף שטארק געוואונדערט, ווייל דער רבי ז״ל האט בכלל נישט געדאוונט אין דעם סידור, ער האט אפילו קיין בלעטל נישט איבערגעמישט, און אזוי ווי ער האט איהם געעפנט, אזוי איז ער געלעגן ביזן ענדע דאווענען.

איינמאל מוצאי יום כפור, ווען דער רבי ר׳ צבי אלימלך ז״ל איז געזעסן ביים טיש ארומגערינגלט מיט א גרויסן עולם חסידים, און זיי האבן זיך משמח געווען, האבנדיג בטחון אז דער אויבערשטער האט מיט זיי געטאהן חסד, צוהערנדיג צו זייערע תפלות, און מוחל געווען די עונות, האט זיך איינער א חסיד פון די גאר נאהנטע מקורבים געוואגט צו שטעלן דעם רבין די פראגע, פארוואס דער רבי האלט אפן ביים דאווענען דעם סידור מיט די כוונות האר״י, אין דער צייט וואס ער באניצט איהם נישט, יעדערער זעהט דאך ווי דער סידור ליגט פארן רבין און ער מישט נישט איבער קיין איין איינציג בלעטל.

דער רבי, האט אויסהערנדיג די פראגע, האט ארויסגעלאזט א שווערן זיפץ, ער האט זיך אויף א ווײַלע פערטראכט, און דערנאך האט ער אנגעהויבן צו דערצעהלן א מעשה פון בעל שם טוב הקדוש, דער עולם איז באלד געווארן שטיל און אנגעשטעלט די אויערן נישט פארפעלן קיין איין ווארט.

— עס האט אמאל געטראפן — האט דער דינאווער רבי אנגעהויבן — וואס דער בעל שם טוב הקדוש איז געקומען אין בית מדרש צו כל

נדרי שטארק צוטראגן, דער עולם האט עס גלייך בעמערקט, אבער פארשטעהט זיך אז קיינער האט נישט געוואגט צו פרעגן דעם בעל שם וואס איז די סיבה פון זיין צוטראגנקייט, מען האט אבער פארשטאנען, אז עס איז נישט גלאטיג, עפעס האט דא געמוזט פאסירן. ווען מען האט געענדיגט כל נדרי, איז דער בעל שם טוב אריין צו זיך אין צימער.

די מתפללים האבן מיט מורא און שרעק אפגעהאלטן דעם דאווענען און געווארט ביז דער בעל שם וועט זיך צוריקקערן פון זיין צימער, אין א שעה ארום האט זיך דער בעל שם ווידער אמאל בעוויזן אין בית מדרש, אבער שוין א מונטערער און א פריילעכער און מיט גרויס התלהבות מתוך שמחה האט ער ווייטער געדאווענט די תפלות פון יום כפורדיגן מעריב. דער גאנצער עולם האט געשטוינט און פארוואונדערט צוגעקוקט צו די פלוצלונגדיגע ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין דעם בעל שם׳ס שטימונג, אבער פרעגן האט זיך קיינער נישט איינגעשטעלט.

מוצאי יום כפור האט דער בעש״ט צוגערופן זיינע נאהנטע תלמידים און האט זיי דערצעהלט אזא מעשה:

אין א דארף האט געוואוינט א איד א ארענדאר, דער איד איז געווען זייער א ערנטליכער, און דער פריץ האט איהם זייער שטארק ליב געהאט, ער פלעגט, איהם נישט דריקן צו צאהלן די שטייערן צו די פינקטליכע צייט, ער האט איהם נאך פון צייט צו צייט צוגעווארפן פערשידענע מתנות, א זעקל מעל, א ביסל קארטאפל, האלץ א.א.וו. דער איד האט זיך געלעבט שטיל און רוהיג.

מיט אמאל איז געשעהן א אומגליק ביי דעם אידן, אין א שטורמישן ווינטער נאכט האבן רויבערס באפאלן די קרעטשמע און האבן דערמארדעט דעם ארענדאר מיט זיין פרוי, בלויז זייער פיצל קינד, דאס זעקס מאנאטדיגע אינגעלע, וואס איז געשלאפן אין וויגעלע, האבן די גזלנים געשוינט און עס נישט געטויט. דער פריץ האט בעקומען רחמנות אויף דעם אומגליקליכן קינד, און האט עס אריינגענומען צו זיך אין הויז, און וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער עס אדאפטירט פאר א אייגן קינד. דאס קינד האט געוואקסן און איז דערצויגן געווארן

ביים פריץ אין הויף, און האט גארנישט געוואוסט פון קיין אידן אדער אידישקייט.

אין א שיינעם פרילינגס טאג ווען דאס אינגל איז שוין אלט געווען באלד דרייצן יאהר, איז ער געפארן מיטן פריץ בעטראכטן די פעלדער און די וועלדער, די טייכן און מילן וואס האבן זיך געפונען אין דעם פריץ׳ס גיטער. פארבייפארנדיג די קרעטשמע, האט דער פריץ ענטדעקט פארן אינגל, דאס אין דער דאזיגער קרעטשמע האבן אמאל געוואוינט זיינע עלטערן, זיי זענען געווען אידן, זייער ארנטליכע מענטשן, נאר גזלנים האבן זיי בעפאלן אין א פינסטערע נאכט, און האבן זיי דערהרג׳עט און ער, דער אינגל, איז דעמאלס געבליבן א קיילעכיג יתומ׳ל פון זעקס מאנאטן, האט ער, דער פריץ, זיך דערבארימט אויף איהם, און צוגענומען צו זיך פאר א זוהן.

די דאזיגע ענטדעקונג האט שטארק צורודערט דאס קינד, א מרה שחורה האט זיך איבערגעצויגן איבער זיין געזיכט, און ער איז פארזונקען געווארן אין טיפער עצבות, נישט קענענדיג בעגרייפן וואס טהוט זיך ארום איהם. דער פריץ, איינזעהענדיג וואס פאר א שלעכטן איינדרוק זיינע ווערטער האבן געהאט אויפן קינד, און ווילנדיג איהם אויפמונטערן און פריילעכער מאכן, האט ער זיך אנגערופן צום אינגל, אז ער, דער אינגל, דארף זיך שעצן גליקליך וואס ער איז אריינגעפאלן צו איהם אין די הענט, ווארום אט די אלע גיטער וואס ער האט געזעהן, און די אלע פעלדער, טייכן און מילן וואס זיי זענען פערביי געפאהרן, דאס אלעס וועט אריבערגעהן צו איהם בירושה, און ווען ער וואלט זיך ערצויגן ביי זיינע פריערדיגע עלטערן, וואלט ער פון זיי געירשנט בלויז דחקות מיט ארעמקייט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום הויף, האט איהם דער פריץ אריינגעפיהרט אין א קליין קעמערל, וואו עס זענען געווען אנגעווארפן אלטע צעבראכענע מעבל, צעריסענע קליידער, און א הויפן פון אלטע ספרים פון וועלכע עס האט ארויסגעשטעקט א גראבן ״קרבן מנחה״ סדור, וואס זיין מוטער ע״ה פלעגט אין איהם דאווענען. אט דאס אלעס — האט

איהם דער פריץ געוויזן — איז די ירושה וואס איז געבליבן פון דיינע אידישע עלטערן.

פון דעמאלט איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג אין די נשמה פון דעם אינגל. עס האט איהם שטארק געצויגן צו אידן און צו אידישקייט, אלע מאל פלעגט ער זיך ארייגנב'נען אין דעם קליינעם קעמערל און שטעהן שעה'ן לאנג ביים בערגל ספרים, קוקנדיג אויף דעם ווי אויף א טייערן אוצר. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז אין די נאהנטע דערפער וואס געהערן צום פריץ וואוינען אויך אידן, פלעגט ער זיך אפט אריבערכאפן אהין צו שמועסן מיט זיי און בעטראכטן זייער לעבן.

עטליכע טעג שפעטער איז דער אינגעלע ארויסגעגאנגען שפאצירן אין דארף. ער האט געזען, אז די אידן פון דארף פאקן זיך צו פארן אין שטאט אריין.

— ״פארט איר אויף א יריד?״ — פרעגט דער יונגער אידישער פריץ'ל.

— ניין, מיר פארן אויף ראש־השנה, צו דאווענען מיט אלע אידן״ — האבן זיי געענטפערט.

— ״וואס איז דאס ראש־השנה?״ — פרעגט ער ווידער.

די אידן האבן אים דערציילט, אז ראש־השנה איז דער יום־הדין, ווען אידן בעטן זיך אויס א גוט יאר ביים רבונו־של־עולם. זיי האבן אים אנגעקוקט מיט באדויערן און מיטלייד, און דער אינגעלע האט גלייך באמערקט, אז זיי האבן אויף אים גרויס רחמנות. צוליב מורא פארן פריץ האבן זיי אבער גארנישט געקענט טאן.

מיט א אומרואיקע הארץ האט זיך דער אינגעלע אומגעקערט צום פריצישן הויף. ער האט שוין נישט געקענט געפינען קיין רו. עס האט אים געצויגן צו זיין מיט אידן. ער איז דאך אויך א איד!

יענע נאכט האט זיך אים גע'חלומ'ט, אז זיין פאטער איז אים געקומען צום חלום און געזאגט: ״קינד מיינס, דו ביסט דאך א איד! גיי אין שול

דאוונען מיט אלע אידן. דער אויבערשטער וועט דיין תפילה צוהערן!״

די צווייטע נאכט האט זיך אים גע׳חלומ׳ט, אז זיין מוטער איז אים געקומען צום חלום, און האט אים געזאגט: ״דו ביסט א איד, מיין אייגן קינד! דיין ארט איז נישט ביים פריץ. עס איז ראש־השנה אויף דער וועלט. גיי צו אידן, עס איז נאך נישט צו שפעט!״

טרויעריק איז דער אינגעלע געווען יענעם טאג און האט זיך קיין ארט נישט געפונען. צום גליק, איז דער פריץ גראדע דאן אוועקגעפארן אויף יאגד, און דער אינגעלע האט נישט־געשטערטערהייט געטראכט א גאנצן טאג וועגן חלום, און עס האט אים געריסן אהין, אין שטאט, צו די אידן, אין שול אריין. ער האט שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן. האט ער גענומען דעם הייליקן טלית־און־תפילין זעקל און דעם סידור וואס זיינע עלטערן האבן אים איבערגעלאזט, און האט שטילערהייט און אומבאמערקט זיך ארויסגעלאזט אין וועג.

עטליכע טעג האט ער געוואנדערט, ביז ער איז געקומען אין א גרויסע שטאט און האט אויפגעזוכט דעם בית־מדרש. א אויסגעמאטערטער איז ער אריינגעפאלן אין שול פארנאכט, ווען אידן זיינען געשטאנען איינגעהילט אין ווייסן און האבן געדאוונט. עס איז געווען די נאכט פון יום־כפור און מען האט געזאגט כל־נדרי.

דער אינגעלע האט זיך צוגעהערט צו די הארציקע תפילות פון זיינע ברידער. זיין יונג הערצעלע האט אויך געוואלט דאוונען און אויסגיסן זיך פאר׳ן רבונו־של־עולם, אבער ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי. דאס פארדרוס פון דעם פארבלאנדזשעטן אינגעלע האט געשפאלטן אלע הימלען. עס האט מיך אויך דורכגענומען א טיפער צער פאר דעם אינגעלע, און איך האט מורא געהאט, טאמער וועט דער אינגעלע ארויסלויפן פון בית־המדרש א ענטוישטער, און עס וועט זיין פארפאלן.

אבער מיט אמאל האט דער אינגעלע אויפגעעפנט דעם סידור, געגעבן א מיש מיט דער האנט, און אויסגערופן: ״רבונו־של־עולם! איך ווייס נישט וואס צו דאוונען און ווי צו דאוונען, וואס צו זאגן און וואס צו

בעטן. אט האסטו, רבונו־של־עולם, דעם גאנצן סידור! און זאל עס הייסן, אז איך האב געדאוונט!״ דערביי האט דער אינגעלע באגראבן דאס פנים׳ל אין סידור און הייסע טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן.

ווען דער בעל־שם־טוב האט פארענדיקט די געשיכטע, זיינען טרערן געשטאנען ביי די תלמידים אין די אויגן. און אפט, אפט, בשעת׳ן דאוונען, פלעגן זיי זיך דערמאנען וועגן יענעם פארבלאנדזשעטן אינגעלע און א טראכט געבן: ״רבונו־של־עולם! מיר זיינען דאך אויך ווי יענער פארבלאנדזשעטער אינגעלע. ווייסן מיר דען ווי צו דאוונען פאר דיר, און ווי צו מכוון צו זיין אלע הייליקע כוונות פון די תפילות? אט האסטו דעם גאנצן סידור; אין סידור שטייען שוין אלע כוונות. נעם אן אונזערע תפילות, וועלכע קומען פון טיפן הארצן, און גיב אונז א גוטן און זיסן יאר״.

— מיט מיר איז אויך דאס זעלבע — האט דער דינאווער רבי פארענדיגט — איך ווייס נישט וואס פאר א כוונות איך זאל מכוון זיין ימים נוראים, דעריבער עפן איך אויף דעם סידור פון אר״י הקדוש וואס אין איהם שטעהט אלע כוונות און איך זאג: רבונו של עולם, זעה מיין צובראכן הארץ, דו ווייסט דאך אז איך וויל באמת תשובה טאהן און איך וויל דאוונען מיט גרויס כוונה, דעריבער בעט איך אז דער רבונו של עולם זאל אננעמען מיין תפלה אזוי ווי איך וואלט מכוון געווען אלע כוונות, און זאל געבן פאר אלע אידן א גוט יאהר און א געבענטשט יאהר.

זארגן וואס מ׳ווייסט נישט

כי עוני אגיד אדאג מחטאתי (תהלים לח).

די עוונות (במזיד) וועלכע איך האב געטאן, רעכן איך אויס און בעט דערפאר א כפרה, אבער ״אדאג מחטאתי״, איך טהו זארגן פאר די חטאים (בשוגג) וואס איך בין בעגאנגען און ווייס נישט אויף זיי צו בעטן... (בשם המרי״ט)

א ים מיט טרערן

עס איז ממש צו באוואונדערן דעם דאזיגן ר׳ לייזער קרעמער, וועלכער פארקויפט פרוכט מיט א ביסל געטראנקען אויף די וואג. פונוואנען האט זיך ביי איהם צונויפגעזאמלט אזוי פיהל טייכן טרערן מיט וועלכע ער פלעגט פארפלייצן זיינע תפילות אין די ימים נוראים? עס איז געוועזן ממש ווי א שפרודלדיגער קוואל געפינט זיך ביי איהם אינוויינিק, און עס געהט דערפון שטראמען וואסער דורך די אויגן. דער גאנצער מחזור זיינער איז געוועזן דורכגעווייקט מיט טרערן, אזוי ביי שחרית און אזוי ביי מוסף. אזוי ביי די תקיעות און אויך ביים תהלים זאגן אן אויפהער.

איך בין נאך דאן געוועזן א קינד, מיין הארץ ווי א נייער טאוול, וואס יעדער קליינער איינדרוק לאזט איבער א אייביגן שטעמפל. די ימים נוראים, די טעג פון ״בין כסה לעשור״, זענען אנגעקומען מיט רעש און געטומל, מיט הייליגע התלהבות. נאך א צייט איידער עס איז אנגעקומען דער גרויסער יום הדין, האט זיך געפיהלט אין שטעדטל דער פחד פארן יום הדין. א בעהאלטענע שטימע האט ווי אויסגערופן: ״גרייט זיך, אידעלעך, עס קומען די ימי הדין, וואס יעדער נשמה ווערט פארציטערט, ווער עס האט נאך א ביסל הארץ זאל זיך אפגעבן א דין וחשבון, איידער מען בלאזט מיטן שופר, איידער דער שטן וועט קומען מקטרג זיין״.

אין בית המדרש האט זיך די ליכט נישט אויסגעלאשן נישט ביי טאג און נישט ביי נאכט, פיהל אידן האבן קובע געוועזן דעם בית מדרש פאר א דירת קבע, פאר די הויז, און אהיים איז מען געגאנגען נאר אויף א קורצע צייט, עפעס טועם זיין. קיינער איז נישט געזעסן ליידיג, א טייל לערנט גמרא, מסכת ראש השנה, א טייל לערנען משניות, אנדערע זאגן געשמאק תהלים, און אנדערע זענען פארטיפט אין די מוסר ספרים, ״ראשית

חכמה", "חובות הלבבות", "שערי תשובה", "מסילת ישרים" און אנדערע. עס זענען דא אויך אזעלכע וועלכע גריבלען זיך אין שולחן ערוך אין הלכות ראש השנה.

דאן פלעגט אויך דער אלטער ר' לייזער — א איד א מיטלמאסיגער מיט א צושויבערטע באָרד, א דורכגעווייקטער ארעמער איד — איבערלאזן זיין קרעמל וועלכע איז געשטאנען אין מיטן מארק, אויף זיין ווייב — א קראנקע אידענע — זי זאל זיך דערמיט אפגעבן, און אליין פלעגט ער פארברענגען די מערהייט פון טאג אין בית מדרש. ער איז געווען גאר א פשוטער. צו מעיין זיין אין א ספר איז געווען ווייט פון זיין באגריף, אבער ער איז געווען פוהל מיט יראָה און פחד פאר דעם קומענדיגן יום הדין. איז ער דעריבער אויך געקומען אין שוהל, זיך געפונען אין די ד' אמות פון תורה און יראה. דארטן האט ער זיך צונויפגעדריקט אין א ווינקעלע, געזעסן און איינגעהערט צו די זיסע טענער פון די לערנער, אדער ער פלעגט נעמען א תהלים אין האנד און עס עפענען, אבער ווי נאר ער האט אנגעהויבן צו זאגן, האט זיך באלד געעפנט ביי איהם דער קוואל טרערן און עס האט אויסגעזעהן ווי וואקס וואס דערשמעקט פייער און עס ווערט באלד צוגאנגען.

האט טאקע געדריקט אויף זיין געוויסן אזא שווערע זינד וואס האט נישט אזוי לייכט קיין כפרה? דאס געוויס נישט! דער אלטער ר' לייזער איז קיינמאל אויף זיין לעבן קיין גביר נישט געווען, זיין קליינע הייזקע האט זיך געפונען נישט ווייט פון שוהל. נאך פון זיין פריהסטער יוגנד איז ער געווען א בעהאלטענער און א גרויסער ירא שמים אזוי גוט ווי אויף דער עלטער. יענעמס א פרוטה איז געווען ביי איהם קודש קדשים און ער האט מורא געהאט עס אנצוריהרן. זיינע אלע יאהרן איז ער נישט ארויס פון שטעדטל, דער גאנצער האנדל זיינער האט זיך באגרעניצט אין די ד' אמות פון זיין קרעמל. שטענדיג איז ער געווען איינגעווייקט אין א יראת שמים לופט. יעדן בן תורה אדער אזא וואס האט נאר געהאט א שייכות צום שוהל און צו די הייליגע ספרים, האט ער זייער פארעהרט און פאר יענעם געבויגן דעם קאפ. אין די אלול טעג, האט ער זיך כמעט ווי

אינגאנצן אויסגעטאן פון זיין קרעמל און געזעסן אין שוהל טאג און נאכט.

אבער אויך די אלול טעג זענען גאר נישט קיין צושטעל געווען אנטקעגן די טעג פון די ימים נוראים.

ראש השנה און יום כפור איז דער בית מדרש פוהל געווארן מיט טיש און בײנק, די דארפישע אידן פלעגן קומען מיט אלע זייערע הויז געזינד און אין די שוהלן האבן זיך אנגעזעהן נייע פנימ׳ער, פוהל מיט דארפישן תמימות און הייליגן ציטער פארן גרויסן משפט וואס געהט באלד געפיהרט ווערן אויפן הימל. נאך אין די קאלטע און פינסטערע סליחות נעכט האט זיך געהערט איבער די גאסן דער "וויא" פון די פערד אויף וועלכע די דארפס לייט האבן זיך פארפריהט צו קומען אין די שוהלן. ארום די דאזיגע צוגעקומענע טישן זענען געזעסן די תמימישע דארפישע אידן וועלכן האבן ענטוויקלט אין זיך טיפן פון אידן צדיקים און קדושים. אט צום ביישפיל, ר׳ לייב בער, דער אלטער שניידער, וועלכער האט אנגעזאגט פאר זיין טויט, מען זאל אריין לעגן מיט איהם אין קבר אויך זיין טישל אויף וועלכן ער פלעגט נייען, עס זאל זיין א עדות אז אלע יאהרן זיינע האט ער זיך געהיט נישט צו נעהמען קיין פיצל סחורה פון זיינע קונדן. ר׳ אברהם פריידין, אויך א שניידער וועלכער פלעגט ציטערן פאר די קלענסטע עבירה ווי פאר א שרעקליכע חיה. און ר׳ שמואל איטע׳ס, א איד הויך ווי א ריז, וועלכער האט ביי זיין לעבן קיינמאל נישט פארפעהלט קיין "ותיקין" דאוונען, ווייל ער האט אמאל געהערט פון א דורכפאהרנדיגער מגיד אז די ותיקין דאוונער טהוען דעם רצון ה׳, ווי עס שטעהט אין פסוק "ייראוך עם שמש" וגו׳, און זייער דאוונען שטעהט העכער פון די אנדערע וואס דאוונען אין שפעטערדיגע מנינים, און צו זיין פון די וואס טהוען דעם רצון ה׳ איז געווען ביי ר׳ שמואל׳ן דער גרעסטער פארגעניגן אויף דער וועלט.

צווישן די דאזיגע אידן איז זיך אויך געזעסן אונזער ר׳ לייזער איבער זיין גרויסן זשיטאמירער מחזור מיטן ריזיגן "המלך". אלע דאוונען ערנסט, ווארים, מיט קולות און תחנונים און אויך ר׳ לייזער. אבער זיין דאוונען ווערט פערשלונגען אין זיינע טרערן.

און ווען מען קומט צו דער תפלה "ובכן לך הכל יכתירו — לקל עורך דין", אדער צו "ונתנה תוקף" דאן הויבט זיך אויף א שטורם אין שוהל, ווי די כוואליעס פון ים וואלטן זיך געהויבן. אויבן, פון דער ווייבער שוהל, זעצט ארויס א פארפלייצונג פון געוויינערייי, אפענע וואונדן וועלכע זענען נאך נישט פארהיילט געווארן רייסן זיך אויף מיט א מורא'דיגן ווייטאג. ביי דעם איז נעבאך אוועק א קינד נישט צו דערצייט, ביי א צווייטן איז אוועק די פרוי יונגערהייט, ביי יענעם ליגט נעבאך קראנק א טייערער און א געליבטער, יעצט קומען דא אלע אין שוהל ווי פון קבר ארויס מיטצודאוונען און דערצעהלן די גרויסע שטארקייט פון דעם באשעפער פון דער וועלט ביי די תפלה פון "ונתנה תוקף". די דאזיגע תפלה וועלכע איז אנגעזאפט פוהל מיט אידישע קרעכצן און זיפצן און איז איינגעטונקט אין בלוט טריפנדע הערצער. און דער חזן פון שוהל, ר' לייבעלע, בעט זיך ביים טאטן אין הימל, ער שפרייט אויס זיינע ביידע הענט, ווי א מענטש וואס טרינקט זיך אין ים און שרייט נאך הילף. זיין קול איז אנגעפיהלט מיט שרעק און געוויין — דאן ווערט ר' לייזער ווי אינגאנצן צושמאלצן. עס הערט זיך מעהר נישט זיין קול, נאר קלאג און געוויין מיט אים טרערן.

איך בין נאך דאן א קינד געוועזן, אבער ר' לייזער'ס געוויין האט מיר צונומען, עס האט אויפגעשוואומען פאר מיינע אויגן די שרעק פארן גרויסן יום הדין, איך האב געשפירט בחוש ווי אין הימל טהוט זיך יעצט עפעס "ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון ויאמרו הנה יום הדין".

אט האלט מען שוין ביי שמונה עשרה, מען איז שוין אריבער די פיוטים, די שמונה עשרה פון ר' לייבעלע האט געהאט א בעזונדער חן און געשמאק, עס איז געווען א פרעכטיגער בנין פון וואונדערליכע אויסגעשניצטע ניגונים און א גרויסער ליבשאפט געשריי פארן בורא כל העולמים, שטארקע בענקעניש צו העכערקייט און פיהל ציטער פארן גרויסן יום הדין. קיין חזן איז ר' לייבעלע נישט געווען, אבער א פיהלבארע הארץ האט ער פארמאגט, וועלכע האט זיך אויסגעגאסן פארן האר פון דער וועלט און מיטגעשלעפט מיט איהר התלהבות דעם גאנצן עולם דאוונער.

אויך דאן האט ר׳ לייזער געטאן זיינס, געזיפצעט און שטיל געוויינט, — וואס האט געדריקט אויף זיין הארץ? וואס איז דער סוד פון דעם דאזיגן אידן, וועלכער שטעהט א גאנץ יאהר לעבן זיין קרעמל און וועגט אויפן וואג עפל מיט בארן, א איד מיט א ווייכע הארץ, וועלכער דערמאנט יעדן קינד, וואס קויפט ביי איהם פרוכט, ער זאל חס ושלום נישט פארגעסן צו מאכן א ברכה ״בורא פרי העץ״.

איך געדיינק, ערב יום כפור ביי מנחה, א וואלד מיט וואקסענע ליכט ארייגעשטעקט אין זאמד און ליים זענען אנגעפיהלט אין צימערל וואס איז נעבן בית מדרש און ווארטן אויף די מינוט וואס מען וועט זיי אנצינדן לכבוד דעם הייליגן טאג. פון די פענסטער שיינט אריין די זון וועלכע האלט שוין גאר ווייט אין מערב זייט און פארגעלט א גרויסן טייל פון בית מדרש מיט א ליכטיגן הימלישן שיין. אויפן הויף איז אויסגעשפרייט שטרוי, און אין א ווינקל שטעהט ר׳ אברהם דער שמש און טיילט מלקות. און אט פאלט אריין אין שוהל מיט גרויס טומל דער אלטער ר׳ לייזער, זיין געזיכט איז רויט פון הייסן באד, פון די פאות טריפט וואסער און זיין קיטל גלאנצט און רופט אויס יום טוב. אין האנד טראגט ער א גרויסע וואקסענע ליכט און געהט און וויינט, אט שטעלט ער זיך דאוונען מנחה און זיין געזיכט ווערט פארפלייצט מיט א מבול פון טרערן. די קליינוואַרג קלויבן זיך צוזאמען ארום איהם, און קוקן מיט גרויס רחמנות אויף דעם עלטערער איד ווי ער וויינט און קלאגט. עס כאפט א ציטער ווי אזוי ר׳ לייזער שטעהט און קלאפט זיך ״על חטא״. אט באקומט ער מלקות און וויינט ביטער, ער קושט די מזוזה צו געהן אהיים עסן די סעודה המפסקת און ווידער זענען זיינע אויגן ווי צוויי קוועלער.

שוין יאהרן לאנג פון זינט ר׳ לייזער איז אוועק פון דער וועלט. פיהל יאהרן זענען שוין פון דאן אריבער, די צייטן זענען אנדערש געווארן און מיט זיי אויך די מענטשן. די היינטיגע ״ימים נוראים״ זענען שוין מעהר נישט אזוי מורא׳דיק אין היינטיגע מגושם׳דיגע צייט. די וועלט איז אראפגעעשטיגן גאר נידריק און די הערצער זענען פוסט און לעדיג פון עפעס הייליק. עס איז אראפ דער שיינער הימלישער שיין וואס האט אמאל באלויכטן און בעשיינט די אידישע הויז און נשמה. האט מען שוין טאקע

געפונען דעם שליסל פון דער בריאה און דעם סוד פון מענטשן וואס מען פיהלט זיך ווי בעלי בתים פון דער וועלט? ווי שרעקליך איז די פוסטקייט וואס היינטיגער דור באשטעהט ארויסטרייבנדיג די שכינה פון הויז. קען דען עקזיסטירן א מענטש אן א הארץ?! קען דען די נשמה אויסהאלטן אן ג־טליכקייט? קען דען זיין א יום טוב אן הייליקייט?

ווען וועט שוין מקויים ווערן דיינע ווערטער, דו הייליגער נביא, וואס דו האסט אונז צוגעזאגט אין נאמען פון ג־ט: ״הנה ימים באים נאום ה׳ אלקים ושלחתי רעב בארץ, לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמע את דבר ה׳״ — אט וועלן קומען טעג — זאגט דער אויבערשטער — און איך וועל אראפשיקן א הונגער אויף דער וועלט, נישט קיין הונגער נאך ברויט, נישט קיין דארשט נאך וואסער, נאר הונגעריק און דארשטיג וועט מען זיין צו הערן די רייד פון ג־ט.

צעבראכענע מצוות...

דער גאון און צדיק בעל ישמח משה זצ״ל האט אמאל דערציילט זיינע חסידים:

ערב ראש־השנה בין איך געשטאנען און ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און געזען ווי אידן לויפן מיט שרעק און ציטער אין שוהל דאווענען, זאגן תהילים און וויינען צוליב די באגאנגענע עבירות.

האב איך זיך געטראכט: איך האב זיך נישט וואס צו שרעקן. איך האב נישט געזינדיגט, איך האב געטאן בלויז מצוות, געדאוונט און געלערנט א גאנץ יאר.

האט מען מיר אבער געוויזן אין חלום מיינע מצוות און מעשים טובים און א שרעק האט מיר ארומגענומען. די מצוות זיינען געווען צעשלאגענע, צעשפליטערטע און צעבראכענע.

מיט א ציטער האב איך זיך אויפגעכאפט און אויסגערופן צו זיך: א פנים, אויך איך דארף תשובה טאן, ״אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא״...

פארלאזן זיין פליכט

אין דער שטאדט סלוצק איז געווען א רייכער פאדריאטשיק, ער איז געווען זייער א פרומער אבער זייער א קארגער. ער פלעגט געהן אין רב׳ס בית מדרש דאווענען, זאגן תהלים, נאר א נדבה איז ביי איהם געווען שווער ארויסצונעהמען. ר׳ יאשע בער — וואס איז דאן געווען סלוצקער רב — האט איהם גוט געקענט און נישט איינמאל געהאט צו טאהן מיט איהם פאר זיין קמצנות.

יום כפור נאך ״כל נדרי״ ווען דער גרויסער עולם געהט אהיים און בלויז געקליבענע ערליכע אידן בלייבן אין שוהל וואך א גאנצע נאכט, איז דער גביר אויך געבליבן, ער האט געזאגט ״שיר היחוד״ מיטן עולם, געזאגט פארן עולם א פאר יומים תהילים און זיך אלץ געפלייסט, אז ר׳ יאשע בער זאל עס זעהן.

פארטאג, בשעת דער עולם רוהט זיך אביסל אפ, זיך מכין צו זיין אויף שחרית, געהט ער צו צום רב און רופט זיך אפ:

— וואס זאגט איהר רבי? שווערליך צו זיין אויף א גאנצע נאכט און שטעהן אויף די פיס.

— הערט — זאגט איהם ר׳ יאשע בער — איהר זייט דאך א פאדריאטשיק, האט איהר דאך א ודאי א ידיעה אין די געזעצן, וועל איך ביי אייך פרעגן:

כידוע איז ביי א מלוכה איינגעפיהרט פארשידענע סארטן זעלנער, עס זענען דא פוסגייער, עס זענען דא רייטער׳ס און עס איז דא ארטילעריע, יעדער סארט זעלנער האט זיך זיין פליכט און יעדער סאלדאט זיין ארט. ווער איך אייך פרעגן, ווי איז, אז א סאלדאט, וואס מען האט איהם

אריינגעגעבן אין יענער פולק זאל אליין אוועקגעהן צו א אנדערן, א רייטער למשל, זאל אוועקגעהן צו די פוסגעהער, וואס קומט איהם?

— אזא סאלדאט — ענטפערט דער פאדריאטשיק — קריגט א שווערע שטראף, ער האט געבראכן די דיסציפלין, א מורד במלכות, אבער אנטקעגן וואס פרעגט איהר עס רבי?

— טאקע אנטקעגן אייך אליין — ענטפערט ר׳ יאשע בער — מיר ווייסן אז ״מלכותא דרקיעא כעין מלכותא דארעא״. דער רבונו של עולם האט אויך פארשידענע מינים סאלדאטן, עס זענען דא בעלי תורה, בעלי עבודה, בעלי צדקה. אייך האט דער אויבערשטער געגעבן עשירות און אזוי ארום אייך אריינגעגעבן אין דעם חיל פון די בעלי צדקה, אייער עובדא איז צו געבן גרויסע נדבות, צו העלפן ארעמע לייט, צו אויסהאלטן לומדי תורה, יעצט האט איהר זיך געקענט לייגן אין אייער ווייכן בעט און שלאפן. זאגן תהלים און לערנען — דאס איז פאר די ארימע אידן, וואס געהערן צום מין חיל פון די בעלי תורה און בעלי עבודה, וואס האט איהר געטאהן? איהר זייט אליין אוועקגעגאנגען פון די בעלי צדקה, וואו מען האט אייך אריינגעגעבן און שטעהט א גאנצע נאכט מיט ארימע אידן, צו וועמען איהר געהערט נישט, היינט זאגט־זשע איהר אליין, וואס קומט אייך?...

ער זינדיגט און זאגט אויף אנדערע

רבי נפתלי ראפשיצער זצ״ל פלעגט שטעהן יום כיפור ביים דאווענען טיף איינגעבויגן.

איינמאל איז אונטער איהם געשטאנען א גביר און נישט האבנדיג וואו אנצושפארן זיין גרויסן מחזור, ווייל ער האט געהאט איין האנד פערנומען מיט׳ן שלאגן זיך אין הארצן אריין על חטא, האט ער דאס מחזור אוועקגעלעגט אויף דעם רבינס רוקן.

נאכ׳ן דאווענען זאגט צו איהם דער רבי:

— אזוי טהוט מען? דו אליין זינדיגסט און זאגסט אויף מיר?

דערכאפט דאס הארץ

עס איז געווען אין די יונגע יאהרן פון דעם גאון דער בעל ״ישועות יעקב״, דער שפעטערדיגער לעמבערגער רב. שוין דאן איז ער געווען גרויס אין תורה און לומדות. אבער ער האט קיין חסידים נישט געגלייכט.

ער האט געוואוינט אין א שטעדטל אלס קעסט יונגערמאן ביי זיין שווער, וועלכער איז געווען א גרויסער נגיד און בעל מכניס אורח.

מאכט זיך אמאל און אין שטעדטל איז אנגעקומען דער ״קדושת לוי״ בין כסא לעשור, און פערפאהרן איז ער גלייך אין הויז פון גרויסן גביר און מכניס אורח — דער שווער פון ״ישועות יעקב״.

דער גביר, דערזעהענדיג דעם אורח הגון מיט זיין הדרת פנימ׳דיגן אויסזעהן, האט ער איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אבגעגעבן איהם א געהעריגע שטוב און פערזארגט איהם מיט אלע נויטיגע זאכן, פון שענסטן און בעסטן.

דאס עבדות פון ״קדושת לוי״, זיין לערנען און זיין דאווענען און זיין מתיקות׳דיגע נגינה, האט דעם נגיד ממש ארויסגעבראכט פון די כלים, און ער האט נישט אויפגעהערט צו שילדערן פארן איידעם דאס גדלות פון דעם אורח, וואס דער אויבערשטער האט איהם צוגעשיקט, אזוי אז עס וואלט גלייך געווען דאס ער זאל זיך מיט איהם בעקענען.

שטעדטלשע חסידים האבן זיך גלייך דערוואוסט, אז דער אורח וואס איז אנגעקומען אין שטעדטל איז נישט קיין אבי־ווער נאר דער בערדיטשעווער רב — א תלמיד פון גרויסן מגיד פון מעזריטש זצ״ל, זיי האבן איהם מעהר נישט אבגעלאזט און כסדר פערבראכט מיט אים צוהערנדיג זיך צו זיינע התחזקות שמועסן און צו זיינע דברי־תורה.

ערב יום־הקדוש זענען די שטעדטלשע חסידים א מינוט נישט אבגעטראטן פון דעם גרויסן גאסט. צוגעהערט זיך צו זיינע שמועסן און צו זיינע רעיונות, צו זיין לימוד זכות אויפן כלל ישראל, דערביי האט מען געשיקט נאך משקה און מען האט געזונגען הארציגע חסידישע נגונים, פון וועלכע מען האט בעקומען א שטארקע התעוררות צו תשובה און געגועים צום כל יכול.

ווען דער עולם בעלי־בתים האט זיך אנגעהויבן צונויפזאמלען אין בית־המדרש צו כל נדרי האט מען זיך דערוואוסט, אז דער שטענדיגער בעל תפילה איז פערשלאפט געווארן, ער ליגט אין בעט און עס איז נישט מעגליך דאס ער זאל זאגן "כל נדרי".

עס פערשטעהט זיך, אז עס איז געווארן א טומל אין בית־המדרש. די צייט שטעהט נישט. עס איז שוין באלד דער זמן און דא האט מען נישט קיין בעל תפילה. האט מען אנגעהויבן פארלעגן דעם אדער יענעם, אבער קיינער האט זיך נישט געפילט בכח צו דאווענען און מען איז געווען אין א שטארקער פערלעגנהייט.

פלוצלונג רופט זיך אן דער נגיד פון שטעדטל, דער שווער פון "ישועות יעקב":

— הערט מיך אויס רבותי, ביי מיר איז גראד דא א אורח מיט זייער א איידעלן אויסזעהן, ער זיצט גאנצע טעג און נעכט און לערנט און דערצו האט ער א זיס קול נגינה. וואלט איך געהאלטן, אז מען זאל שיקן נאך איהם; אז ער זאל פאר אונז זאגן כל נדרי.

און כך הוה. תיכף האט מען געשיקט דעם קהל־שמש אין הויז פון נגיד. אבער איבערראשטנדיג די שוועל פון דעם צימער און דערזעהענדיג ווי דער אורח זיצט בראש פון א חברותא חסידים, מען טרינקט מעד און מען זינגט אונבעקאנטע פאר איהם ניגונים, האט ער זיך צוריקגעצויגן און טראכטנדיג א ווייַלע, איז ער צוריקגעלאפן אין בית מדרש און איבערגעגעבן דאס וואס ער האט געזעהן — א זאך וואס לעגט זיך גארנישט אויפן שכל — דאס א ערליכער איד זאל זיך פערגינען צו

טרינקען מעד פאר כל נדרי... דערצו דאכט זיך איהם, אז דער אורח איז גאר שטארק "בגילופין"... דעריבער איז זיין מיינונג, אז ער איז נישט ראוי צו דאוונען ביים עמוד און צו בעטן ביים רבונו של עולם פארן כלל ישראל...

— אבער מען דארף דאך איהם על כל פנים מודיע זיין, אז מען האלט ביי כל נדרי — האט זיך אנגערופן דער נגיד — געה זיי מוחל נאכאמאל אריבער צו מיר אין הויז, און זאג איהם, דעם אורח, אז מעןווארט אויף איהם מיט "כל נדרי".

ווי נור דער קדושת־לוי איז אריינגעקומען אין בית־המדרש, איז ער גלייך צוגעלאפן צום עמוד מיט אזא ברען, מיט אזא פלאמעדיגער התעוררות, אז ער האט דעם גאנצן עולם מיטגעריסן און ער האט גענומען זאגן כל נדרי און די תפילות מיט די פיוטים מיט אזוי פיהל מתיקות און השתפכות הנפש וואס מען האט עס אין שטעדטל קיינמאל נישט געהערט.

ווי נור דער "קדושת לוי" האט אנגעהויבן זאגן "כל נדרי", האט דער יונגער גאון, דער שפעטערדיגער לעמבערגער רב, בעל ישועות יעקב, זיך אויפגעריסן פון זיין מקום־קבוע און איז צוגעלאפן צום עמוד און די גאנצע צייט נישט אראפגעלאזט קיין אויג פון דעם בעל תפילה.

זיין דאוונען, זיין זינגען און דאס אויסזעהן זיינער בשעת'ן דאוונען, האט דעם יונגן גאון ממש איבערראשט. ער האט גלייך מהרהר געווען אז דאס מוז זיין איינער פון די חסידים. דער רושם פון זיין דאוונען, פון זיין אויסזעהן בשעת'ן דאוונען איז אבער געווען פיהל שטארקער ווי זיינע חששות און פאראורטיילן לגבי די חסידים און ער האט זיך געטראכט, אז אויב אלע חסידים זאלן זיין אזוי ווי אט דער אורח, איז כמותם ירבו בישראל. ער האט די גאנצע צייט נישט אראפגענומען פון איהם קיין אויג.

נאך מעריב האט דער קדושת לוי געזונגען אדון־עולם, געזאגט "שיר היחוד" און אלץ מיטן אייגענעם ברען, מיטן זעלבן רעש און אז ער איז מיט דעם אלעם פערטיג געווארן, האט ער געבעטן מען זאל איהם דערלאנגען א גמרא יומא.

דער קדושת לוי האט געעפנט דעם ערשטן דף פון דער גמרא און גענומען לערנען מיט גרויס עמקות און חריפות און דער יונגער גאון איז אלץ נישט אבגעטראטן פון איהם, אדרבה, דאס לערנען זיינס — דעם אופן פון לערנען האט נאך איהם מעהר צוגעשמידט צום ארט אז ער האט זיך נישט געקענט אברייסן פון איהם. אזוי זענען אריבער עטליכע שעה. דער "קדושת לוי" האט דערוויל דורכגעלערנט עטליכע בלאט גמרא בעיון גדול און היות ווי דער "ישועות־יעקב" איז געווען שטארק מיד, איז ער אהיים געגאנגען זיך צושפארן, איבערלאזנדיג דעם וואונדערבארן אורח.

קומענדיג אין דער פריה צום דאווענען האט ער געטראפן דעם אורח שטעהן אויפן זעלבן ארט, וואו ער האט איהם איבערגעלאזט נעכטן אין אוונד, גרייטנדיג זיך צו מאכן א סיום אויף דער מסכת יומא. האט עס ביי איהם נאך מעהר איבערראשונג ארויסגערופן. אויסער דעם איז עס דאך נישט געווען צו פערשטעהן ווי אזוי עס דערנעהמט זיך ביי א מענטש אזא כח, צו שטעהן אויף די פיס א גאנצע נאכט און מיט גרויס עמקות אדורכצולערנען א גאנצע מסכתא...

דערנאך האט דער "קדושת לוי" אנגעהויבן דאווענען ביים עמוד, פון "אדון עולם", פסוקי דזמרה, שחרית, קריאת־התורה און מוסף, אבארבייטנדיג א "עבודה" וואס האט אלעמען צובראכן כחרס־הנשבר און גערירט צו אמת'ע תשובה.

נאך מוסף האט דער קדושת לוי געדאווענט מנחה און נעילה, און דאס התפעלות פון עולם און בעזונדערס פון "ישועות יעקב" האט דערגרייכט ביז צום העכסטן גראד.

נאך מעריב איז דער "קדושת לוי" אין דער בעגלייטונג פון גביר און זיין איידעם, דער שפעטערדיגער לעמבערגער רב, אוועק אהיים, וואו מען האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און מען האט צוגעגרייט פאר איהם פון שענסטן און פון בעסטן, וויל מען האט געזעהן, אז דאס איז נישט קיין פשוטער מענטש.

אבער דער קדושת־לוי האט זיך צו דעם אלעם נישט צוגערירט, א

לענגערע צייט איז ער געזעסןביים טיש און אבגערוהט זיך און לסוף האט ער אויסגערופן צו זיין משמש:

— חייקל, נו, ברענג מיר מײַן קוויקניש, וועל איך מיר דערכאפן דאס הארץ!...

דער עולם וואס איז געזעסן ביים טיש האט געמיינט אז דאס פירט דער אורח מיט זיך עפעס א ספעציעלן מין "מזונות", מיט וואס ער דערכאפט זיך דאס הארץ, אבער ווי גרויס איז געווען זייער שטוינונג, זעהענדיג ווי דער שמש האט דערלאנגט דעם "קדושת לוי" א גמרא סוכה...

האט דער קדושת לוי געעפנט די גמרא סוכה און געלערנט א גאנצע נאכט, נישט זייענדיג טועם דאס מינדעסטע, און ערשט ווען ער איז פארטיג געווארן מיט דער דאזיגער "קוויקעניש", האט ער עפעס טועם געווען, און באלד דערנאך האט ער פערלאזט דאס שטעדטל.

דער "ישועות יעקב" פלעגט שפעטער דערצעהלן וועגן יענעם יום הקדוש מיט גרויס התפעלות, ווי אזוי עס איז געווען די מוראדיגע עבודה פון הייליגן בערדיטשעווער, דער בעל קדושת לוי זצ"ל.

מוצאי יום כפור

דער ווילנער גאון זצ"ל האט אמאל גערופן צו זיך רבי דוד שמואל זצ"ל, פון די גדולי ווילנא מוצאי יום כיפור. איז ער געקומען צו איהם. זאגט איהם דער גאון: לאמיר מקיים זיין דעם מנהג פון אריינקלאפן א נאגל אין סוכה מוצאי יום כיפור!

האט דער גאון איהם אריינגעפירט אין א צימער און ארויסגענומען פון שאפע א גמרא סוכה אוןביידע האבן זיך אוועקגעזעצט און געלערנט א גאנצע נאכט.

— דאס איז א שטארקער נאגל אין סוכה! — האט געזאגט דער גאון.

מראה כהן

כיושב בסתר לחלות פני מלך — מראה כהן (פיוט בסדר העבודה ליום הכפורים)

א איד, וואס האט התבודדות אויסצוגיסן זיין הארץ פאר השם יתברך, דערקענט מען עס איהם אויפן פנים, ווי ער ציהט ארויף אויף זיך א בושה און גרויס יראה פאר השם יתברך, און נישט אומזיסט פארגלייכט דער פייטן די מראה פונ'ם כהן גדול וועז ער איז ארויסגעגאנגען יום כפור פון דעם קדש הקדשים — כיושב בסתר לחלות פני מלך. (ר' נחמן מברסלב)

א.

א גרויסע וועלט מיט א סאך לענדער האט השם יתברך באשאפן און אלס דאס הייליגסטע לאנד פון דער גאנצער וועלט האט ער געהייליגט — דאס לאנד **ארץ ישראל**.

פון גאנץ ארץ ישראל האט זיך השם יתברך אויסדערוויילט אלס די הייליגסטע שטאדט — **ירושלים**. פון גאנץ ירושלים איז דאס הייליגסטע ארט — דער פלאץ פון דעם **הר הבית**, פון דעם הר הבית האט ער זיך אויסגעוויילט דאס הייליגסטע ארט — דעם **בית המקדש**, און פון דעם בית המקדש די הייליגסטע שטוב — דעם **קדש הקדשים**.

ב.

דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג טעג אין יאהר האט הקדוש ברוך הוא באשאפן און פון זיי אלע, האט ער געהייליגט אלס דעם הייליגסטן זמן — די הייליגע טעג פון **שבתים און ימים טובים**, און פון צווישן אלע הייליגע טעג האט ער געהייליגט אלס דעם הייליגסטן טאג פון יאהר — דעם טאג פון **יום הכפורים**.

ג.

זיבעציג אומות האט דער אויבערשטער באשאפן אויף דער וועלט.

אלס דאס הייליגסטע פאלק פון צווישן אלע זיבעציג פעלקער האט ער פאר זיך אויסדערוויילט — דאס פאלק **ישראל**, פון צווישן די אידן האט ער זיך אויסדערוויילט אלס דאס הייליגסטע שבט — דעם **שבט לוי**, פון צווישן דעם שבט לוי האט ער זיך באזונדערס געהייליגט — די **כהנים**, און פון אלע כהנים איז דער הייליגסטער מענטש — דער **כהן גדול**.

ד.

זיבעציג לשונות האט כביכול באשאפן אויף דער וועלט. פון צווישן אלע זיבעציג לשונות איז די הייליגסטע שפראך — **לשון הקדוש**, פון צווישן לשון הקודש זענען אמהייליגסטן — די **שמות הקדושים**, און פון אלע שמות הקדושים איז דער הייליגסטער — דער **שם המפורש**.

ה.

ווען עס איז געקומען **יום כפור**, דער הייליגסטער **טאג** פון יאהר, איז געקומען דער **כהן גדול**, דער הייליגסטער **מענטש**, און איז אריינגעגאנגען אין **קדש הקדשים**, דאס הייליגסטע **ארט** פון דער וועלט און דארט ארויסגערעדט דאס הייליגסטע **ווארט** — דעם שם המפורש.

ובכן מה נהדר היה כהן גדול בצאתו בשלום מן הקדש. ווי הערליך איז אלזא געווען דער כהן גדול, ווען ער איז יום כפור בשלום ארויסגעקומעו פון דעם קדש הקדשים.

ו.

ערגעץ אין א ווינקל אויף א בוידעם שטיבל זיצט זיך אין זיין באהעלטעניש א איינגעבויגענער איד און גיסט אויס זיין צובראכן הארץ אין א געבעט פאר ג־ט, דעם מלך. דער **כהן גדול** אום **יום כפור**, ווען ער איז ארויסגעקומען בשלום פון **קדש הקדשים** מיטן **שם המפורש** אויף די ליפן, איז ער שוין **באלד** געווען אזוי גרויס ווי ער — — —

דער ערשטער יום־כפור אין אמסטרדם

נאך דעם שרעקליכן "גירוש שפאניען" וואס איז פארגעקומען תשעה באב אין יאר ה' רנ"ב, ווען די אידן פון שפאניען, וועלכע האבן נישט געוואלט אויפגעבן זייער אידישן גלויבן, זיינען פארטריבן און בארויבט געווארן, זיינען געבליבן אין שפאניען געציילטע אידישע משפחות, וועלכע האבן אויסערליך כלומר'שט אנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן. די דאזיקע "אנוסים" (געצוואונגענע) אדער "מאראנען" זיינען אבער פארבליבן טרייע אידן אין זייערע הערצער, און האבן אין געהיים אפגעהיט אלע אידישע ימים־טובים און מנהגים. זיי זיינען געוועזן רייך און האבן געהאט פיל כבוד: פיל פון זיי זיינען געווען מיניסטארן אין קעניגליכן הויף, אבער זיי זיינען דאך געוועזן אומגליקליך. דאס אידישע הארץ אין זיי האט שטענדיק געטרויערט; זייער נשמה האט שטענדיק געבייינקט צו קענען פריי אפהיטן די תורה און מצוות און נישט דארפן זיך פארשטעלן פאר קריסטן.

און דאן האט די שרעקליכע אינקוויזיציע אונטער דעם גרויזאמען טארקוועמאדא גענומען בושעווען. די "אנוסים" וועלכע מען האט געכאפט אפהיטנדיק אידישע ימים־טובים אדער מנהגים, זיינען אונ'רחמנות'דיק געפייניקט געווארן און דאן פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט. אפילו די וועמען די אינקוויזיציע האט נאר פארדעכטיקט אין אידישקייט, זיינען באהאנדלט געווארן אויף א ענליכן אופן. עס איז באפאלן די "אנוסים" א מורא'דיקע שרעק. פיל פון זיי זיינען אומגעבראכט געווארן, אבער שטאלץ זיינען די פאראורטיילטע "אנוסים" געגאנגען "על קידוש השם" מיט די הייליקע ווערטער פון "שמע ישראל" אויף זייערע ליפן.

יארן לאנג האבן די אומגליקליכע "אנוסים" אזוי געליטן אין שפאניען

און אויך אין פארטוגאל, און האבן געזוכט א געלעגנהייט צו אנטלויפן און געפינען א רוהיגן ווינקל, וואו זיי זאלן קענען אומקערן זיך צו זייער גלויבן אפן, פאר דער גאנצער וועלט.

ענדליך האט זיך באוויזן א שטראל פון האפנונג. עס איז דערגאנגען א ידיעה צו די "אנוסים", אז אין דער קליינער מדינה'לע האלאנד, לעבט א פאלק וואס האט ליב פרייהייט פאר זיך און פרייהייט פאר אנדערע, א פאלק וואס קעמפט פאר פרייהייט. אהין האבן פיל אנוסים גענומען אויסוואנדערן שטילערהייט.

א געוויסע צייט איז האלאנד געווען אונטער'ן שפאנישן יאך. אבער ווען די גרויזאמע אינקוויזיציע האט אויך דא געוואלט אויסשפרייטן אירע שווארצע פליגלען, דאן האבן די בראווע האלאנדער אויפגעהויבן א קאמף געגן שפאניען און האבן זיך ענדליך באפרייט פון איר הערשאפט (אין יאר ה' שמ"א). באלד נאך זייער אייגענער באפרייאונג האבן זיך אלע פראווינצן פון האלאנד פאראייניגט, און האבן ארויסגעגעבן א מאניפעסט פאר רעליגיאנס־פרייהייט אין גאנצן לאנד.

פון דאן אן איז האלאנד געווארן א מקום מקלט פאר די "אנוסים" פון שפאניען און פארטוגאל.

איינע פון די ערשטע און חשוב'סטע משפחות פון "אנוסים" וועלכע זיינען געקומען אין האלאנד, איז געווען די משפחה פון דעם בארימטן אידישן מיניסטער, דון יעקב טיראדא, יעקב טיראדא איז געווען א אנגעזעהענער מיניסטער אין שפאנישן קעניגליכן הויף. ער האט געהאט פיל רייכטום און כבוד. אבער ווען ער האט דערהערט אז אין האלאנד וועט ער קענען ווערן צוריק א אמת'ער איד און אפהיטן אלע מצוות פון דער תורה, האט ער צוזאמענגענומען זיינע פריינד און זיי זיינען אויף צוויי שיפן אנטלאפן קיין האלאנד, מיטנעמענדיק מיט זיך א גרויסן טייל פון זייער פארמעגן.

קומענדיק אין אמסטערדאם, האלאנד, האבן זיי זיך בעזצט אלע אויף איין און דער זעלבער גאס און האבן גלייך גענומען לערנען תורה און

אידישקייט. זיי האבן זיך אלע מל געוועזן און זיינען געווארן טרייע אידן.

אבער די שרעק פאר דער אינקוויזיציע איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו דא אין האלאנד האבן די אנוסים אין דער ערשטער צייט מורא געהאט אפן צו ערקלערן זיך אלס אידן, און זיי האבן באשלאסן אויף א געוויסע צייט צו האלטן זייער אידישקייט בסוד.

און אט איז אנגעקומען דער הייליקער טאג יום־כפור.

די געוועזענע "אנוסים" האבן זיך פארזאמלט אין זייער קליינער שול צו "כל נדרי", און זייער פירער ר׳ יעקב טיראדא, האט פאר זיי גערעדט א פאר ווערטער.

— "ווי גליקלאך און דאנקבאר מיר דארפן זיך פילן צום רבונו של עולם, וואס מיר זיינען ענדליך ארויסגעראטעוועט געווארן פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע און קענען יעצט דינען ג־ט, מיר און אונזערע קינדערלעך, אין דער פרייער האלאנד", — האט ער געזאגט מיט א רירנדע שטימע. — "אבער" — און דא האט ר׳ יעקב טיראדא קוים געקענט צוריקהאלטן זיינע טרערן — "מיר דארפן בעטן אונזער ליבן ג־ט ער זאל אונז פארגעבן פאר דעם אונריינעם פאלשן לעבן וועלכן מיר זיינען געווען געצוואונגען צו פירן ביז אהער. נאר טרערן, הייסע ביטערע טרערן, און א צובראכן הארץ קענען ריינוואשן אונזערע זינד. אונזער הארציקער פאטער אין הימל וועט אננעמען אונזער תשובה און חרטה, און דאן וועלן מיר ווערן ווי ניי־געבארענע קינדער, וועלכע הויבן יעצט אן צו לעבן. ברידער! די פארגאנגענהייט האבן מיר אין טיפן ים אוועקגעשליידערט, לאמיר יעצט אנהויבן אונזער לעבן פון דאסניי — א שיינעם, ריכטיקן אידישן לעבן לויט אונזער הייליקער תורה!..."

א גרויסער געוויין איז ארויסגעבראכן אין שול. די "אנוסים" האבן מיט צובראכענע הערצער און מיט הייסע טרערן געדאווענט און געזאגט תהלים א גאנצע נאכט, נישט רירנדיק זיך פון זייערע ערטער.

אבער וואס האט זיך דערווייל געטאן אויפ׳ן גאס?

דארטן האבן זיך פארזאמלט פיל קריסטליכע שכנים און האבן זיך

גענומען וואונדערן וואס "די שפאניער" טהוען דארטן אין הויז אין געהיים א גאנצע נאכט און א גאנצן טאג. אפשר האבן זיי זיך פארזאמלט צו מאכן א איבערקערעניש אין לאנד, כדי צוריק אויפצושטעלן די שפאנישע הערשאפט?

זיינען די שכנים טאקע באלד געלאפן צום שטאט־הויפט און דערציילט וועגן דער געפאר...

ווען די "אנוסים" האבן שוין געהאלטן ביי "נעילה", האט זיך פלוצלונג דערהערט א טומל הינטער'ן טיר און די טיר איז אויפגעבראכן געווארן...

א שרעקליכע פאניק און פארצווייפלונג האט ארומגענומען די "אנוסים"! די אינקוויזיציע! זיי האבן זיך אווארף געטאן דורך טיר און פענסטער און געזוכט צו ראטעווען זיך. אבער זיי זיינען אלע געכאפט געווארן אין זייערע טליתים און קיטלען...

נאר איין יעקב טיראדא האט זיך נישט פארלארן. אונערשראקן און מיט גרויס ווירדע איז ער צוגעגאנגען צום שטאט־הויפט און האט אים באגריסט אין לאטיין. אויף דער פראגע פון שטאט־הויפט וואס זיי טהוען דא אין געהיים, האט אים ר' יעקב טיראדא ערקלערט:

— "מיר זיינען אידן! מיר זיינען אנטלאפן פון דער גרויזאמער אינקוויזיציע און האבן דא געפונען א מקום מקלט צו דינען אונזער ג־ט אין דעם פרייען לאנד האלאנד — דאס געבענטשטע לאנד וואס האט ערקלערט רעליגיאנס־פרייהייט פאר אלע אירע איינוואוינער. נאר מיר האבן זיך נאך נישט באפרייט פון דער שרעק פאר דער אינקוויזיציע. דערפאר האבן מיר באשלאסן אפצוריכטן אונזערע תפלות אין געהיים. מיר מיינען חלילה נישט קיין שלעכטס. דעם דאזיקן לאנד וואס האט אונז געגעבן א מקום מקלט, קענען מיר אידן נאר דאנקבאר זיין. אונזערע בעסטע כחות, אונזער גאנצן פארמעגן, וועלן מיר ווידמען אויף אויפצולעבן און ענטוויקלען דאס פרייע האלאנד. מיר ווילן נאר האבן דאס רעכט צו לעבן פריי לויט אונזער הייליקע תורה".

טיראדא׳ס ווערטער האבן אויפ׳ן שטאט־הויפט געמאכט א שטארקן איינדרוק. ער האט גלייך געהייסן באפרייען אלע אידן.

— ״איר זייט פריי צו דינען אייער ג־ט״, — האט ער געזאגט. — ״בעט אויך פאר מיר און פאר אונזער שטאט און אונזער לאנד...״

— ״ס׳איז איינע פון אונזערע מצוות צו בעטן פארן פרידן פון דעם לאנד וואו מיר לעבן״ — האט ר׳ יעקב טיראדא געענטפערט.

דער שטאט־הויפט האט זיך ענטשולדיקט פאר׳ן שטערן זייערע תפלות, און איז אוועק צוזאמען מיט זיינע מיליטער.

די ״אנוסים״ האבן דאן געדאוונט ״נעילה״ און ווען זיי זיינען געקומען צו די פסוקים פון ״שמע ישראל״ און ״ה׳ הוא האלקים!״ האבן זיי אויסגעשריען די דאזיקע ווערטער מיט זייער גאנצער הארץ און נשמה, פונקט ווי זייערע עלטערן האבן עס געטאן ווען זיי זיינען געגאנגען על קידוש השם.

אין יאר ה׳ שנ״ח איז אויפגעשטעלט געווארן דער ערשטער עפנטליכער בית הכנסת אין אמסטערדאם, וועלכן מ׳האט א נאמען געגעבן ״בית יעקב״, אויפ׳ן נאמען פון יעקב טיראדא. די אידישע קהלה אין אמסטערדאם איז געשטיגן און געוואקסן, און איז געווארן איינע פון די בארימטסטע קהלות.

מעהר ווי דריי שעה

עס איז דער מנהג צו מאכן א הפסקה ראש השנה און יום כפור צווישן שחרית און מוסף, אויך איז דער מנהג אז דער וואס דאוונט שחרית פארן עמוד דאוונט נישט קיין מוסף, ווייל מיר געפינען אין רמב״ן (בשלח פי״ז פ״א) וואו ער ברענגט פון מדרש: ״וכאשר יניח ידו וגבר עמלק״, ווען משה האט נאכגעלאזן האט זיך עמלק געשטארקט, פארוואס האט משה אזוי געטאן, ער האט עס דען געטהון עמלק זאל זיך שטארקן? נאר ווייל א מענטש טאר נישט האלטן זיינע הענט אויסגעשטרעקט צום הימל מעהר ווי דריי שעה. אזוי שרייבט אויך דער גאון אין משלי (פכ״ה פי״ז).

ארעמע גוים

די אונטערגייענדיקע זון האט שוין אירע לעצטע שטראלן געשיקט און באלויכטן די שמאלע און ענגע געסלאך פון דער אלטער שטאט הורודנא, וועלכע זיינען באזעצט געווען פון לויטער אידן. אין די הילצערנע קליינע הייזלאך זייערע איז שוין געווען ליכטיק פון פיל אנגעצונדענע ליכט. קיין ערב שבת איז דאס ניט געווען. פרייטאג אין דער דאזיקער צייט איז נאך שטענדיק פול מיט טומל און רעש און דא זיינען שוין די קראמען לאנג געווען פארמאכט און אלע זיינען שוין געווען גרייט און אנגעטאן יום־טובדיק אין די ריינסטע בגדים. יעדער האט זיך געאיילט און אפילו קיין איבעריקן ווארט מיט די סאמע נאענטסטע ניט אויסגערעדט.

וואס איז איצט, וואס פאר א טאג איז היינט? לאמיר נאר אריינגיין אין איינע פון די הייזלעך דארט וועלן מיר עס זעהן.

דורך א שמאלן פינסטערן פארהויז, וואו מען באדארף נאך אראפנידערן א טרעפל, קומט מען אריין אין א נידעריקן צימער וואס איז אנגעשטעלט מיט א ביסל ארימע מעבל, אבער ריין און ציכטיק. ווי מען שפרייזט נאר אריבער דעם שוועל פון דאזיקן צימער פילט מען גלייך די קדושה פון הייליקן טאג, פון ערב יום־כפור, וועלכע שוועבט דא ארום. אויף א טישל, וועלכער איז באדעקט מיט א ווייסן קלארן טישטאך געפינט זיך ניט קיין חלה, ניט קיין ווייןָ, מער ניט א גרויסע ליכט אריינגעשטעקט אין א כלי פול מיט זאמד. דערביי איז אנגעצונדן נאך ליכט אין א זעקס רעריגער מנורה, וועלכע באלייכטן צוזאמען דעם צימער. די שטראלן פון די ליכט פאלן אויך אויף דעם ענגלייכטער, וועלכער הייגט אין מיטן צימער און שיינט אראפ אזוי ווי ריינע גאלד.

אין צימער זיינען פול מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, אלע אנגעטאן יום־טוב׳דיק, און זייערע פנימער, אויף וועלכע עס איז אויסגעגאסן א ״חרדת קודש״, זיינען געווען געווענדעט צום גרייז גרויען אלטן, וואס איז געווען אנגעטאן אינגאנצן אין ווייסע בגדים און האט אויסגעזען ווי א מלאך אלקים. דאס איז געווען דער גרויסער צדיק און חסיד רבי אלכסנדר זיסקינד, וואס האט דאס איצט געהאלטן אין מיטן זיין ערב יום־כפורדיקע ברכה צו זיינע קינדער. ער זאגט צו זיי:

״מיינע קינדער און אייניקלעך, איצט אין גרויסן און מורא׳דיקן טאג פון יום־כפור וויל איך אייך איבערגעבן די הייליקע רייד פון דעם אדון הנביאים משה רבנו ע״ה, וואס ער האט געזאגט צו די אידן אין פאלגענדע ווערטער: נעמט אריין טיף אין הארצן צו היטן די הייליקע תורה, דערפאר וועט איר לאנג לעבן, און אין דער דאזיקער שעה פון רחמים און רצון גיב איך אייך אויך מיינע קינדער די ברכה פון אריכת ימים, נאר איר זאלט זען היטן די הייליקע תורה און מצוות מיטן גאנצן הארצן און מיט קדושה און טהרה און דאן וועט איר פילן א גרויסע אייביקייט אין יעדער רגע, און ווען איר וועט היטן די תורה וועט זי אייך און אויך דאס גאנצע אידישע פאלק אפהיטן, אז איר זאלט פארבלייבן אין איר ריינקייט און הייליגקייט ביז וואנען ג־ט וועט אונז ברענגען אין אונזער הייליקע לאנד״.

אז רבי אלכסנדר זיסקינד האט געענדיקט זיין ברכה זיינען אלע קינדער און אייניקלאך צוגעגאנגען צו אים, געבויגן פאר אים זייערע קעפ, אויף וועלכע ער האט זיינע הענט ארויפגעלייגט און דערמיט פארענדיקט זיין ברכה. דערנאך האט רבי אלכסנדר זיסקינד אנגעטאן זיין זיידענעם בגד מיט דער שטריימל, געקושט די מזוזה און מיט גרויס רגש אויף גיך אייליק אוועק אין בית מדרש אויף א גאנצן מעת־לעת מתפלל צו זיין צום רבונו של עולם.

א קול פון טרומייטערס, א הירזשעריי פון פערד און א רעש פון רעדער האט זיך פלוצלונג דערהערט און וואס ווייטער אלץ זיך דערנענטערט. און באלד האט זיך שוין דערזען אויף דער אידישער גאס די ערשטע רייטערס אויף זייערע טייערע היציקע פערד. זיי זיינען געווען

אויסגעפוצט אין זייערע היטעלעך און פעדערן, אין די הענט האבן זיי געהאלטן רימענע קאנטשיקעס מיט זילבערנע הענטלעך, מיט וועלכע זיי האבן געיאגט זייערע פערד. נאך די רייטער איז געפארן א ארקעסטער און נאך זיי זיינען געפארן א מחנה שרים, אלע הויכע, שיינע און ביי דער זייט זיינען געפארן זייערע פרויען, די שרות׳טעס אויף קליינע אראבישע פערד, און נאך די דאזיקע אלע מחנות זיינען געפארן דריי טייערע קארעטעס אויסגעפוצט מיט זייד און גאלד, וועלכע עס זיינען געווען איינגעשפאנט צו דריי פערד. אין יעדערער זיינען נעבן די קוטשערס געזעסן שווארצע נעגערס אנגעטאן אין זייערע שיינע קליידער און הינטער דער קארעטע האבן געריטן די העלדישע, אויסגעפוצטע באדינערס. אין דער ערשטער קארעטע איז געזעסן דער הערשער פון הורודנא און מדינת ליטא מיט זיין פרוי און אין די איבעריקע צוויי קארעטעס נאך גרויסע שרים מיט זייערע פרויען, וואס דער הערשער האט זיי פארבעטן צו זיך אויף א גרויסן באל, וועלכן ער האט איינגעארדנט אין דאזיקן אוונט.

די גאנצע מחנה האט זיך אריינגעריסן און פארפולט דעם ענגן אידישן פערטל און פארצאמט די וועגן פאר אלע אידן, וועלכע זיינען שוין געווען אנגעטאן אין זייערע קיטלען אונטער די מאנטלען און געגאנגען מיט זייערע טליתים אונטער די ארימס אין בית מדרש אריין צו ״כל נדרי״.

גאר די פרומע האבן ניט פארגעסן אן דער הייליקייט פון יום־כפור און אפילו א רגע ניט מבטל געווען א קוק צו געבן אויף דער גאנצער מחנה און פאראד, זיי זיינען געווען פארטיפט אין הייליקע געדאנקען. נאר די נייגעריקע האבן זיך א ביסל אפגעשטעלט און באטראכטנדיק דעם גאנצן פראכט און רייכקייט פון די שרים אנטקעגן זייער גרויסן עלנד און ארימקייט, זיינען זיי ביי זיך שוואך געווארן. און ווען די שרים האבן נאך פון זיי אנגעהויבן אפצולאכן זיינען זיי געווארן ביי זיך גאר געפאלן.

צו די פארזאמלטע פארהאלטענע אידן איז צוגעקומען דער גרויסער חסיד און צדיק רבי אלכסנדר זיסקינד.

פארשטייט מען, אז ר׳ אלכסנדר זיסקינד איז ביי זיך ניט אראפגעפאלן פאר דעם פראכט און רייכקייט פון די שרים. אז ער האט אבער א קוק

געטאן אויף זיי, האט זיך ביי אים דערוועקט גאר א גרויסער רחמנות־געפיל און ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן פול מיט טרערן צום הימל און אנגעהויבן מתפלל צו זיין.

— רבונו של עולם! די שרים זיינען דאך אויך דיינע ברואים, מיט וואס האבן זיי אזוי פארזינדיקט, אז דו פטר׳סט זיי אפ מיט גארנישט, מיט הבל הבלים, פארוואס קומט עס זיי אזוי, וואס איז דען די גאנצע גאלד מיט די ערדישע פארגעניגנס וואס דו גיסט זיי, קעגן איין גייסטיקן תענוג בעולם הזה און בעזונדער בעולם הבא.

און רבי אלכסנדר זיסקינד איז תיכף אוועק אין בית מדרש פון ״בעל הלבושים״, זיך איינגעוויקלט אין קיטל און טלית און מתפלל געווען פאר די שרים.

און די שרים האבן זיך פארזאמלט אויף זייער גרויסן באל, האבן געטרונקן, געטאנצט, געהוליעט, זיך געגרויסט מיט זייער רייכטום און פארגעניגנס און האבן גאר ניט געוואוסט, אז א ארימער איד איז מתפלל פאר זיי און באוויינט גאר זייער ארימקייט.

תפלה קען יעדער איינער

דער קאברינער רבי, הה״צ ר׳ משה זצ״ל האט אמאל געזאגט יום כפור:

— מיר זאגן ״ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה״. עס זענען דא מענטשן וואס זענען צו שוואך זיי זאלן קענען פאסטן, אנדערע זענען ארעם, זיי זאלן קענען געבן צדקה, אבער יעדער איינער פון אונז קען מתפלל זיין מיט ריינע כוונות, אזוי, אז קיינער קען נישט האבן קיין תירוץ צו זאגן פארוואס ער זאל נישט דאווענען מיטן גאנצן הארצן, כדי די שלעכטע גזירה זאל צוריסן ווערן.

אט דאס מיינט דער פסוק אין שיר השירים (ב, יד) ״כי קולך ערב״ דיין קול איז פאר דיר ערב, ער איז פאראנטווארטליך אז דו זאלסט דורך איהם תשובה טהון, דאן ווען דו טהוסט תפלה מיט כוונה וועסטו געוויס תשובה טהון און קענען אויך געבן צדקה.

ווי טייער דאס אידיש פאלק!

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האט אמאל ערב יום־כפור פארנאכט, בעת דער גאנצער עולם איז שוין געווען פערזאמלט אין בית־מדרש צו "כל־נדרי", גענומען א ליכט און אנגעהויבן זוכן אונטער די בענק.

— וואס זוכט איהר, רבי? — פרעגט מען איהם.

— איך זוך — ענטפערט רבי לוי־יצחק — א שכור'ן איד און איך קען איהם בשום אופן נישט געפינען!...

און תיכף שטעלט ער זיך אוועק און הויבט־אן, אויף זיין שטייגער, זיך אויס־טענה'ען מיט'ן רבונו של עולם:

— זעה, רבונו של עולם, וואס פאר א טייער פאלק דיינע אידן זענען: דו האסט זיי געבאטן צו עסן און צו טרינקען אום ערב־יום־כפור און זיי נאך צוגעזאגט, אז "כל האוכל ושותה בתשיעי", אז ווער עס עסט און טרינקט ערב יום־כפור, איז עס פונקט ווי ער וואלט געווען געפאסט; ווען די אומות־העולם וואלטן געהאט אזא טאג — וויפל וואלטן זיך געוואלגערט אין בלאטע, וויפל וואלטן געווען צו'ממית'טע, צו'הרג'עטע!... גיב אבער א קוק אויף דיינע אידן: בייטאג האבן זיי מקיים געווען דיין מצוה, געגעסן, געטרונקען און געפראוועט יום־טוב'דיגע סעודות — און איצט, נאך א שטיק צו נאכט, זענען זיי אלע שוין דא אין בית־מדרש, קיינער איז נישט שכור, קיינער שלאפט נישט, אלע שטעהען אויף די פיס, געריינינגטע, געהייליגטע, מוכן־ומזומן מקבל צו זיין אויף זיך אלע עינויים פון יום־הקדוש, זיך מתודה זיין פאר דיר און תשובה טהון מיט'ן גאנצן הארצן! רבונו־של־עולם, צו פערדינען זיי דען נישט דערמיט אליין אז דו זאלסט זיי מוחל זיין אלע זייערע עבירות און זיי אנ'חתמ'ענען לחיים־טובים, מיט א שנת ברכה והצלחה גאולה וישועה!?...

איצט זאג דו

רבי לוי־יצחק, זאגנדיג איינמאל "כל נדרי" מיט א געוואלדיגע התעוררות, מיט גרויס בכיות און יללות, האט ער זיך אינמיטן געפיהלט זעהר מיד און אבגעשוואכט און ער האט זיך דאן אוועקגעשטעלט און אויסגערופן: רבונו של עולם! כ'האב שוין קיין כח נישט ווייטער צו זאגן. איצט זאג דו: "ויאמר ד' סלחתי כדבריך"!...

זיבעטער קאפיטל: **תשובה העלפט**

דער צענטער צום מנין
נאך נישט שפעט —
תשובה און מחילה
מודה אני לפניך...
א רפואה שלימה
די "קנאה" פון בארדיטשובער רב
כי הם חיינו
גובר געווען
דער ווידוי ביי די סעודה המפסקת
מוחל, מוחל!
ריין און זינד
א רינגעלע אין דער קייט

זיבעטער קאפיטל

תשובה העלפט!

דער צענטער צום מנין

ערב יום כיפור פארטאג, ווען די געציילטע אידן פון דעם פארוואָרפענעם דארף אין פאדאליע האבן זיך געגרייט צו שלאגן כפרות, האבן זיי פלוצים דערזען ווי א איד קומט צו שפרייזן פון דערווייטנס מיט א קלומיקל אויפ׳ן רוקן, מיד פון וועג, דער גאנצער אידישער צער איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין פנים.

דער איד איז געווען דער צדיק נסתר און קדוש עליון רבי לייב שרה׳ס. ער קומט איצט פון א ווייטן וועג, וואו ער האט אויסגעלייזט א אידישן ארענדאר פון די בלוטיגע נעגל פון זיין פריץ, וועלכער האט אים געהאלטן פארשפארט אין א גרוב ווייל ער האט נישט געהאט צו באצאלן די ארענדע געלד.

נאכדעם ווי ער האט אפגעדאוונט און איבערגעביסן האט זיך רבי לייב שרה׳ס אפגערוהט אויף עטליכע מינוט, כדי ער זאל קענען פארזעצן דעם וועג און אנקומען אהיים נאך פאר׳ן הייליגן טאג.

דערווייל האט זיך געמאכט א מוראדיגער שטורעם. עס האט געגאסן ווי מיט עמערס. דונערן און בליצן האבן געקנאקט. בוימער זענען אויסגעריסן געווארן, און עס איז נישט געווען קיין מציאות זיך צו קענען לאזן אין וועג אריין.

רבי לייב שרה׳ס איז געווען א מלומד בנסים. נישט איינמאל איז ער אנגעקומען מיט קפיצת הדרך כהרף עין אין דעם ארט וואו ער האט געדארפט אנקומען. אבער דערמיט האט ער זיך נאר באנוצט ווען עס האט זיך געפאדערט לטובת הכלל, אדער צוליב פיקוח נפש. פאר זיינעטוועגן, פאר זיינע אינטערעסן וועט ער זיך דאך נישט גיין באניצן מיט שמות הקדושים, כדי ער זאל קענען אנקומען אהיים אויף יום טוב. ובפרט איז

דאך ידוע אז מהשם מצעדי גבר כוננו, אלעס ווערט געפירט מן השמים וואו דער מענטש זאל זיין. איז אויב מען פירט אזוי פון הימל אז ער זאל נישט קענען ווייטער גיין, איז אוודאי מן השמים ער זאל דארט בלייבן אויף יום כיפור. מסתמא האט ער דא עפעס וואס צו טאן.

רבי לייב שרה׳ס האט זיך גענומען נאכפרעגן ביי די דארפס־אידן אויב עס איז דא פאראן א מנין, האבן זיי אים דערציילט אז אין דעם דארף גופא וואוינען בלויז אכט אידן, אבער ראש השנה און יום הקדוש קומען אריין צוויי אידן פון די בערג, און אזוי ארום האבן זיי א מנין. רבי לייב שרה׳ס איז צופרידן געווען דערפון, און ער האט גענומען מאכן די הכנות צום הייליגן טאג.

נאכמיטאג, ווען מען האט גענדארפט גיין דאווענען מנחה, זענען נאך די צוויי אידן אלץ נישט געווען. זיי זענען נישט געקומען. מען האט געווארט א שטיקל צייט, ערשט שפעטער איז געקומען א גוי און האט דערציילט אז די צוויי אידן זענען פארהאלטן געווארן און וועלן שוין נישט קענען קומען אין דארף אריין אויף יום טוב.

רבי לייב שרה׳ס איז געווען שטארק צוטראגן. וואס וועט ער איצט טאן. ס׳איז נישטא קיין מנין. מיט אים צוזאמען איז פאראן בלויז ניין פארשוין. וואו וועט מען נעמען א צענטן צום מנין?

— ״אפשר געפינט זיך נאך א איד אין דער נאהנט וואס מען קען אים רופן און מצרף זיין צום מנין?״ — האט רבי לייב שרה׳ס געפרעגט די דארפס־אידן.

— ״נישטא דא קיין שום איד אויסער אונז״ — האבן די אידן געזאגט מיט מיטלייד.

— ״אבער דאך! אפשר ווייסט איר פון א איד וואס איז שוין אפילו דערווייטערט פון אידישקייט, אזא איינער וואס קומט נישט דאווענען אפילו ראש השנה און יום הקדוש, אפשר ווייסט איר פון אזא איינעם, מען זאל אים קענען ברענגען אהער און צונויפשטעלן א מנין?״

— "פאראן דא א איד, א האלבער משומד", — האט זיך איינער פון די אידן דערמאנט. — "אבער פון אים איז דאך זיכער נישטא וואס צו רעדן" — האט ער געזאגט.

— "ווער איז עס דער משומד! און וואו וואוינט ער?" — איז רבי לייב שרה׳ס נייגעריג געווען.

— "דאס איז נישט קיין אנדערער ווי דער פריץ פון דארף. ער שטאמט פון אידן. אבער שוין צענדליגער יארן וואס ער ווייסט נישט צו זאגן פון אידישקייט. וואס דארף מען מער, ער האט דאך געלעבט מיט א גויעטע! ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון דעם פריערדיגן "פריץ", און ווען יענער איז געשטארבן איז ער געבליבן דער יורש. שוין יארן לאנג וואס ער איז דער "פריץ" פון דארף. פון קיין אידישקייט וויל ער נישט וויסן, כאטש ער האט אלס אינגל געלערנט אין א חדר. איין מעלה האט ער אבער יא, וואס ער טהוט נישט קיין צרות פאר די עטליכע אידן וואס וואוינען אין דארף. ווייזט אויס אז אויף אזוי ווייט איז ער דאך נישט פארדארבן"...

— און איר זאגט אז ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון דעם פריערדיגן פריץ" — איז רבי לייב שרה׳ס ווייטער נייגעריג געווען צו דערגיין מער פרטים וועגן דעם דאזיגן מומר — האט ער אויך קינדער פון דער גוי׳טע?"

— ניין! — האבן די אידן נישט פארשטאנען וואס דער פרעמדער איד אינטערעסירט זיך אזוי שטארק וועגן דעם לעבן פון משומד, וועלכער איז שוין אזוי פיל צענדליגער יארן איינגעטונקען פון קאפ ביז די פיס אין דער טומאה. — "זי, די גוי׳טע, איז געשטארבן מיט דריי יאר צוריק. קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט".

— "אויב אזוי וועל איך אריבערגיין צו אים. אפשר וועל איך אים קענען מחזיר זיין בתשובה", — האט רבי לייב שרה׳ס געזאגט מיט אנטשלאסנקייט. — "וואו געפינט זיך זיין פאלאץ?"

די דארפס־אידן האבן זיך איבערגעקוקט איינער צום אנדערן. וואס

וויל דאס אידל פון זיי, און ווער איז ער בכלל, דער מאדנער איד פון דער פרעמד? וואס וויל ער דא טאן, ער וויל גיין צום פריץ און רופן אים צום מנין? נאר דאס פעלט זיי אויס! נישט נאר וועט דער פרעמדער איד חלילה מיאוס אפשניידן, נאר ער וועט נאך אוודאי אויסגיסן זיין כעס צו זיי, צו די דארפס־אידן. און זיי היטן זיך דאך מיט יעדן שריט און טריט נישט אויפצורעגן אים, און נישט צו דערמאנען אים זיין אידישן אפשטאם.

— ר׳ איד, לאזט אייך אפ פון אזעלכע ווילדע געדאנקען. זוכט אייך נישט קיין צרות. ווילט איר אפשר ברענגען א אומגליק אויף אונז?! — האבן זיי געזאגט דערשראקענע.

— ״חס ושלום! איך וועל אייך אוודאי נישט טאהן קיין שלעכטס. אבער מיר זענען דאך אידן. עס איז היינט ערב יום כיפור, דער הייליגסטער טאג אין יאר. אידן בכל תפוצות ישראל גיסן אויס די הערצער פאר׳ן באשעפער. יעדער טוט תשובה און בעט אויף כפרת עוונות. און מיר דא וועלן אפילו נישט האבן קיין מנין? אפשר וועט זיך איינגעבן צו דערוועקן אין דעם משומד דעם אידישן פונק, דעם ניצוץ הקדושה, און ער וועט נתעורר ווערן צו תשובה. דער כח פון הייליגן טאג איז דאך זייער גרויס. דער עיצומו של יום איז מכפר. און אזוי ארום וועלן מיר אים קענען מצרף זיין צום מנין!״

רבי לייב שרה׳ס האט אפילו נישט געווארט אויף זייער צושטימונג. ער איז באלד געלאפן מיט גיכע טריט צום פאלאץ פון פריץ. ער האט אנגעקלונגען ביים גלאק פון דרויסן און אפילו נישט געווארט מען זאל אים אריינלאזן. האסטיג האט ער אויפגעפראלט די טירן, דורכגעשפאנט די פאדער־צימערן, און שוין איז ער געשטאנען אין צימער פאר׳ן פריץ.

דער ״פריץ״ האט פאר זיך דערזען א ארעם אידל, האט זיך אין אים דערוועקט דער כעס וואס דער איד האט זיך אריינגעריסן אין זיין וואוינונג אן ערלויבעניש. ״דאס איז א אומדערהערטע חוצפה״. און ער איז שוין גרייט געווען צו געבן א וואונק פאר זיינע משרתים אז מען זאל אים נעמען און פארשפארן אין קארצער. דער הייליגער דורכדרינגליכער בליק פון צדיק האט אים אבער ווייך געמאכט. רבי לייב שרה׳ס האט אים ווי

דורכגעלעכערט מיט זיין שארפן בליק. דער פריץ איז געווארן צעטומלט פון דעם ג־טליכן פנים פון צדיק.

— ״וואס ווילסטו דא, זשידעק?״ — האט זיך דער פריץ צו אים געווענדעט מיט ביטול און שטרענגקייט.

— ״איך בין דיך געקומען דערמאנען, אז אויך דו ביזט א ״זשידעק״, און אז היינט האבן מיר ערב יום הקדוש. היינט ביי נאכט קומען זיך אידן אומעטום צוזאמען אין די בתי מדרשים צו...״

דער פריץ האט אים נישט געלאזט אויסרעדן:

— ״צו וועמען רעדסטו אזוי? — האט ער אויף אים אנגעשריגן.

״צו דיר רעד איך, מיין פריץ, וואס דו שטאמסט אויך פון אידן. כאטש דו האסט שוין פארגעסן דערפון, אדער דו ווילסט עס פארגעסן. מיר וויסן אבער פון דעם כלל אז ״לא ידח ממנו נידח״, אז א איד ווי פארשטויסן ער זאל נישט זיין, האט אלעמאל א מעגליכקייט צוריקצוקערן זיך צו זיין אידישן שורש. אויב איינער טוט תשובה ווערט ער ווי ניי געבוירן״.

דער פריץ האט אים ווידער געוואלט איבערהאקן, אבער דאס לשון איז אים ווי אפגענומען געווארן. די ווערטער פון הייליגן צדיק זענען אריינגעקראכן טיף אין זיין הארצן.

— ״היינט איז יום כיפור. דער טאג וואס איז באשטימט פאר תשובה און מחילת עוונות. דער באשעפער פון דער וועלט קוקט ארויס אויף דער תשובה פון רשעים, און וויבאלד זיי האבן חרטה אויף זייערע מעשים איז ער זיי מקבל בתשובה. היינט האסטו א גוטע געלעגנהייט אראפצווארפן פון זיך די טומאה און ווערן צוריק א איד, צוריקצוקערן זיך צום הייליגן שורש. מיט צענדליגער יארן צוריק האסטו פארלאזט דיין פאלק און דיין אמונה. אין איין מינוט קענסטו דאס אלץ פאררעכטן און ווידער ווערן א איד. מיר זענען דא ניין אידן. מיר דארפן האבען א צענטן צום מנין. אויב דו ביזט גרייט תשובה צו טאן, וועלן מיר דיך קענען מצרף זיין צום מנין. דיין שכר וועט זיין גרויס...

אינדרויסן איז געווען פארכמורעט. דער שטורעם האט זיך געהאלטן ביים איינשטילן. ס׳איז געווען נאר געציילטע שעה׳ן ביז צום זמן. רבי לייב שרה׳ס האט געפילט אז זיינע ווערטער האבן געטראפן אין פינטל. זיי האבן צעטרייסלט דאס גלייכגעוויכט פון דעם ״פריץ״. האט ער גענומען ווייטער שמידן דאס אייזן כל זמן עס איז נאך הייס.

— ״דו האסט גארנישט וואס צו פארלירן. דו וועסט קיינמאל נישט זיין גליקליך אין דיין איצטיגן מצב. א זינדיגער איד קען נישט זיין צופרידן מיט זיך. באפריי דיך פון דער נעץ פון דער סטרא אחרא וואס האט דיך ארומגענומען ווי מיט צוואנגען. קום מיט מיר. דו וועסט זיין יום כיפור צווישן אידן״...

— מיין נאמען איז לייב שרה׳ס, — האט ער ווייטער געזאגט — איך האב זוכה געווען צו קענען דעם הייליגן רבי ישראל בעל־שם־טוב וואס פיהל פון די פריצים האבן זיך באצויגן צו איהם מיט עהרעפארכט און הויכקייט. איך האב אמאל געהערט פון זיין מויל א טייטש אויף א פסוק פון תהלים (מ״א ט״ז) ״הצילני מדמים אלוקים״: העלף מיר ג־ט אז געלט (דמים — געלט) זאל נישט זיין ביי מיר ג־טליכקייט, און אז די תאוה צו געלט זאל מיר נישט אריבערפירן פון די אמונה. איך הייס לייב שרה׳ס נאך מיין מאמע שרה וועלכע איז געווען א אשה צדקנית. ווען פאר איהר איז געשטאנען א נסיון, איז זי געשטאנען מיט מסירות נפש אויף איהר גאנצהייט און גלויבן. דו האסט נישט זוכה געווען בייצושטיין דעם נסיון. צוליב גאלד און זילבער האסטו פארביטן דיין גלויבן און האסט זיך גע׳שמד׳ט. אבער וויסן זאלסטו אז קיין זאך שטעהט נישט פאר תשובה, דו קענסט זיך קויפן דיין וועלט אין איין שעה. היינט איז ערב יום כיפור, נאך אביסל וועט שוין אינגאנצן פארגעהן די זון. די אידן וועלכע וואוינען אין דיין דארף, דארפן א צענטער צום מנין. קום מיט מיר אין שוהל, דו ביסט דאך א איד!!!

די לעצטע זון־שטראלן האבן שוין געשיקט זייער שיין דורך די פענסטער פון פאלאץ און געווארפן א ליכט אויף דעם פייערדיגן געזיכט פון רבי לייב שרה׳ס וואס צו זיינע ווערטער, האט זיך עפעס א ציטער

געגעבן אין הארץ פונ׳ם פריץ. ערנסטע מחשבות זענען איהם אויפגעקומען אין קאפ. די ווערטער האבן איהם געשטאכן ווי שפיזן און ווען רבי לייב שרה׳ס האט דעם פריץ דרייסט אנגענומען ביי זיין האנט און מיט איהם געגאנגען אין שוהל — האט דער פריץ נישט ארויסגעוויזן קיין מינדעסטע ווידערשטאנד. ער איז געגאנגען אזוי ווי א געפיינגענער ביי רבי לייב׳ן...

אין דעם קליינעם דארפישן בית מדרש זענען שוין געווען פארזאמלט די אכט אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער עס איז שוין באלד דער זמן פון ליכט צינדן, און דער פרעמדער איד איז נאך נישטא. ענדליך איז א אינגל אריינגעקומען זאגן אז דער פרעמדער אורח קומט צו גיין און מיט אים קומט נאך איינער... דער ״איינער״ איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער ״פריץ״ פון דארף, דער משומד!

אין אנהויב זענען די דארפס אידן געווארן דערשראקן ביז צום טויט. מי יודע וואס דער פריץ וויל איצט פון זיי? ווער ווייסט וואס דאס פרעמדע אידל האט אנגעמאכט? אבער ווען די צוויי האבן זיך דערנענטערט צום בית המדרש, האבן זיי שוין געקענט מערקן אז דער פריץ גייט א צעבראכענער און רעזיגנירטער. ער האט זיך אריינגעשארט אין בית המדרש און זיך אנידערגעזעצט אויפ׳ן ברעג פון א באנק.

רבי לייב שרה׳ס האט א וואונק געגעבן פאר איינעם פון די אידן ער זאל אים צוטראגן א מחזור מיט א טלית. אליין האט ער זיך גענומען אנטאן דעם קיטל און טלית און גענומען זיך גרייטן צו דער הייליגער עבודה.

רבי לייב שרה׳ס האט זיך אליין געשטעלט צום עמוד און גענומען זאגן ״כל נדרי״. צוויי פון די עלטסטע אידן זענען געשטאנען ביי דער זייט מיט די ספרי תורה אין די הענט, און נאכגעזאגט מיט א שטיל פליסטערדיג געבעט: ״על דעת המקום ועל דעת הקהל וכו׳ אנו מתירין להתפלל עם העבריינים״...

דער ״פריץ״ האט נאך גע׳דענקט אביסל גירסא דינקותא, האט ער זיך שטארק צעוויינט, און מיט אים האבן אלע מיטגעוויינט.

די גאנצע צייט פון דאוונען איז דער "פריץ" געשטאנען אין די זאקן און אריינגעקוקט מיט פארשטארטע בליקן אין דעם מחזור. פון צייט צו צייט האט זיך ארויסגעריסן פון אים א שווערער זיפץ, וואס האט געלעכערט די הערצער. ווען ער איז געקומען צו דער וידוי "אשמנו, בגדנו" האט דער פריץ ביטער געוויינט. אזוי איז אויך געווען דעם גאנצן מארגנדיגן טאג. גאנץ יום הקדוש איז דער "פריץ" געשטאנען אויף די פיס. פון מאל צו מאל האט ער ארויסגעלאזט א זיפץ וואס האט אויפגעטרייסלט דאס גאנצע בית המדרש. די אידן האבן גארנישט דערקענט זייער "פריץ". זיי האבן אים געקענט פאר א הארטנעקיגן מענטש, פאר א מענטש אן סענטימענטאלע געפילן, און דא איז ער פלוצים אזוי געבראכן ביי זיך, אזוי נידערגעשלאגן און פול מיט אויפריכטיגער חרטה. די בכיות פון "פריץ" האבן אויך ארויסגערופן הארץ רייסנדע געוויינען צווישן דעם מנין מתפללים. אזוי איז א דורך דער גאנצער הייליגער טאג.

די דארפס אידן האבן שוין געזען אז דער פרעמדער אורח איז שוין גאר נישט קיין פשוט'ער מענטש. זיי האבן געזען אז דאס איז א איש אלקים, איינער פון די צדיקים נסתרים אויף וועלכע עס שטייט די וועלט. האבן זיי זיך באצויגן צו אים מיט גרויס דרך ארץ און יראת הכבוד. דאס פנים פון צדיק האט געשיינט מיט א ג־טליכער קדושה. ער האט געזאגט די תפילות מיט אזא דביקות און התלהבות, אז זיי האבן געפילט ווי ער שוועבט אין די עולמות העליונים.

ווען עס איז געקומען צו תפילת נעילה, האט מען מכבד געווען דעם "פריץ" מיט פתיחה. א ציטערדיגער איז דער פריץ צוגעגאנגען צום ארון קודש און אוועקגעשארט דעם פרוכת. ער איז צוגעפאלן צו דער ספר תורה און ארומגענומען די תורה און איהר באגאסן מיט הייסע קושן.

די טרערן זענען אים געררונען פון די אויגן. זיין בליק איז געווען פארנעפלט און עס האט זיך אויסגעדוכט אז ער געפינט זיך גארנישט אויף דער וועלט. שטייענדיג ביים אפענעם ארון קודש, האט דער "פריץ" געכאפט א בליק אויפ'ן צדיק. ער האט דערזען זיין ג־טליכע צורה, און

דעמאלט זענען אים געקומען אויפ׳ן זינען זיינע קינדער יארן, ווען זיין פאטער, א גרויסער סוחר, פלעגט אים שיקן אין חדר. ער האט זיך דערמאנט ווי זיין מוטער פלעגט יעדן פרייטאג צו נאכטס צינדן ליכט און דערביי פארגיסן טרערן. — מיטאמאל האט אים אויפגעוועקט א שארף קול פון זיינע געדאנקען. רבי לייב שרה׳ס האט פארענדיגט נעילה און גענומען זאגן ״שמע ישראל״! און דא האט דער ״פריץ״ איינגעגראבן זיין קאפ אין ארון קודש, ער האט ארומגעכאפט די ספר תורה און מיט גרויס עקסטאז האט ער גענומען שרייען ״שמע ישראל וגו׳ אחד״ מיט אזעלכע מורא׳דיגע און יאמערליכע קולות, אז אלע מתפללים זענען דערציטערט געווארן.

דאן האט דער ״פריץ״ ארויסגעצויגן זיין קאפ פון ארון קודש און גענומען נאכזאגן זיבן מאל ״ה׳ הוא האלקים״ מיט אלע זיינע כוחות. ווען ער האט פארענדיגט דאס זיבעטע מאל האט ער אויך אויסגעהויכט די נשמה און איז אראפגעפאלן פאר׳ן ארון קודש אן א צייכן פון לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאך אין דער זעלבער נאכט איז דער בעל תשובה געבראכט געווארן צו קבר ישראל. רבי לייב שרה׳ס האט זיך אליין מיט אים מתעסק געווען, און נאך אים נאכגעזאגט ״אשריך שיצאה נשמתך באחד״!

יעדן יום כיפור פלעגט רבי לייב שרה׳ס זאגן קדיש און לערנען משניות פאר דער נשמה פון דעם בעל תשובה, וועמען ער האט מחזיר געווען למוטב און ווידער אריינגעברענגט תחת כנפי השכינה.

ווי א נאדל שארף

״אמר הקב״ה פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם״— עס איז טאקע גענוג די דערעפענונג פון א קליינעם ״פתח״ אבער עס זאל זיין ״כחודו של מחט״ — ווי א נאדל שארף, דורכשטעכן דורך און דורך.

(ר׳ מענדעל מקאצק)

נאך נישט שפעט

כל נדרי...

נאך אין אנהויב אלול האט ר׳ יעקב אנגעהויבן מפשפש במעשים צו זיין. וואס האט ר׳ יעקב ביי זיך צו געפינען פאר א שלעכטס, אז סך הכל פאסט ער רצופים, עוסק אין תורה ועבודה גאנצע טעג און נעכט, רעדט גאר ווייניג, ווער שמועסט לשון הרע, ער פארשטאפט זיך די אויערן, ווען ער הערט נאר א ווארט וואס שמעקט מיט א משהו פון לשון הרע, און אליין איז ר׳ יעקב דאר ווי א שטעקן, וואס איז ער מ׳שטיינס געזאגט נהנה פון דער וועלט? שטענדיג בשמחה. ווערט אבער ר׳ יעקב אין די אלול טעג פארכמארעט און פארזארגט, וואס העכער מען איז, אלץ מעהר געפינט מען אויף זיך א פגימה׳לע, א דין שפרענקעלע.

פון די ראש השנה טעג איז דאך אפגערעדט, דעמאלס איז ר׳ יעקב א פלאם פייער, איין שטיק דבקות, קיין שמייכל נישט אויף די ליפן, קיין דברי חול נישט ארויסגערעדט, א ״יומא אריכתא״ פון תורה און תפילה.

די עשרת ימי תשובה געהט ר׳ יעקב אויך נישט ליידיג, ווי דער משל מיט דער שיף וואס געהט אוועק און די פאסאזשירן זיינען געוועזן אויף א אינזל. דער קלוגער ווי נאר ער הערט דעם ערשטן סיגנאל, אז די שיף געהט באלד אפ, לויפט ער שנעל ארויף אויף דער שיף, עס איז דא נישטא קיין חוזק, דער וואס איז אביסל פויל,ווארט אויפן צווייטן סיגנאל, ער וועט נישט פארשפעטיגן — טראכט ער זיך — עס דארף נאך קומען א דריטער סיגנאל, און דער וואס פארזאמט זיך און כאפט זיך ערשט ביים דריטן סיגנאל, לויפט ער אין גרויס איילעניש ער זאל נישט פארשפעטיגן די שיף...

וויפל ר׳ יעקב האט א גאנץ אלול און ראש השנה עוסק געוועזן בתורה

ותפילה, טראכט ער אלץ, אז עס איז נאך ווייניג, אז ער האט נאך אויף א אמת גארנישט תשובה געטאן.

דער לעצטער סיגנאל: יום כפור געהט! דער הייליגער טאג, דער טאג פון סליחה ומחילה. ר׳ יעקב — אויסגעלייטערט דורך תורה און תפילה שפרייזט אין בית המדרש אריין פוהל מיט האפענונג. ער ווערט א ביסל באַרוהיגט:

״ונסלח״, א גוטער טאטע אין הימל: ״כי ביום הזה יכפר אליכם מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו״, געהט ער אזוי א שטראהלנדיגער איבער דער גאס מיטן קיטל אנגעטאן.

דאס פנים לויטער, פוהל מיט אימת הדין, אין איין האנד עטליכע ספרים און אין דער צווייטער — א טלית, ער געהט יעצט צו זיינע ארימעלייט, די קראנקע, זיי ווינטשן א גמר חתימה טובה.

אט קומט שוין אן דער הייליגער טאג, די זון לאזט זיך אראפ הינטערן בית המדרש, טרויעריג, ווי עס וואלט איהר געווען א שאד זיך שיידן אין אזא הייליגע שעה. דער חזן שטעהט שוין אין קיטל אנגעטאן. אט פארגעהט זיך באלד אזוי טיף נאגנדיג דער אייביגער געזאנג: ״כל נדרי״...

ר׳ יעקב איז פארטיפט אין הייליגע רעיונות, נאר זיינע ליפן שעפטשען שטיל, שטיל נאך אונטערברומענדיג די ווערטער פון חזן: כל נדרי — — —

☆

כל נדרי...

אין ערגעץ אין דער פרעמד, אין א אנדער לאנד, אין א עק שטאדט אויפן פינפטן שטאק, שטעהט ער, יצחק העלמאן, דער סטודענט, ביים שויב פון זיין דאך שטיבל און האט נישט קיין רוה... עפעס ווי א כשוף וואלט איהם אפגעטאן געווארן, קען ער זיך היינט קיין ארט נישט געפינען.

עס איז שוין באלד א יאהר וואס ער איז אוועק פון זיין היים, פון

אלעס וואס ער האט אין זיין פרומער היים איינגעזאפט איז איהם שוין גארנישט געבליבן. אפילו דאס נאגנדע בענקשאפט וואס פלעגט איהם אין די ערשטע צייט באפאלן צו זיין יוגנד היים איז אויך ביסלעכווייז צורונען, אין טאטן געדענקט ער שוין נישט. אין אנהויב האט ער נאך אמאל געענטפערט אויף א בריוול, אבער מיט דער צייט האט ער אינגאנצן זיך אפגעטרייסלט פון זיין עבר. ער איז מיט לייב און לעבן פארטאן געווען אין זיין שטודיום און אין דער פרייער צייט, האט ער צוזאמען מיט א עולם סטודענטן אפגעגעבן זיך יענע אידעאלן, וועלכע האבן איהם אזוי פון זיין היים פארפרעמדט.

נאר עפעס איז דא געווען וואס זאל העלמאנען דערמאנען אין זיין פארגאנגנהייט — א שוהלכל אין זיין הויף.

קעגנאיבער וואו ער האט זיך געפונען, אויפן צווייטן שטאק, איז א קליין שוהלכל געווען, אז העלמאן פלעגט אמאל א פרייטאג צו נאכטס ארויסקוקן פון זיין פענסטער אין הויף אריין, האט ער דארט אין בית תפלה אידן געזעהן. דאס זענען נישט געווען אפילו יענע אידן וואס ער האט אין זיין היים געפלעגט באגעגענען. שוין נישט ר׳ ארי׳ לייב, דער גרייז גראהער איד מיט דער הערליכער פאטריארכאלער בארד און פיאות, ר׳ ארי׳ לייב וואס האט מיט איהם, מיט העלמאנען אליין א גאנצן ווינטער געהאט א שיעור, נאר אנדערע אידן, א ביסל שוין מאדערנערע, אבער פארט נאך אזוי פארדבקה׳ט אין דאווגען. פארריסן, פארהאמעט גאנצע טעג אין דער רוישיגער שטאדט, קומט מען נאך א גאנצער וואך מיה און הארעווען צווישן פרעמדע פנימער, ווייט פון אידן און אידישקייט — אין דעם ״מקדש מעט״, אין שוהל אריין, א ביסל זיך ארויסטאן פון דעם עולם הזה.

און אז העלמאן קוקט זיך מעהר צו, זעהט ער דארטן ביים עמוד דעם בעל תפלה ביי ״לכה דודי״, אפן זענען דארט די פענסטער און דאס געזאנג צוגיסט זיך איבערן הויף אזוי זיס הארציג, אזוי פרעמד פאר די אויסגעשעלטע איינוואוינער פון הויף וואס שטייען אויף די באלקאנען פארגאפט פון דעם געזאנג וואס טראגט זיך אזוי נחת׳דיג פון שוהלכל.

אבער ווי מיט א כוונה פלעגט שטענדיג העלמאן צוריק אריינגעהן צו זיך אין צימער און די פענסטער צומאכן. דאס געזאנג האט איהם ערגעץ א סטרונע באריהרט, און די זכרונות פון זיין היים האבן איהם דערנאך קיין מנוחה נישט געגעבן צווישן זיינע חברים אויף זיין קווארטיר, וועלכע האבן די דאזיגע סענטימענטן בכלל נישט געהאט, נישט וויסנדיג קיינמאל פון קיין פרומע היים אדער פראסט פשוטע גוים.

זיינע חברים האבן ערשט געהאלטן אין מיטן דער ארבעט. שבת — דער לעצטער ארבעטס טאג, פארן אפרוהע טאג: זונטאג... האט ער זיך אויך באמיהט אויסצווארצלען זיין "איינגעבוירענע שוואכקייט" און מיטגעמאכט דאס לעבן פון זיינע חברים.

אפילו אין די ראש השנה טעג האט העלמאן ווי זיינע חברים אויף דער קווארטיר — זיין ארבעט נישט איבערגעריסן. יא, וואס א אמת האבן זיינע קאלעגן מיט איהם געהאט א שטיקל ארבעט און נאכמער — העלמאן מיט זיך אליין:

דאס ראש השנה׳דיגער דאווענען וואס האט זיך געטראגן דארט פון שוהלכל, האט איהם נישט געלאזט רוהען. אלעמאל אין מיטן פון א שווערע אויפגאבע, וועלכע ער האט געהאט צו ענטשיידן האט זיך איהם געפלאנטערט א שטיקל פיוט, וואס דער בעל תפלה דארט קעגנאיבער אויפן צווייטן שטאק האט אזוי נאגנדיג אויסגעזונגען, און די פענע איז איהם פון האנד ארויסגעפאלן, ער האט כסדר געשפרייזט איבערן צימער און נישט געהערט ווי זיינע קאלעגן מאכן חוזק אויף זיין קאנטא:

— העלמאן, בערוהיגט אייך, וואס איז מיט אייך געשעהן?

לאנג האט העלמאן געהאט מיט זיך צו קעמפן, ביז ער איז ווייטער צוגעגאנגען צו די אויפגאבן.

— יא, איך בין זיך מודה — האט ער פאר זיינע קאלעגן זיך ווי מתודה געווען — איך האב נאך "שוואכקייטן" אין זיך... מען דארף עס אויסווארצלען... אטאיזם... ווי עס לערנט די נייע פסיכאלאגיע, ירושה אייגנשאפטן, שווער זיך דערפון אפצוגעוואוינען.

און אט איז יום כפור אונטערגעקומען.

העלמאנס חברים, האבן היינט אין קווארטיר א אוונד איינגעארדנט: העלמאן דארף ארויסטרעטן מיט א רעפעראט פאר א היימיש קרייזל מיט סטודענטן, מען וועט ארומרעדן פארשידענע ענינים און איבערהויפט דעם אידעאל וואס פאראייניגט זיי אלעמען. העלמאן — אלס דער פעהיגסטער צווישן זיי אלעמען דער אינטליגענטסטער, ער דארף נעמען דאס ווארט. דאס צימער איז שוין איבערפוהלט מיט סטודענטן, דער אוונד פאלט צו.

די זון שיקט איהרע לעצטע רויטע שטראלן און זיי שפיגלען זיך אפ אויף די העכערע שויבן פענסטער פון דעם הויף, העלמאן שטעהט הארט ביי א פענסטער וואס געהט ארויס אין הויף און קען דעם בליק זיינעם נישט אפרייסן פון יענעם ווינקעלע וואו עס געפינט זיך דאס שוהל׳כל.

טויזנטער געדאנקען שפארן איהם מיטאמאל אין קאפ, און איבער אלע דער ווילן אויך אהין צו געהן, דארט פון וואנען עס צוגעהט זיך ערשט איבערן הויף אזא הייליגע פארכטיגקייט.

ניין! ער וועט זיך שוין דאס מאל נישט קענען באהערשן, ער איז אזוי נישטיג און קליין געווארן ביי זיך. אט האט מען דארטן אנגעהויבן זאגן כל נדרי, און ווי א שטארקע ברויזענדע סימפאניע פון הונדערטער פידלען האבן די טענער געכוואלעוועט איבער זיין נשמה און אלץ וואס איז פארווישט געווארן אין זכרון, האט פלוצלונג הויט אוןביינער באקומען און גענומען נאגן און מאנען...

זאל ער נאך געהן אהין? אט דארטן פון וואנען עס טראגן זיך איצט די טענער? ער, העלמאן, וואס איז דאך אזוי ווייט ווייט פון דעם אלעם, אזא גרויסער תהום טיילט איהם דאך אפ פון דער דאזיגער וועלט.

ניין! ער קען יעצט נישט זיין מיט זיינע קאלעגן! וועט ער ערשט קענען נעמען זיין ווארט און רעדן וועגן וואכעדיגע ענינים? וועט ער קענען מיטמאכן צוזאמען מיט זיינע חברים דעם גאנצן חלול הקודש שפיל, אין דער צייט ווען זיינע גאנצע קינדער יאהרן שטייען איהם ערשט אזוי בולט פאר זיינע אויגן? דער טאטע אין בית המדרש ביי דער מזרח

וואנד און די מאמע, וויינענדיג פארן אוועקגיין אין שוהל, אויסשטרעקנדיג אויף איהם איהרע בענטשענדיגע הענד:

— געה, מיין קינד אין ג־טס וועג, און זאלסט האבן א גוטע חתימה, מיר זאלן פון דיר נחת האבן...

ער האט בלויז אויף זיך עפעס א הוט ארויפגעכאפט און שנעל, שנעל איבער די טרעפ געלאפן, אליין זיך נישט אפגעבנדיג קיין חשבון און נישט אכט געלאזט אויף די נאכרופן פון זיינע חברים, וואס האבן זיך ביי די פענסטער געשטעלט, נאכקוקן וואס ער האט עס דארט געזעהן דער העלמאן און צו וועמען לויפט ער עס אזוי.

העלמאן האט נאך פון זיך נישט געוואוסט, בלויז א אינערליכע שטים האט איהם גערופן: ״נאך נישט שפעט, נאך צייט, גיכער, גיכער״!

און אז ער איז אין שוהלכל אריינגעקומען, האט ער שוין ביים צווייטן מאל כל נדרי געטראפן און ער איז א פארסאפעטער אין א ווינקל געשטאנען און אין זיך אליין אריינגעוויינט, און נאך קלאר פאר זיין געוויין קיין ווערטער נישט געהאט, נאר איבער איהם האט זיך שטילער, שוין מיט אזא צארטקייט ווי די ווערטער פון א פארגעבנדיגן פאטער, וואס פארגיט זיין זינדיגן זוהן — געטראגן, אזוי נאגנדיג דעם חזנ׳ס שטים:

— ״ונסלח לכל עדת בני ישראל... כי לכל העם בשגגה!״

וואס הייסט חרטה

דער אלעקסאנדערער רבי ר׳ הענעך זצ״ל האט אמאל געזאגט:

— ״חרטה״ — הייסט נישט אז עס טהוט איהם באנג, ווארום וועמען טהוט באנג נאך דער געטהוענער עבירה? עס געהט זיך דאך א חלשות אן, נאך יעדער עבירה! נאר ״חרטה״ איז דער טייטש: אויסקראצן, פון לשון: ״וכתב עליו בחרט אנוש״ (ישעי׳ ח. א.) אויב מען וויל תשובה טהון דארף מען אויסקראצן דאס געמיינע...

תשובה און מחילה

ערב יום כפור נאך האלבן טאג אין דער אלטער שטאדט ירושלים. אלע געשעפטן אין דעם אידישן קווארטל זיינען שוין געשלאסן. אלע מענער אלט און יונג אנגעטאן און ארומגעגארטלט מיט ברייטע ווייסע שאלן, ווייסע זאקן אויף די פיס און שטריימלעך אויף די קעפ, איילן זיך דאוונען מנחה און זאגן די "על חטא׳ס" (זיך מתודה זיין אויף די זינד פון א גאנץ יאהר).

אין אלע בתי מדרשים אין דעם גרויסן חצר פון דער "חורבת ר׳ יהודה החסיד שוהל" איז דער טומל זעהר גרויס. הונדערטער מענטשן גייען שוין אהיים פארפאסטן און זיך צוגרייטן צום תענית, און הונדערטער מענטשן שטראמען ערשט אריין אין חצר צו דאוונען מנחה.

אין יעדן פאלוש פון די בתי מדרשים שטייען די מלקות־שלעגער, און יעדר איינער לייגט זיך אוועק אויף די קני מיט׳ן פנים צו דער פאדלאגע, און אימיצער שלאגט איהם איבער׳ן רוקן 39 שמיץ מיט א רצועה פון תפילין (א דינער לעדערנער רימען). דאס איז א אלטער מנהג זיך צו לאזן שלאגן מלקות ערב יום כפור, טאמער האט איינער געטאן א עבירה, וואס דערפאר קומט איהם מלקות און דורכדעם ווערט ער נתעורר צו תשובה טהון.

גרויס איז דער געדראנג נעבן די ברייטע שוועלן פון דער גרויסער שוהל. הונדערטער גלעזער מיט בוימל און א קנויט אין מיטן, זיינען דארט צושטעלט. יעדער איינער וויל שטעלן זיינע "הזכרה לאמפן" אויף אזא פלאץ אז ער זאל זיכער זיין דאס זיי וועלן זיך נישט אויסלעשן איידער דער יום כפור־טאג וועט אריבער.

די גרויסע שוהל איז שוין כמעט ליידיג. אלע יזכור לאמפן האבן שוין

געברענט. שמשון דער שמש געהט ארום מיט דעם הויכן לייטער אנצוצינדן די גרויסע בליץ לאמפן. די געלט וואס איז צונויפגעזאמלט געווארן אין די צדקה קערות (טעלער) פאר פארשידענע וואוילטהעטיגע אנשטאלטן, ווערן איבערגעציילט און פארשריבן, די גבאים קלייבן זיך שוין צו געהן אהיים עסן די סעודה "המפסקת", נאר ר׳ זלמן דער קצב שטייט אין א ווינקל פון שוהל און וויינט א ביטער געוויין.

ווען ער האט געזאגט די ודוי "אשמנו" — מיר האבן געשולדיגט. — "בגדנו" — מיר האבן געפעלשט. "גזלנו" — מיר האבן גערויבט, האט ער זיך דערמאנט ווי ווייט ער האט זיך געראנגלט נישט צו זיין א גנב, און דאך האט איהם די נויט געצוואונגען צו באגיין אמאל א גניבה. איצט קומט דער הייליגסטער טאג פון יאהר, דער לעצטער טאג פון תשובה טאן, און ער איז א פארלארענער. ער ווייס גאנץ גוט, אז יום כפור איז מכפר בלויז אויף די זינד וואס א מענטש איז באגאנגען געגן ג־ט, אבער די זינד וואס א מענטש איז באגאנגען געגן א מענטשן איז יום כפור נישט מכפר, סיידן ער בעט יענעם איבער און מאכט גוט דעם פעלער, וואס ער איז באגאנגען. וואו אבער זאל ער נעהמען אזא גרויסע סומע געלט צו קענען אומקערן די גניבה וואס ער האט גע׳גנב׳עט?

☆

מיט יאהרן צוריק האט געהערשט די מאדע צו געבן א טאכטער נדן צו דער חתונה. א מיידל ביי ארימע עלטערן, האט זי געמעגט זיין געראטן און מיט אלע מעלות, אויב זי האט נישט געהאט קיין נדן, איז זי געבליבן א פארזעסענע ביז׳ן גרויען צאפ.

ר׳ זלמן דער קצב האט געהאט א איינציגע טאכטער, ער איז אבער געווען א גרויסער קבצן און קיין נדן נישט געקענט געבן. די מיידל איז אויך געווען נישט קיין געראטענע, האט ער באשלאסן אז ער וועט מקריב זיין אלץ וואס ער פארמאגט. ער וועט פארקויפן זיין קליין הייזקע, וואס איז ביי איהם געווען כמעט ווי א הייליגטום, ווייל די הייזקע האט באלאנגט צו זיין עלטער־זיידן, אבי צו קענען חתונה מאכן זיין טאכטער.

מיט א פארביטערט הארץ איז ער אוועק צו ר׳ יואל חלפן (א געלט

וועקסלער) וועלכער האט אויך געהאנדלט מיט הייזער, כדי צו הערן וויפל ער וועט איהם געבן פאר זיין קליינער הייזקע, וואס איז באשטאנען פון צוויי צימערן מיט א קיך.

ער האט עטליכע מאל אנגעקלאפט אין דער טיר פון ר׳ שלמה חלפנ׳ס אפיס און ער האט נישט געהערט קיין ענטפער, האט ער א עפן געטאן די טיר.

צו זיין גרויס איבערראשונג האט ער דארט קיינעם נישט געפונען, און דער שליסל פון דער אייזערנער קאסע איז געלעגן אויפן שרייב־טיש.

אזוי ווי ער וואלט פון שטן געטריבן געווארן, האט ער געעפנט די קאסע, און פאר זיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט אזעלכעס, וואס ער האט דאס אין זיין לעבן נישט געזעהן, אין דער קאסע איז געשטאנען א טיפע שיסל מיט גאלדענע מטבעות. נישט קלעהרנדיג קיין סך האט ער אנגענומען צוויי פולע הענד מיט גאלד, איינגעבונדן אין זיין נאז טיכל, צוריק פארשלאסן די קאסע און אוועקגעלייגט צוריק דעם קאסע שליסל אויפן שרייב־טיש. ער איז פון קיינעם נישט באמערקט געווארן, נישט אריינקומענדיג און נישט ארויסגייענדיג.

☆

שפעט פארנאכט. דער עולם שטעהט אנגעטאן אין די טליתים און זאגט ״תפילה זכה״ — די תפילה פאר כל נדרי. נאר ער, זלמן קצב, זיצט אין א ווינקל א פארטרויערטער און א פארשעמטער. ער קוקט אויף אלעמען מיט שטארע בליקן, אזוי ווי ער וואלט אלעמען מקנא געוועןן, וואס זיי קענען אויסגיסן זייער הארץ פאר ג־ט, און ער קען דאס נישט. ער ווייסט דאך, אז וויפל ער זאל בעטן ביי ג־ט פאר א סליחה, מחילה און כפרה וועט עס נישט העלפן, ביז וואנען ער וועט נישט אפצאלן וואס ער האט גע׳גנב׳עט.

ער האט זיך געפיהלט ווי א פארברעכער אין א געריכט, וויסנדיג אויף זיכער, אז אלע טענות און ארגומענטן פון זיין פארטיידיגער וועט נישט

העלפן, און מען וועט איהם געפינען שולדיג און פאראורטיילן. זיין געוויסן האט איהם געפלאגט אן א אויפהער.

נאך מעריב האט דער שמש פון שוהל אויסגערופן, אז ר׳ פנחס, דער ווארשעווער מגיד, וועט פארבלייבן א גאנצע נאכט אין שוהל, און ער וועט מיט׳ן עולם לערנען "הלכות תשובה", די וועגן און מיטלען ווי אזוי תשובה צו טהאן.

דער מגיד האט פאר׳ן עולם צוהערער ערקלערט דעם אונטערשייד צווישן די עבירות פון בין "אדם למקום" און די עבירות פון "בין אדם לחבירו". צום סוף האט ער פארענדיגט: קיין איד, עס מאכט נישט אויס וויפל ער האט געזינדיגט, און געגן וועמען ער האט געזינדיגט, זאל נישט אריינפאלן אין א יאוש און ווערן פארצווייפלט, ווייל אויף יעדער עבירה איז פאראן א וועג ווי אזוי תשובה צו טאן. דער מדרש זאגט: "פתחו לי פתח כחודה של מחט, ואני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרוניות נכנסות בהן". דאס מיינט: אויב א מענטש עפנט בלויז א שפעלטל פון תשובה טאן, אפילו אזוי דין ווי א שפיץ פון א נאדל, עפנט ג־ט פאר איהם ברייטע טויערן, וואו גרויסע לאסט וועגענער קענען דורכגעהן. (מדרש שיר השירים ה).

ווען ר׳ זלמן קצב האט געהערט די לעצטע ווערטער פונ׳ם מגיד, האט זיך פאר איהם געעפנט א קוואל פון האפנונג. אין די הייליגע ספרים מוז זיך געוויס געפינען א תשובה פאר מיינע זינד — האט ער ביי זיך געטראכט.

נאך האלבע נאכט ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען אהיים שלאפן, האט ער געפרעגט דעם מגיד — וואס זאל טהון א מענטש, וואס האט ביי איימיצן עפעס צוגע׳גנבעט, אבער ער איז נישט אומשטאנד די גניבה אומצוקעהרן. איז פאר איהם פערהאן א וועג תשובה צו טהון?

— דער איינציגער וועג וואס איז פערהאן — האט דער מגיד איהם געענטפערט — איז, אז דער גנב זאל דערציילן דעם גאנצן אמת און זיך מתודה זיין פאר דעם מענטש, ביי וועמען ער האט גע׳גנב׳עט און ביי

איהם בעטן זיין פארגעבונג, און אויב יענער וועט איהם מוחל זיין מיטן גאנצן הארצן, איז עס גלייך ווי ער האט אומגעקערט די גנבה.

☆

יום כפור פארנאכט. די זונען שטראלן זענען געשטאנען אויף די שפיץ בוימער. אין שוהל הויבט אן צו ווערן טונקל. איידער מען האט אנגעהויבן דאוונען די לעצטע תפלה פון טאג, די תפלת נעילה, איז ר׳ זלמן דער קצב צוגעגאנגען צו ר׳ יואל דעם חלפן און הכנעה׳דיג געזאגט:

— שענקט מיר עטליכע מינוט צייט, איך מוז מיט אייך עפעס רעדן איידער עס ווערט צו שפעט, איידער עס ווערן פערמאכט אלע טויערן פון תשובה.

ער האט דערביי אויסגעבראכן אין א געוויין צוגעבנדיג:

— איך האב קעגן אייך געזינדיגט. איך בעט אייך, ר׳ יואל, זייט מיר מוחל!...

— איך פארשטעה נישט וואס איהר רעדט צו מיר, ר׳ זלמן! מיט וואס האט איהר קעגן מיר געזינדיגט אז איך זאל אייך דארפן מוחל זיין? — האט ר׳ יואל חלפן געפרעגט א ערשטוינטער.

— איך בין א גנב! איך האב אייך בעגנבעט! — האט ר׳ זלמן געענטפערט מיט א איינגעבויגענעם קאפ און פארוויינטע אויגן — מיט פינף מאנאט צוריק, בין איך געקומען צו אייך אין קאנטאר, אייך צו פארקויפן מיין קליינע הויז, כדי צו האבן מיט וואס חתונה צו מאכן מיין איינציגע טאכטער, אריינקומענדיג אין קאנטאר, איז דארט קיינער נישט געוועזן, און זעהענדיג אז דער קאסע שליסל ליגט אויפן שרייב־טיש, איז מיר באפאלן א שלעכטער גייסט. איך האב די קאסע אויפגעשלאסן און ארויסגענומען די סומע פון טויזנט פראנק אין געלד. איך בעט אייך ר׳ יואל, זייט מיר מוחל, און גלייך נאך יו״כ וועל איך קומען צו אייך אין הויז, און אייך געבן א משכנתא אויף מיין הויז ביז ג־ט וועט מיר העלפן און איך וועל האבן די מעגליכקייט אפצוצאלן די געלד וואס איך בין אייך שולדיג.

ר׳ יואל האט א קורצע ווײלע געשוויגן, דערנאך האט ער זיך אנגערופן צו ר׳ זלמנ׳ען:

— זאגט מיר דעם אמת, ר׳ זלמן, וואס האט איהר געטהון מיטן געלד? איז נאך די געלד אדער א טייל פון די געלד ביי אייך אין האנד!

— איך האב די גאנצע סומע, די טויזנט פראנק, אוועקגעגעבן פאר נדן צו מיין טאכטער.

— האט שוין אייער טאכטער חתונה געהאט? האט איהר באקומען א גוטן איידעם? — האט ר׳ יואל מיט א פריינדליכע שטימע געפרעגט.

— די חתונה איז פארגעקומען שבת נחמו. מיין איידעם איז א תלמיד חכם, א ישיבה מאן, ערשט דא נישט לאנג, פאר שבועות איז ער אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

ר׳ יואל האט אנגענומען ר׳ זלמנ׳ס האנד מיט גרויס פריינדשאפט און צו איהם געזאגט:

— ערשטנס ווינטש איך אייך א הארציגן מזל טוב, איהר זאלט פון אייער טאכטער און איידעם דערלעבן פיהל אידיש נחת. און צווייטנס בין איך אייך מוחל במחילה גמורה. איך פארגיב אייך מיטן גאנצן הארצן, פון מיין זייט וויל איך געבן א געשאנק פאר אייער טאכטער. איך בין זייער צופרידן און גליקליך, אז מיט מיין געלד האב איך מקיים געווען די מצוה פון הכנסת כלה.

ר׳ זלמן איז געבליבן שטעהן געפלעפט און ער האט כליפנדיג אויסגעשריען:

— ר׳ יואל, איהר זענט א מלאך!...

— איך בין נישט קיין מלאך — האט ר׳ יואל געענטפערט — איך בין דער זעלבער מענטש ווי איהר, איהר זענט א איד און איך בין א איד, צווישן די פיהל גוטע מידות וואס מיר אידן פארמאגן, פארנעמען די צוויי ענינים פון ״תשובה״ און ״מחילה״ גאר א הויכן ארט ביים רבונו של עולם

און מירביידע, איך און איהר, האבן די דאזיגע צוויי ענינים באוויזן אויסצופיהרן אין דער פוהלע מאס, דערפאר וועט אונז ג־ט געבן א גמר טוב און א גוט געבענטשט יאהר...

וחותם יד כל אדם בו...

די וועלט זאגט: דעריבער שלאגט מען זיך ביי "על חטא" און ביי "אשמנו" אין הארץ אריין, ווייל די הענד זענען דאך די עדות פון דעם מענטשנ׳ס זינד, זיי חתמענען זיך דאך אונטער אין דעם הימלישן בוך ביי אלע געטהוענע עבירות, און דער דין איז: "יד העדים תהי׳ בו בראשונה" (דברים יז. ז.), אז די עדות האבן דעם פערשטיינטן, דעם זינדיגער געדארפט געבן די ערשטע קלעפ...

א גאנצן טאג

דער ווארקער רבי זצ״ל האט געפרעגט:

פארוואס באלד ביי מעריב נאך נעילה, קלאפט מען זיך שוין אין הארצן אריין "סלח לנו אבינו כי חטאנו"? וואס פאר א זינד האט מען דען געקענט טהון פון נעילה ביז צו שמונה עשרה פון מעריב?

— נאר מיר בעטן ביים רבונו של עולם, ער זאל אונז מוחל זיין, וואס צוליב אונזערע זינד פון א גאנץ יאהר האבן מיר געמוזט א גאנצן יום־כיפור איהם בעטן אויף מחילת עוונות...

יום כ־פורים

דער זוהר הקדוש זאגט: אז יום כפור איז "יום כפורים" אזא טאג ווי "פורים" איז דאך געדרונגען אז פורים איז נאך גרעסער ווי יום כיפור.

נאר אין יום כיפור פייניגט מען דעם גוף, דאגעגן פורים פייניגט מען דעם דעת (חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע וגו׳) און פייניגן דעם דעת איז טאקע גרעסער ווי פייניגן דעם גוף.

(רבי ר׳ בונם מפשיסכא זצ״ל)

מודה אני לפניך...

די אלול׳דיגע טעג האבן זיך שטארק אנגעזעהן אויף די גאסן פונ׳ם שטעדטל. דאכט זיך דער זעלבער מארק, די זעלבע קונים, די זעלבע אידן דרייען זיך ארום די פויערים, אבער דא, גוט צוקוקנדיג זיך, איז עס נישט דער זעלבער איד פון א גאנץ יאהר. מען גייט געלאסן, עס פעהלט דער ברען, די שנעלקייט, יעדערער רעדט בתמימות, מען יאגט זיך נישט. — די געוויינליכע קללות און שבועות, וועלכע טראגן זיך מעהרסטנס פונ׳ם פיש מארק זיינען אויף פארשטילט געווארן, מען האלט זיך אפ, מען פיהלט אז עס איז אלול אין דרויסן — דער יום הדין איז נאהנט, ווען דער אלמעכטיגער ג־ט זעצט זיך אויף דעם כסא הדין צו משפט׳ן זיינע באשעפענישן אויף דער ערד.

נאך מעהר אבער האט מען געפיהלט דעם אנקומענדיגן יום הדין אין אלטן בית המדרש. דער גמרא ניגון וואס טראגט זיך פון דארט א גאנץ יאהר איז מעהר אומעטיגער, די פרושים וואס זיצן דארט שטענדיג איבער דער גמרא און לערנען הויך אויף א קול, זיינען מעהר פארטראכט און אויך דער גרייז גרויער רב, דער מרא דאתרא פונ׳ם שטעדטל, זאמט זיך יעצט מעהר אין שוהל ווי א גאנץ יאהר, זיצט איבער די גמרא ״ראש השנה״ אדער איבער א מוסר־ספר און א טיפער קרעכץ טראגט זיך ארויס פון זיין נשמה. אידן נויטיגן זיך אין ישועות און רפואות. די תלמוד תורה קינדערלאך גייען אפגעריסן. דער הקדש נויטיגט זיך אין א נייעם דאך. א סך, א סך איז דא צו בעטן ביים רבונו של עולם: אבער דער זכות איז קליין, די מצוות וואס מען האט געטהאן א גאנץ יאהר זיינען נישט גענוג זיי זאלן מליץ טוב זיין.

ערב ראש השנה איז דער רב פארבליבן אין שוהל ביז שפעט נאך מעריב. ער וועט שוין ווארטן ביז אידן וועלן קומען צו ״זכור ברית״. די

ליכט זיינען געווען אויסגעלאשן. בלויז אויף דעם רב׳ס סטענדער האט געצאנקט א חלב־ליכטל. דאס פייערל האט געטאנצט, און ווערט עס העכער און און פאלט עס אין אונמאכט, לאנגע שאטנס זיינען געווען אויסגעשפרייט איבערן בית המדרש, א טויטע שטילקייט האט אנגעפילט דעם חלל פון בית מדרש, בלויז דאס שנארכן פון ר׳ לייב דעם פרוש, וועלכער איז געלעגן הינטער דעם אויון, פלעגט דורכרייסן די שטילקייט פון צייט צו צייט.

א שרעקליכער אומעט האט אויף ארומגעכאפט דעם רב. ווען ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן פונ׳ם ספר און האט א קוק געטהון אויף די שאטנס וועלכע האבן ארומגעוואנדערט אויף דער פאדלאגע אזוי ווי א שדים־טאנץ, איז א ציטער דורכגעגאנגען דורך זיין לייב — ״אדם דואג על אבוד דמיו, ואינו דואג על אבוד ימיו״ — האט דער רב אנגעפאנגען אויף א קול, צו צעטרייבן דעם אומעט. פלוצלונג: טיק־טאק! עפעס א קלאפ אין דער טיר האט זיך דערהערט. מסתמא דער ווינט, טראכט זיך דער רב און לערנט ווייטער. דאס קלאפן ווערט שטארקער. ״רבי, עפנט!״ — הערט דער רב א פארשטיקט קול. מסתמא איז אימיצער אין נויט, געקומען איינרייסן אין ארון קודש. דער רב האט זיך אויפגעהויבן, מיט געלאסענע טריט איז ער געגאנגען צו דער טיר.

— ״האט רחמנות! — בעט זיך דאס קול הינטער דער טיר.

— יא, יא, מיין קינד — ענטפערט דער רב און עפנט די טיר.

דער רב האט פאר זיך דערזעהן א פויער אנגעטאן אין א זאק׳ענעם ראק מיט א פאר לייוונטענע הויזן. פון אנפאנג האט דער רב זיך אביסל דערשראקן פאר איהם. אבער דערזעהענדיג זיין פארוויינט פנים און זיין אונטערטעניגקייט, האט ער באשלאסן: ניין, דאס איז נישט קיין געוויינליכער פויער. זיינע אויגן דערצעהלן אז א טרויעריגע פאסירונג איז מיט איהם פארגעקומען און ער בעט יעצט מען זאל איהם העלפן.

— רבי, איך א איד — האט אויסגערעדט דער פויער, וועלכער האט קוים געקראגן מוט. — יא, מיין טאטע געווען א איד, מיין מאמע געווען

א איד. אט מיר געוואוינט ווייט פון אידן. בלויז ראש השנה און יום כפור מיר פלעגן קומען צו א מנין אין שטאדט, איך נאך א אינגל געווען. גאר נישט פארשטאנען, געהאלטן א רבי'ן פאר מיר — נור ווער לערנען וואס לערנען? נאר געוואלט זיין מיט די שקצים דארט אויפן פעלד. דער טאטע מיך געשלאגן, גע'הרג'עט, נו, בין איך אנטלאפן פון דער היים, ווייט ווייט אוועק, זיך אויסגעהאדעוועט ביי די גוים, געווען א פאסטוך ביי א רייכן "מוזשיק".

דער פויער האט זיך צעוויינט און נישט געקענט ווייטער דערציילן.

דער רב איז געשטאנען די גאנצע צייט, און האט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. ער האט דערזעהן פאר זיך א פארבלאנדזשעטע נשמה וועלכע זוכט א תיקון, א פארשטויסענער איד, וועלכער איז אבגעריסן פון זיין פאלק, און זוכט צוריק צו בעהעפטן זיך צו זיין גלויבן, וועלכן ער האט כמעט נישט געקענט.

דער רב האט איהם אנגענומען ביי דער האנט, אריינגעפירט אין בית מדרש, אוועקגעזעצט איהם אויף א באנק און געבעטן איהם ער זאל דערצעהלן ווייטער און זאגן וואס איז זיין בקשה.

— רבי, איך וויל ווערן צוריק א איד. איך פיהל ווי מיין "דושא" (נשמה) ווערט אין מיר "דערשטיקט". די בייגקעניש ווערט שטארקער ביי מיר פון טאג צו טאג, איבערהויפט ווען עס קומט פאר די "הייליגע טעג" און איך דערמאן זיך ווי מיר פלעגן פאהרן אין שטאדט, הויב איך אן וויינען, אבער ווי וויינען? ווען עס ווערט מיר שווער אויף'ן הארצן, דאוון איך. איך געדענק ווי מיין מאמע האט מיך געלערנט "מודה אני" — מעהר ווייס איך נישט. יעצט וויל איך ווערן צוריק א איד, איך וויל שטארבן צווישן אידן, ליגן אין א אידישן קבר.

דער רב האט זיך פארטראכט, זיינע אויגן זיינען געווען געווענדעט אויף דעם ארימען פויער, וועלכער האט פארדעקט זיין פנים און געכליפעט ווי א קליין קינד. ווער זאל עס וויסן, אז אט דער פויער פארמאגט אזא ריינע, כשר'ע נשמה. ער ווייס אז דער איד ווערט געיאגט,

ווערט געטריבן פון איין פלאץ צום צווייטן, אין דער צייט ווען דער גוי לעבט זיך גוט, זיצט אויף זיין פלאץ, און האט נישט קיין דאגות חיונה. נאר דער פונק אידישקייט וואס זיין מאמע האט ארייגעבלאזן אין איהם אין דער צייט וואס זי האט געזאגט מיט איהם "מודה אני", אט דער פונק האט זיך צוברענט און געווארן א גרויסער פלאם, וועלכער ברענט אין איהם און רופט איהם צוריק צו זיין פאלק.

— נו, מיר וועלן זעהן וואס מען קען טהון — האט דער רב געענטפערט.

דער רב האט איהם אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים. די רביצין האט אויסגעזוכט עטליכע אלטע בגדים. דער פויער האט זיך אנגעטהאן און צוריק אוועק אין בית מדרש. דער רב האט איבערגעלאזן דעם גאנצן ענין ביז נאך יום טוב און פארלויפיג איז דער בעל תשובה פארבליבן ביי איהם איבער יום טוב.

☆

יום כפור. די שוהל איז געפאקט מיט מענטשן, אידן אנגעטאן אין ווייסע קיטלען מיט די טליתים איבער די קעפ, יעדער איינער איז אריבערגעבויגן איבער'ן מחזור, זאגט די תפילות מיט כוונה. די לופט איז שטיקנדיג, עס טראגט זיך א ריח פון געשמאלצענעם חלב, פון די פיהל ליכט וואס ברענען אין שוהל. יעדער איינער איז ווייט פארטראגן, געפינט זיך ווייט פון דער ערד, רעדט מיט'ן רבונו של עולם, בעט פאר זיך, פאר זיין ווייב און קינדער א גוט יאהר. יעדער איינער שטעהט מיט א געלאדן הארץ... עס איז דא אזוי פיהל צו בעטן... און אט באלד געהט אוועק דער טאג... די טויערן וועלן ווערן פארשלאסן און עס וועט זיין חלילה צו שפעט.

אט האלט מען שוין ביים "ונתנה תוקף" וואו עס ווערט געשילדערט ווי אזוי יעדערנס צוקונפט פאר דעם קומענדן יאהר ווערט פארשריבן. א ציטער נעמט דורך יעדן'ס לייב, און די זינד וואס מען האט געטהון שטייען פאר די אויגן. יעדער האט חרטה, טהוט תשובה מיט'ן גאנצן הארצן, און בעט אז ג־ט זאל איהם מוחל זיין.

די לופט ווערט נאך מעהר שטיקנד. א שווערקייט פרעסט יעדן׳ס הארץ. די שול ווערט פול מיט קולות אויסגעמישט מיט געוויין, און יעדער זאגט ״ונתנה תוקף קדושת היום״ — ״כי הוא נורא ואיום״...

די קולות, דאס געוויין, דעם חזנ׳ס טרויעריגער ניגון האט ארומגעכאפט דעם פויער וועלכער איז געקומען צוריקקערן זיך צום אידישן גלויבן און איז געזעסן די גאנצע צייט הינטערן אויוון און געזאגט ״מודה אני״ — די איינציגע תפלה וואס ער האט געקענט.

אט לויפט איהם דורך זיין גאנצע פארגאנגנהייט — בילדער וועלכע זיינען שוין לאנג אפגעשטארבן, שטייען אויף פריש פון זייערע קברים און ריידן צו איהם מיט א מענטשליכן קול... אט זעהט ער ווי מיט יאהרן צוריק, נאך דאן ווען ער איז א קליין קינד געווען — פרייטאג פארנאכט... די מאמע האט שוין פאררוקט דעם טשאלנט, אין הויז שמעקט די שבת׳דיגע מאכלים, די פאדלאגע אויסגעשאטן מיט זאמד. ער וואשט זיך ארום די בלאטיגע פיס. די מאמע שרייט אויף איהם ער זאל נישט אנגיסן אויף דער פאדלאגע, ער פאלגט דער מאמען, ער איז זעהר פארזיכטיג, אויפ׳ן טיש ליגט א ווייסער טישטוך, צוויי חלות איבערגעדעקט מיט א חלה טישטוכל, וואס איז נאך פארבליבן בירושה פון דער באבע׳ן. די ליכט אריינגעשטעקט אין די לייכטער, ווארטן מען זאל זיי אנצינדן.

אויך דער טאטע איז געקומען. מיד אנגעהארעוועט זיך א גאנצן טאג. הייסט איהם געהן אויסשפאנען דעם פערד און אריינטרייבן די קיה, וועלכע זיינען געקומען פון פעלד. ער טהוט די ארבעט שנעל, באלד פארגעהט די זון און עס וועט ווערן שבת.

ווען ער קומט אריין אין שטוב שטעהט שוין די מאמע מיט א פרום פנים, די הענט אויסגעשפרייט איבער די ליכט און מאכט די ברכה. דערנאך זאגט זי גוט שבת, טהוט א קוש שרה׳לען און דערנאך איהם...

צום לערנען אבער האט ער קיין חשק נישט געהאט. זיך בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען דעם ״אלף בית״. דער טאטע האט געשריען און געשלאגן, די מאמע פלעגט זיך אננעמען, און אט שטעהט זי דאכט זיך

פאר איהם מיט א געל פנים — א פאר טרערן הענגען אין איהרע אויגן אזוי ווי פארגליווערט און זי בעט זיך ביי איהם: מיין זוהן, צוליב דיר דארף איך זיין אין גיהנום, צוליב דיר האב איך קיין מנוחה נישט אויף יענער וועלט...

אט די אלע טרויעריגע מחשבות, די אלע בילדער האבן זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם הארצרייסנדן ניגון פון חזן, וועלכער איז געשטאנען ביים עמוד און האט געבעטן פאר זיין פאלק.

ער וויל אויך תפילה טהון, ער פיהלט ווי א שווערע משא ליגט איהם אויף׳ן הארצן. ער קען נישט אטעמען און מיט האסט איז ער צוגעלאפן צום חזן נעבן עמוד, אנידערגעפאלן ביים ארון קודש און אויסגעשריען: ״מודה אני לפניך״ — די איינציגע תפלה וואס ער האט געקענט. מיט׳ן פנים האט ער געגראבן דעם דיל ביז ער איז געפאלן אין אונמאכט.

אידן זיינען צוגעלאפן, אין שוהל איז געווארן א רעש: דער רב האט זיי אלעמען בארוהיגט. — ״אידן, מיר האבן נישט דערגרייכט צו דער מדריגה וואס ער האט דערגרייכט״. ״במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד״. ער איז א צדיק גמור, א מענטש וועלכער האט חרטה אויף זיינע עונות בלב ונפש.

דער רב האט איהם אויפגעהויבן.

— ג־ט האט דיר מוחל געווען — ביזט צוריק א איד.

— איז דאס אמת, רבי?

ער האט געדריקט דעם רב׳ס האנד און הייסע טרערן האבן זיך געקייקלט איבער זיינע איינגעפאלענע באקן.

ער איז שוין געבליבן ביי אידן און געווארן א שומר תורה ומצוות. געזעסן אין בית מדרש טאג און נאכט און געהארעוועט אין לערנען ביז וואנען ער איז געווארן א יודע ספר, א גאנץ פיינער תלמיד חכם. עס איז נישט געווען צו גלויבן דאס ער איז אמאל געווען א פערגרעבטער פויער. אזוי האט די תורה אויסגעאיידלט זיין געשטאלט און עס פאראידישט.

א רפואה שלמה

ווען דער גאון ר׳ אליעזר זוסמן סופר זצ״ל איז געווארן רב אין דער שטאדט האלאש, האבן זיך געפונען אין שטאדט און אין דעם ארומיגן קרייז אזוינע אידן וועלכע זענען אראפ פון גלייכן וועג, און א טייל פון זיי זענען געווען מחללי שבתות, דער נייער רב האט געהאט פיהל ארבעט, אויסער צו מדריך זיין דעם גאנצן עולם ווי זיך צו פיהרן אויפן דרך התורה, אויך צו שטעהן אין א שטענדיגן קאמף מיט די דאזיגע פורקי עול, ווען ער האט געזוכט מיט אלע וועגן זיי צוריק ארויפפיהרן אויפן גלייכן וועג און זיי מחזיר בתשובה זיין.

נישט אזוי לייכט איז געווען די ארבעט, זייער פיהל אנשטרענגונג און מיה האט געפאדערט כדי צו קענען קעמפן מיט די פארבלאנדזשעטע. נישט איינמאל האט דער קאמף געברענגט צו גרויסע געפאהרן, וועלכע האט אפגעשראקן אפילו די שטארקערע, אבער ר׳ זוסמאן האט זיך פאר קיין זאך נישט אפגעהאלטן און כאטש עס האט איהם געקאסט פיהל געזונד האט ער געפיהרט דעם קאמף ווי א לייב און פיהל מאל געזעהן גרויס הצלחה.

און אט האט געטראפן און איינער א יונגער בחור וואס האט געוואוינט אין האלאש׳ער קרייז, א זוהן פון א רייכע פאמיליע, איז אוועקגעפאהרן שטודירן אין בודאפעסטער אוניווערזיטעט. פארשטעהט זיך אז געפינענדיג זיך צווישן פושעים און פורקי עול, איז אויך דער בחור געווארן דאס זעלבע און קומענדיג אהיים פון אוניווערזיטעט, א שטודירטער און א דיפלאמירטער, איז ער ארומגעגאנגען שבת איבערן גאס רויכערנדיג ציגארעטן, כדי צו בעווייזן זיין ״גרויסקייט״ אז ער פרעגט נישט נאך קיינעם.

דער רב האט איהם אויסגעמוסרט און פרובירט צו רעדן מיט איהם מיט גוטנס און מיט בייזנס, אבער אן ערפאלג.

ערב יום כפור איז געווען דער מנהג אין אונגארן אז מען האט אריינגעשיקט פאר דער רב א סומע געלד אלס געשאנק, און דער דאזיגער בחור ווענדיג בעווייזן זיין גרויסקייט, האט איהם אריינגעשיקט פופציג גאלדענע מטבעות. דער רב, וועלכער האט קיינמאל נישט געוואלט מקבל זיין א טובת הנאה פון א נישט עהרליכן אידן, האט אויך יעצט נישט אנגענומען דעם געשאנק און עס צוריק געשיקט.

ביי נאכט, צו כל נדרי, איז דער בחור געקומען אין שוהל אויסגעפוצט מיט גלאנציגע לאקענע שיך, כדי צו בעווייזן אז ער פרעגט נישט נאך קיינעם און אויך כדי צו דערצערענען דעם רב. ר' זוסמן האט איהם געבעטן ער זאל אויסטאן די שיך און נישט פארשוועכן דעם הייליגן ארט מיט חילול יום טוב. ער האט אבער געלאכט דעם רב אין פנים אריין. דאן האט דער רב באפוילן דעם שמש ער זאל איהם ארויסנעמען פון שוהל.

מיט גרויס כעס איז דער בחור אוועק צום בירגערמייסטער און דערלאנגט א מסירה קעגן דעם רב, אזוי ווי ער רודפט די אידן וועלכע רעדן אין שפראך פון לאנד, ער איז איינער פון די פיינד פון לאנד און מיט זיינע וועגן איז ער זייער מסוכן פאר דער ענטוויקלונג פון לאנד א.ד.ג.

דער בירגערמייסטער, וועלכער האט געקענט דעם רב פערזענליך און געוואוסט פון זיין עהרליכקייט, האט געבעטן דעם בחור ער זאל זיך נישט נאריש מאכן און זיך נישט פארטשעפען מיטן רב. דער בחור האט אבער נישט געוואלט הערן דערפון און געפאדערט דורכאויס אפשיקן די מסירה קיין בודאפעסט אין די העכערע ספערן. דער בירגערמייסטער האט קיין ברירה נישט געהאט און אוועקגעשיקט די מסירה, ער האט אבער צוגעלעגט זיינעם א בריף וואו ער שטעלט פאר דעם רב אלס איינער פון די חשובסטע פערזענליכקייטן וועלכער איז אנגענומען ביי אלע קרייזן פון שטאדט.

דער בריוו פון בירגערמייסטער האט געווירקט און די מסירה איז אפגעשיקט געווארן אנצייכענענדיג אז דער רב איז ריין פון שולד.

דער בירגערמייסטער האט דאן דערצעהלט פארן רב וואס דער בחור האט געטהון, ער האט איהם אבער געווארנט אז ער זאל זיך שטארק היטן פאר דעם אויסווארף, ווייל ער וועט נישט רוהען ביז וואנען ער וועט נקמה נעמען אין איהם.

און ווירקליך איז טאקע אזוי געווען. דער בחור האט געזוכט א אדוואקאט וועלכער זאל זיך אונטערנעמען צו פיהרן דעם געריכט קעגן רב און אויב אין האלאש האט ער נישט געפונען קיין אויער, איז ער געפארן קיין פעסט און דארטן האט דער אדוואקאט אנגעגעבן א אפעלאציע קעגן דעם פריערדיגער אורטייל, אזוי, אז דער רב איז ארויסגעפאדערט געווארן דורך דעם בילדונג מיניסטער אויף א אויספארשונג. דער בירגערמייסטער פון האלאש איז אבער אויך נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט און אוועקגעשריבן פאר דעם מיניסטער דעם אמת וואס דער רב איז און אין וואס זיין גרויסקייט באשטעהט.

דער סוף איז געווען אז דער רב איז ארויס אומשולדיג, עס האט איהם אבער געקאסט צייט און געזונד און ער האט געהאט קפידה פון די ביטול תורה וואס ער האט געליטן דערפון. באלד נאכדעם איז דער מסור קראנק געווארן און די דאקטוירים האבן איהם ענטזאגט פון לעבן. זעהענדיג זיין צושטאנד, האט ער געשיקט צום רב ער זאל איהם קומען בעזוכן. די ראשי הקהל האבן אבער נישט צוגעלאזן דער רב זאל געהן צום קראנקן. די מוטער פון קראנקן איז אבער געקומען צום רב מיט א יאמערליכן געוויין אז דער קראנקער קען נישט אוועקגעהן פון דער וועלט סיידן ער זאל בעטן מחילה ביים רב, דאן איז דער רב געקומען צו איהם.

ווען דער רב איז צו איהם געקומען, האט דער קראנקער שטארק אנגעהויבן צו וויינען און געבעטן דעם רב מחילה, דאן וועט ער קענען שטארבן רוהיג.

דער רב האט איהם געזאגט, אז אויב ער זאגט איהם צו פון היינט אן זיך צו פיהרן ווי א ערליכער איד, ווינטשט ער איהם א רפואה שלימה און ער איז זיכער אז ער וועט געזונד ווערן.

און אזוי איז טאקע געווען, דער קראנקער איז געזונד געווארן סיי פיזיש סיי גייסטיג, ער איז געווארן א בעל תשובה און שפעטער איז ער געווען פון די חשובע אנפיהרער פון דער האלאשער קהלה.

נישט קיין זינד

ככתוב על יד נביאך בימים ההם ובעת ההיא נאום ד׳ יבוקש את עון ישראל ואיננו... (ירמי׳ נ, ב).

האט רבי משה קאברינער געפרעגט: דער דאזיגער פסוק וועלכער בעציהט זיך אויף ימות המשיח, איז דאך אין סתירה צו די פערשידענע מאמרי חז״ל, אין וועלכע עס ווערט געזאגט, אז ״בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי וכו׳ ויראי חטא ימאסו והאמת תהא נעדרת וכו׳״ (סוטה מ״ט)?

— נאר — האט ער דערויף געענטפערט — דער פשט איז: עס וועט דאמאלס זיין אזא פערדארבענע צייט, אז ״יבוקש את עון ישראל ואיננו״, מען וועט מעהר נישט געפינען ביי קיינעם קיין חטאים, מען וועט אלץ מעגן, אלץ וועט זיין ערלויבט, מען וועט קענען אבטהון אלדאס בייז און בלייבן א שענער איד...

די קשיא פון רב החובל

יום־כפור נאך מנחה, האט איינמאל רבי מאיר׳ל פרימישלאנער צוגערופן צו זיך א יונגנמאן, וועלכער האט אלעמען איבערגעיאגט מיט׳ן פרייז און געקויפט מפטיר יונה, און איהם א פרעג געטהון:

— נו, יונגערמאן, האסטו שוין עפעס א ענטפער אויפ׳ן רב־החובל׳ס קשיא?

דער יונגערמאן בלייבט שטעהן א מבולבל׳דיגער: וועלכע קשיא?

— מען האט דיר איצט פארגעלייענט די׳ קשיא, וואס דער רב החובל האט געפרעגט יונה׳ן: ״מה לך נרדם?״ — וואס שלאפסטו? — ״קום קרא אל אלקיך״!...

די "קנאה" פון בארדיטשובער רב

עשרת ימי תשובה אין בארדיטשוב. עס איז צו דערקענען די פארכטיגע טעג אין די גאסן פון שטאט. אין די פארטאג'ס, ווען עס בלאזט א קיהלער תשרי־ווינטל, יאגן זיך די מענטשן אין שוהל צו די לאנגע סליחות. אלע, אפילו די "עמך"־אידן, פשוטע בעלי מלאכות און קליין־הענדלערס, האבן ארייגעזאפט אין זיך די ימים־נוראים־לופט, און דאס לאזט זיך דערקענען אין זייער רעדן און גאנג. נאכן דאווענען יאגט מען זיך נישט פון שוהל. דער זאגט א "יום" תהילים, דער א פרק משניות און דער דאוונט בכלל לענגער; יעדערער גרייט זיך צום יום־הדין און טהוט לויט זיינע מעגליכקייטן.

עס איז נישט קיין וואונדער. די איינוואוינער האבן דאך די זכיה אז זייער רב איז נישט קיין אנדערער ווי דער צדיק רבי לוי יצחק, דער וואס איז באוואוסט אין די גאנצע וועלט מיט זיין דביקות אין באשעפער, מיט זיין פייערדיגע ליבשאפט צו די תורה און מצוות, מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און שטענדיגע סנגוריה אויפן כלל ישראל.

ווען אזא הייליגער מענטש געפינט זיך אין שטאט, ווי ווייט קען שוין דערגרייכן אפילו זיין אונדירעקטע השפעה אויף די מאסן, בלויז ווען מ'זעהט איהם נאר געהן און מען זעהט זיין פנים ווי עס שיינט מיט א העכערע ליכט און ווי פון זיינע אויגן שפיגלט זיך אפ קדושה וטהרה.

האט טאקע בארדיטשוב זיך געקענט גרויס האלטן מיט איהר באליבטן רב, דער גרויסער צדיק און מליץ־יושר.

געוויינלאך איז נישטא קיין פעלד אן דערנער. אויך אין בארדיטשוב האבן זיך געפונען אזעלכע עקשנים־טפשים וועלכע האבן נישט געלאזט אז די ליכט־שטראלן פון דעם בארדיטשובער צדיק זאלן ארייגדרינגען אין

זייער נשמה, און זיי זענען געבליבן ביי זייער אפגעריסנקייט פון אידישן פאלק.

מיט אט אזא טיפ האט זיך אמאל באגעגנט דער בארדיטשובער רב אין די עשרת ימי תשובה. געגאנגען זענען זיי ביידע אין איין גאס און די בליקן האבן זיך צוזאמענגעשטויסן. יענער איז געווען א פארברעכער מיט א פוהלן פאק עבירות. דער צדיק האט איהם אבער נישט אנגעקוקט מיט א צארן־בליק. אדרבה, אט ווייזט זיך גאר א שמייכל אויף זיינע ליפן און ער ווענדעט זיך צו איהם מיט ווייכע רייד:

— מיין טייערער איד! איך בין דיר זייער שטארק מקנא! — — —

יענער האט זיך אפגעשטעלט און ערשטוינט געווארן צו הערן אזעלכע רייד. דער צדיק, דער גרויסער רבי וואס טויזנטער אידן שטראמען צו איהם, דער מנהיג ישראל איז גאר מקנא אין דעם וואס מען לויפט נאך שרייענדיג: רשע!... מאכט ער גאר חוזק פון איהם? עס קען נישט זיין, רבי לוי יצחק מאכט נישט קיין חוזק... ער מוז איהם פרעגן וואס ער מיינט מיט זיינע רייד: וואס זאגט איהר? איהר זענט מיר מקנא, מיר דעם גרויסן רשע? — — —

— יא, יא, איך בין דיר מקנא, דו, וואס דו ביזט פוהל מיט עבירות! די הייליגע חכמים זאגן, אז ווען איינער טהוט תשובה מאהבה צו השי״ת, ווערן איבערגעקערט זיינע עבירות פאר מצוות; אלזא, אזא איינער ווי דו וואס דו ביזט פוהל מיט עבירות, ווען דו טהוסט תשובה מיט אהבה, פון טיפעניש פון הארץ מיט א אמת — ווערסטו דאך רייך מיט מצוות, ווערסט פשוט א צדיק, בין איך דיר מקנא מיין טייערער. טהו תשובה וואס גיכער! האסט א געלעגנהייט אין די הייליגע פארכטיגע טעג. קענסט ווערן א גרויסער צדיק — — —

יענער האט זיך פארטראכט... וואס רעדט מיט איהם דער רבי אזעלכע מאדנע רייד!... אין הארץ גיט איהם עפעס א טיאכקע, ער שפירט א דינעם שטאך... אפשר איז טאקע א פלאן אפצולאזן די שלעכטע מעשים און זיך אומקערן צום מקור...

צו איינגעווארצלט איז ער געווען אין זיינע עבירות. ער פאסט מוהט און א טריפה׳ער געלעכטערל שפארט ארויס פון איהם און ער רופט זיך אן צום צדיק מיט דרייסטקייט:

— אויב עס איז יא אזוי, וואס דארף איך יעצט תשובה טהון! עס איז מיר דאך בעסער איך זאל דערווייל געהן אין מיין וועג, און מיינע עבירות וועלן שטייגן, נאכער וועל איך תשובה טהון — וועל איך דאך ווערן גאר א גרויסער צדיק מיט גאנצע פעק מצוות — —

דער בארדיטשובער לאזט אבער נישט אפ, ער פרובט ווידער צו בייגן דעם רשע צו תשובה, און לאזט זיך אריין אין א שמועס מיט איהם:

— יא מיין טייערער פריינד, עס איז דא נאך א ווארט וואס די חכמים זאגן אונז. ווען איינער זאגט "אחטא ואשוב אחטא ואשוב — אין מספיקין בידו לעשות תשובה". איך וועל זינדיגן און תשובה טהון, זינדיגן און תשובה טהון — לאזט מען איהם נישט תשובה טהון! יעצט קענסטו נאך אריינכאפן און פארדינען מיט דיין תשובה; ווען דו נעמסט שוין אריין אין קאפ אזא געדאנק אז דו וועסט זינדיגן אויף דעם חשבון פון א שפעטערדיגע תשובה — וועט מען דיר שוין נישט לאזן תשובה טהון! דער בעל-תשובה מוז זיך סיי ווי שטארקן אויף טויזנטער סארטן שוועריקייטן און אפהאלטונגען, און ווען מען שטערט נאך פון אויבן — ווי קען מען שוין תשובה טהון? אלזא, דו וועסט זינקען אין תהום פון דיינע עבירות און וועסט זיך קיינמאל נישט קענען ארויסדרעהען פון דארט; האב רחמנות אויף דיין נשמה! דו פארמאגסט א אוצר און דו ווארפסט עס אריין אין ים מיט דיינע אייגענע הענט; דו האס ביי זיך טויזנטער שטיינער וואס דו קענסט פארוואנדלען אין ברילייאנטן, און דו ווילסט דווקא בלייבן ביי דיינע שטיינער וואס וועלן דיר ענדליך אראפציהען ביז צום תהום פונ׳ם שאול-תחתית — — —

יענער האט זיך שוין ערנסטער פארטראכט, וואס טהוט מען... דער רבי נעמט איהם צו דעם קאפ, ער פארמאכט פאר איהם אלע טויערן... עס גלוסט איהם נאך זיינע הוללות און עבירות, און דער אלטער רבי שטערט איהם... עס איז אפשר יא א פלאן תשובה צו טהון, אבער נישט ערשט אין

סאמע ברען פון די יוגנט... מען קען עס אפלייגן אויף שפעטער, אין די עלטערע יאהרן... אבער עפעס דערלאזט נישט קיין מנוחה, ער זאגט אז דאן וועט מען שוין נישט לאזן תשובה טהון... וואס טהוט מען?...

צו "הילף" איז איהם געקומען א ווארט וואס געהט ארום אין שטאט טאקע אין נאמען פון רבי לוי־יצחק'ן און וואס האט דערגרייכט אפילו ביז צו זיינע אויערן, אט אויף דעם ווארט כאפט ער זיך אן און רופט זיך אן מיט א נצחון־שמייכל צום בארדיטשעווער:

— אבער מען זאגט דאך איבער פון אייער נאמען א אנדער טייטש אויף דעם וואס די חכמים זאגן "אין מספיקין בידו לעשות תשובה", איהר האט געטייטשט: "אין מספיקין", עס איז גאר קיין ספק נישט, אז "בידו לעשות תשובה" אז ער קען יא תשובה טהון! וועל איך טאקע ווידער זינדיגן און נאכער תשובה טהון שפעטער, איך האב נאך צייט, נאכער וועל איך ווערן א ריזיגער צדיק לויט אייערע רייד...

— יא מיין טייערער איד — זאגט איהם דער בארדיטשעווער צדיק מיטן זעלבן ליבלאכן שמייכל — ווען איינער שטריינגט זיך אן און שטארקט זיך איבער אלע כחות וואס שטערן איהם, ווירקט טאקע די תשובה; ווילסטו זיך הייסט עס פארלאזן אויף דעם און דערוויל פארזעצן דיינע עבירות און נאכער תשובה טהון — טהוסטו זעהר נישט גוט. ערשטנס, איז עס זעהר ווייט אז נאך אזויפיל זינדיגן און זינקען אין אפגרונד זאלסטו ארויסגעהן מיט א תשובה פון אהבה, דערצו דארף מען פארמאגן גאנץ העכערע באגריפן צו פארשטיין אזא העכערע תשובה. צווייטנס, מיט ווער האסטו עס געמאכט א קאנטראקט וויפיל לעבנס־יאהרן עס שטעהען פאר דיר! ביזטו זיכער אפילו אויף מארגן וואס דו גרייטסט זיך אזוי ברייט צו זינדיגן און דערנאך תשובה טהון? — — —

איך זאג דיר ווידער, כאפ אריין און טהו תשובה פון אהבת ה׳, נישט בלויז צוליב מורא פאר די ביטערע גהינום־שטראפן, נאר ווייל דיין באשעפער, דער וואס גיט דיר לעבן, וויל אז דו זאלסט גוט זיין און פאלגן די תורה און זיך פארדינען א אייביגן לעבן, אט אזא תשובה וועט דיר פירן צום ריכטיגן גליק־וועג! דיין נשמה וועט געלייטערט ווערן און דו וועסט

דערגרייכן די העכסטע שטופע פון הימלישן פארגעניגן! — — —

☆

דער בעל עברה׳ניק האט זיך שוין נישט געקענט ארויסדרעהען, די ווערטער האט איהם געשטאכן אין הארץ ווי מיט גליהענדע שפיזן. דער טרערן־זאק פון די אויגן האט געפלאצט און ער האט אויסגעבראכן מיט א געוויין פארן באַרדיטשעווער, א געוויין וואס האט איהם געלייטערט און לייכטער געמאכט דעם אינערליכן לאסט וואס ער האט יעצט דערשפירט, ער האט געבעטן דעם צדיק ער זאל איהם לערנען די וועגן פון תשובה, טאקע יעצט, שוין — — —

נאכנישט תשובה געטהון

דער צדיק ר׳ נפתלי ראפשיצער זצ״ל האט אמאל פארשפעטיקט צו ״כל נדרי״. ווען זיין זוהן איז אריין צו איהם אין צימער, האט ער איהם געטראפן ווי ער וויינט ווי א קינד. האט ער איהם געפרעגט:

— טאטע וואס וויינסטו?

— פארוואס זאל איך נישט וויינען. אז א גאנץ יאהר טראכט איך אז אין די ימים נוראים וועל איך תשובה טהון, און דא איז שוין פאר יום כפור און איך האב נאך נישט תשובה געטהון — זאל איך נישט וויינען?...

נישט נוהג בזמן הזה

דער ״חידושי הרי״ם״ זצ״ל איז אמאל אריינגעקומען אין ביהמ״ד און געטראפן עטליכע יונגעלייט זיצן און שמועסן. האט ער בדרך צחות געזאגט:

— איצט איז מיר פארענטפערט געווארן, פארוואס אין ״שלחן ערוך״ איז נישט פערהאן די דינים פון הלכות תשובה, דאגעגן אין רמב״ם — יא? ווייל דער ״שלחן ערוך״ איז געמאכט געווארן אויף אלע דינים און הלכות וואס זענען נוהג בזמן־הזה, דאגעגן דער רמב״ם איז אפילו אויף אזעלכע הלכות וואס זענען היינט נישט נוהג, און אזוי ווי הלכות תשובה איז בזמן הזה שוואך נוהג, דעריבער האט עס דער ״שלחן ערוך״ אדורכגעלאזט...

(שיח שרפי קודש חלק ד׳)

כי הם חיינו

די מלחמה, די פיר יאהר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האבן חרוב געמאכט דאס שטעטל.

די היימען זענען געבליבן גאנץ, אויך די מענטשן זענען ארויס בשלום כמעט. וויניגע האבן נישט אויסגעהאלטן די ליידן פון דער מלחמה און אוועק פון דער וועלט. דער גרעסערער טייל אבער האבן איבערגעלעבט די מלחמה און זיך פון דאסניי גענומען צוריק צו בויען דעם נארמאלן לעבן.

און דאך איז דאס שטעטל געווען חרוב ומוחרב. שוין נישט מעהר דאס אידישע שטעטל וואס איז אנגעזאפט מיט תורה און אידישן גייסט. שוין נישט מעהר שוהלן וואס הערט נישט אויף אין זיי דער קול פון תורה און דאווגען און תהלים־זאגן — א אנדער פנים האט דאס שטעטל באקומען. דער עלטערער דור האט נאך געהיט אויף זיין געשטאלט, אבער די יונגווארג איז געווארן אינגאנצן פארענדערט. אנשטאט דעם בית מדרש און די גמרא זענען געקומען פארטיי־לאקאלן און צייטונגען, ארגאניזאציעס און טריף־פסול׳ע ביכלעך. די שוהלן זענען געווארן ליידיג אין די אוונטן.

נישט אלע אבער זענען מיטגעשלעפט געווארן מיטן אומריינעם שטראם פון צייט־גייסט. עס איז געבליבן א גרופע — נישט קיין גרויסע — פון יונגע בחורים׳לאך וואס האט געהיט אויף איהר געטריישאפט צו דער גמרא, צווישן זיי איז געווען יאסעלע בערגער.

יאסעלע, א יתום פון זיין פאטער און א בן יחיד צו זיין מוטער, די פארחושכטע אלמנה, איז געווען א בחור׳ל מיט עילויאישע כשרונות. טראץ דאס פעהלן פון א רבי וואס זאל איהם פיהרן אין די ריכטיגע וועגן פון לערנען — אין שטעטל איז אפילו קיין רב נישט געווען — האט

יאסעלע מיט זיינע אייגענע כוחות געשוואומען צווישן די כוואליעס פון ים התלמוד ווי א געניטער שווימער. א באוואוסטער גאון וואס האט צופעליג באזוכט דאס שטעטל און פארבראכט מיט יאסעלען אין דברי תורה האט געזאגט מיט התלהבות: ״דאס בחור׳ל וועט אויסוואקסן א וועלטס־גאון אויב ער וועט נאר גיין אויף דעם ריכטיגן וועג״. דאס באווארעניש — ״אויב״ — איז געווען, ווי מיר וועלן באלד געוואר ווערן, אויפ׳ן פלאץ, טראץ דעם וואס יאסעלע איז געווען צוגעבונדן צו דער גמרא מיט אלע פעדימער פון זיין גרויסן מוח און געפיל־רייכע הארץ.

☆

וואלטער שווייניגער איז געווען דער נאמען פון דעם אידישן בחור פון דייטשלאנד וואס איז געקומען אין שטעטל אין דער מלחמה אלס זעלנער מיט די דייטשע אקופאציע־מיליטער, און איז דארט פארבליבן אויך נאך דער מלחמה, ווייל ער איז צוגעבונדן געווארן צו איינע פון די רייכסטע פאמיליעס און געהייראטעט מיט זייערס א טאכטער.

עס האט קיינער אין שטעטל נישט געקענט דעם וואלטער אויסער זיין געשטאלט. זיין כאראקטער, זיינע השקפות — דאס איז געווען א געהיימע געהיימניש. ער האט זיך דערווייטערט פון די שטעטלשע איינוואוינער, און אויסער זיינע באזוכן אין שוהל שבת אינדערפרי, האט מען כמעט ווי נישט באגעגנט זיך מיט איהם, גאנצע טעג פלעגט ער זיצן ביי זיך אין הויז, אין זיין באזונדער צימער, און לייענען ביכער וואס ער פלעגט באציהען פון דייטשלאנד, און אין די זומערדיקע פארנאכטן פלעגט ער גיין שפאצירן אונטערן שטעטל נעבן דעם וועלדל. אליין געשפאצירט, רוהיג און לאנגזאם, און געשוועבט אין זיין געדאנקען־וועלט, וואס איז געווען, זעהט אויס, ווייט פון שטעטל מיט איהר לעבנס־שטייגער.

ביי איינעם פון זיינע שפאצירן האט וואלטער זיך באגעגנט מיט יאסעלען, וואס איז אויך ארויס דאן אביסל אונטער׳ן שטאט צו שעפן פרישע לופט. ווען זיי האבן זיך באגעגנט פנים אל פנים, האט וואלטער שארף אנגעקוקט יאסעלען און געווענדעט זיך צו איהם:

— "ענטשולדיגן זי מיר. איך וויל איהנען פראגן וואס. זענען זי בערייט צו שפרעכן מיט מיר?"

יאסעלע האט מסכים געווען. וואלטער האט פארגעלייגט פאר איהם א געוויסן פילאסאפישן פראבלעם און געפרעגט וואס איז די מיינונג פון תלמוד וועגן דעם. פאר יאסעלען איז דאס געווען א חידוש. ער האט קיינמאל וועגן דעם נישט געטראכט אפילו. זיין עילויאישע תפיסה איז איהם בייגעשטאנען נישט בלויז צו באגרייפן דאס פראבלעם מיט זיין גאנצע טיפקייט, נאר אויך צו געפינען די פאסיגע מאמרי חז"ל וואס פון זיי לאזט זיך ארויסדרינגען א לעזונג צו דער פראגע.

פון דער ערשטער באגעגניש איז וואלטער ארויס א באצויבערטער. אין דער קליינע פארהאסטע שטעטעלע מיט איהרע "אונוויסענדע לויטע" (וואלטער האט אויף אלעמען געקוקט פון אויבן אראפ...) האט ער געטראפן א ערנסטן טיפדענקענדן מאן וואס מען קען מיט איהם טיפע פילאזאפישע פראבלעמען באהאנדלען — יא, דאס מוז אויסגעניצט ווערן צו באקענען זיך מיט דער תלמוד־פילאזאפיע. דאס וועט איהם פיל נוצן בריינגען צו זיין דאקטער־דיסערטאציע וואס ער גרייט זיך צו פאר'ן בערלינער אוניווערזיטעט.

אויך אויף יאסעלען האט די באגעגניש געלאזט א טיפן איינדרוק. עס האט זיך פאר איהם ענטפלעקט א אפשניט פון א נייע, אונבאקאנטע וועלט, וואס האט פאר איהם, אין דעם ערשטן אנבליק, שימערירט מיט באצויבערנדע פארבן. דעריבער האט ער אנגענומען וואלטער'ס פארשלאג צו טרעפן זיך נאכאמאל, הגם ער האט געפילט געוויסנסביסן וואס ער איז מבטל פון לערנען.

זיי האבן זיך געטראפן א צווייטן מאל, א דריטן מאל — ביז זייערע באגעגענישן זענען געווארן א נארמאלע, כמעט־טעגליכע ערשיינונג. אין שטעטל האט מען גערעדט וועגן דעם, מען האט חושש געווען אז דער דייטש וועט יאסעלען אראפפירן פון וועג — אבער עס איז נישט געווען ווער עס זאל איהם אפהאלטן פון דאס חבר'ן זיך מיט'ן דייטש. אמת, מען

האט איהם געווארנט — אבער יאסעלע האט זיך אויסגעלאכט: ״איהר קענט זיין רוהיג. עס וועט מיר גארנישט געשעהן״.

ביי איינעם פון זיינע שמועסן האט וואלטער פארגעלייגט יאסעלען צו לערנען די דייטשע שפראך, כדי ער זאל האבן די מעגליכקייט צו דערקענען די ״גייסטיגע אוצרות״ וואס זענען געשאפן געווארן אין דער דאזיגער שפראך ״וואס איז די קולטורעלסטע שפראך פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט״.

יאסעלען איז דער געדאנק געפעלן געווארן. וואלטער האט איהם געשאפן די ביכער וואס איז נויטיג פאר זעלבסט־לערנונג פון דער שפראך. אין פארלויף פון צוויי מאנאט האט יאסעלע פערפעקט געליינט און גערעדט הויך־דייטש.

יעצט איז געווען דער וועג פריי. גאנצע טעג איז יאסעלע אפגעזעסן ביי וואלטער'ן אין צימער און צוזאמען האבן זיי זיך פארטיפט אין די ״תורה״ פון די דייטשע פילאזאפיע.

די השפעה פון דעם האט נישט פארשפעטיגט צו ערשיינען. זעקס מאנאטן בלויז זענען אריבער פון יענעם פארנאכט וואס יאסעלע האט צום ערשטן מאל זיך באגעגנט מיט וואלטער'ן — א אנדער מענטש איז ער געווארן אין דער קורצע תקופה. נישט בלויז דער חשק צום לערנען איז פון איהם פארשוואונדן, נאר אויך דאס צוגעבונדנקייט צו אידישקייט איז געווארן אפגעשוואכט אויף א קאטאסטראפאלן אופן.

א שווערער גייסטיגער געראנגל האט איהם באהערשט. פון איין זייט האט איהם שטארק געצויגן די וועלט פון וויסן (יאסעלע האט אויך געלערנט מאטעמאטיק און פיזישע וויסנשאפטן) פון דער צווייטער זייט אבער האט איהם די דערמאנונג פון זיין פארגאנגנהייט געפייניגט, אין שלאפלאזע נעכט איז זיין קישן אויסגעווייקט געווארן פון זיינע הייסע טרערן.

אינדעם איז זיין מוטער געשטארבן. וואלטער וואס האט פונקט דאן געמאכט פארברייטונגען צו פאהרן קיין בערלין ענדיגן זיין שטודיום, האט

פארגעלייגט יאסעלען ער זאל אויך פאהרן קיין בערלין און דארט שטודירן. "דיין צוקונפט אין דער וועלט פון וויסנשאפט און פילאזאפיע איז געזיכערט" — האט וואלטער איהם געזאגט.

— דאס איז א גוטער געדאנק — האט יאסעלע געזאגט צו זיך — דארט וועל איך זיין פריי פון מיינע פיינליכע געדאנקען. אין דער נייער וועלט וועל איך אינגאנצן פארגעסן מיין פארגאנגנהייט.

ער האט אנגענומען וואלטער'ס פארשלאג, און אין א געוויסן טאג, אנפאנג זומער, כמעט א יאהר נאך זייער ערשטן צוזאמענטרעף, זענען זיי ביידע פארשוואונדן פון שטעטל.

☆

ביי א אסט־אידישע פאמיליע, אויף דער גרענאדיר־שטראסע, האט יאסעלע געדונגען א קליין צימערל. וואלטער האט איהם געהאלפן צו באקומען איינציגע "שטונדן" און דאס האט איהם געגעבן א עקזיסטענץ־מעגליכקייט.

דער שארפער איבערגאנג האט אויף יאסעלען געווירקט באטויבענד, און אין די ערשטע צייט האט ער טאקע גארנישט געפילט קיין זעעלישע פלאגעניש. דאס אקלימאטיזירן זיך אין דעם נייעם ארט, דאס אריינגלידערן זיך אין דער נייער געזעלשאפט, האט געפאדערט גייסטיגע אנשטריינגונג, און יאסעלע האט נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן וועגן זיך. זיינע אלע כוחות זענען געווען געווידמעט דעם איינציגן ציל: ערגרייכן א מכובדיקן פלאץ אין דער נייער וועלט. ער האט דערווייטערט פון זיך אלץ וואס קען איהם דערמאנען די שוהל מיט דער גמרא. די תפילין וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך זענען געבליבן ליגן אין א נישט זעהבארן פלאץ אין זיין וואליזקע.

אבער אז עס איז אריבער די באטויבונג פון דער ערשטער צייט, האבן צוריק גענומען ערשיינען עגבערנדע מחשבות. נישט איינמאל ארויסגייענדיק פון א פילאזאפישן פארטראג פלעגט ער זיך טראכטן: יא, דאס איז טיפע קאפ־ארבייט, שיינע מיה ארבייט אבער קיין חיות איז אין

דעם נישטא. ווי קומט דאס אלץ צו א בלעטל גמרא? אבער טראַץ דעם האט יאסעלע באשלאסן ווייטער צו גיין אין דעם וועג.

עס איז געקומען דער הייליגער יום־כיפור־טאג. איייניגע טעג פאר דעם האט יאסעלע, נאך א לאנגן אינווייניגסטן געראנגל, באשלאסן צו מאכן א פשרה: ער וועט דעם טאג פאסטן אבער נישט גיין אין שוהל, און, נאטירליך, אויך נישט גיין אין אוניווערזיטעט. ער וועט דעם טאג אויסניצן צו דערפילן אביסל זיין דעפיציט אין שלאפן.

באלד נאך דער סעודה המפסקת איז יאסעלע ארויף אויף זיין געלעגער, פארמאכט די אויגן מיט דער האפנונג אז באלד וועט קומען דער אויסלייזנדער שלאף, וואס זיין קערפער איז אזוי דארשטיג נאך איהם — אבער דער שלאף איז נישט געקומען. די געדאנקען, וואס האבן פיבערהאפט געארבייט, האבן איהם אוועקגעפירט ווייט פון דאנען, ווייט פון דער גרענאדיר־שטראסע, ווייט פון בערלין, זיי האבן איהם צוריקגעפירט אין זיין יוגנט שטעטעלע און אריינגעפירט אין שוהל...

...און אט נעמט מען ארויס די ספרים פון ארון קודש און ר׳ בעריש, דער אלטער בעל תפלה, הויבט אן מיט זיין טיף־ברוסטיקע שטימע "כל נדרי...", א הייליג ציטער נעמט ארום דעם גאנצן קהל, וועלכער זאגט מיט שטילערהייט, און אויך יאסעלע זאגט מיט...

...און אט שטייט ר׳ הערש דיין אויפ׳ן בעלעמער נעבן ארון קודש. א ווייס געשטאלט, ווי א מלאך. ער רעדט שטיל און דאך גרייכט זיין שטימע אין אלע ווינקעלעך. ער רעדט וועגן די גרויסקייט פון הייליגן טאג, וועגן דעם חסד פון תשובה. די טויערן פון תשובה זענען אפן אפילו פאר די וואס האבן פיהל און שווער געזינדיגט — זאגט ר׳ הערש און וויינט זיך פונאנדער. וואס וויינט ער? ער וויינט אויף די נארישע מענטשן וואס פילן אן זייער לעבן מיט זינד. ער וויינט אויף די נארישע מענטשן וואס ווייסן נישט אויסצוניצן די גאלדענע געלעגנהייט אריינצוגיין אין די טויערן פון תשובה. ר׳ הערש וויינט, קהל וויינט מיט, און אויך יאסעלע, אויף זיין געלעגער אין קליין צימערל אין דער ווייטער שטאט, וויינט מיט...

☆

יאסעלע שפרינגט אראפ פון געלעגער. וואס וויל ער טאן? יא, ער וויל נעמען א ביכל אין האנט, א ביכל מיט מאטעמאטישע פראבלעמען כדי צו פארטרייבן פון זיך זיינע געדאנקען. אבער אנשטאט נעמען דאס ביכל ציהט ער אן זיינע בגדים און גייט ארויס אינדרויסן. וואוהין? ער אליין ווייס נישט. עפעס א באהאלטענער קראפט שטופט איהם, פיהרט איהם.

אין א קליין שוהלכל פון פוילישע אידן שטייט יאסעלע אין א ווינקל און דאוונט. ער דאוונט שטיל, זייער שטיל, קוים וואס זיינע אויערן הערן די ווערטער, אבער אין דעם דאזיגן שטילן שעפשען ליגט זיין גאנצע הארץ, זיין גאנצע קאפ, זיינע אלע איברים. דער גאנצער יאסעלע דאוונט...

...תורה ומצוות חוקים ומשפטים אותנו למדת... בשכבנו ובקומנו נשיח בחוקיך ונשמח בדברי תלמוד תורתך ובמצותיך לעולם ועד...

כי הם חיינו ואורך ימינו...

☆

מוצאי יום כיפור באלד נאך מעריב האט יאסעלע צונויפגעפאקט זיינע זאכן, באצאלט דער באלעבאסטע, איבערגעלאזט א בריוועלע צו איינעם פון זיינע חברים מיט א אנווייזונג ווי אזוי צו ערלעדיגן געוויסע ענינים וואס ער האט געלאזט אינדערמיט, און נאך פאר האלבע נאכט איז ער געזעסן אין צוג וואס האט איהם געפירט אין א נייער לעבנס וועג.

דער וועג האט געפירט צו איינע פון די גרויסע ישיבות אין דער ליטע.

די הארץ זאל קלאפן

דער חפץ חיים זצ״ל האט אמאל געזאגט:

— נישט דער עיקר איז צו קלאפן זיך אין הארץ אריין נאך יעדן ״על חטא״, נאר פאר יעדן ״על חטא״ — זאל דאס הארץ קלאפן און אפהאלטן פון דער עבירה...

גובר געווען

א גאנץ פיינער איד איז ער געווען זעליג הערש דער ביר־סוחר, א איד א למדן, א עושר און א בעל צדקה, א פריינדליכער מיט מענטשן, האט ליב געהאט א גלייכווערטל און פלעגט אמאל אליין אויך זאגן א קלוג ווארט, און דאך האבן פיהל מענטשן פאר איהם מורא געהאט, און מען האט זיך געהיט צו פערטשעפען מיט איהם. געוואוסט האט מען, אז זעליג הערש איז א איד פון גערעכטיגקייט, א פרעמדער גראשן איז ביי איהם חזיר טריפה און זיינס א ווארט איז טייערער, ווי א אנדערנס א שבועה אדער א וועקסל. זאגט זעליג הערש "יא", איז עס יא, זאגט ער "ניין", איז עס ניין. — בוי דערויף א אייזערנעם בריק. אפילו די אלע גוים אין דעם געגנד, ווייט און ברייט, האבן געוואוסט, אז זעליג הערשל'ס א ווארט איז היילִיג, און דערפאר האט ער טאקע ביי זיי קיין אנדער נאמען נישט געהאט ווי "דער פאן ראבין", כאטש זיי האבן געוואוסט, אז ער איז גאר קיין רב נישט, נאר א געוויינליכער ביר־סוחר, וואס זיי פלעגן קויפן ביי איהם אלע זונטאג און אויף די חגאות־צייט.

פאר זעליג הערשלען האט מען "מורא געהאט" דוקא פאר זיין גרויסער גערעכטיגקייט, ליבנדיג אליין דעם אמת און אלץ, האט ער געפאדערט דאס אייגענע אויך פון אנדערע, און פלעגט ער דערהערן, אז עמיצער איז עפעס נכשל געווארן אין א אונגערעכטער זאך, פלעגט ער זיך אנצינדן תיכף ווי פלאם פייער, און דאן איז שוין קיין מיטל נישט געווען אויסצודרעהען זיך פון איהם. איהר שפילט זיך עפעס? א איד ווערט רויט, בלוט רויט אין פנים, און דאן ווערט ער טויט־בלאס, און די אויגן זיינע עסן זיך איין אין אייך, און עס דאכט זיך אייך, אט־אט שטעכן זיי אייך אדורך — א אמת'ער רוצח! און אט עפנט ער דעם מויל, און אט הויבט ער אן ברענען אייך און בראטן מיט זיינע טענות און מען געפינט גאר נישט קיין מוט איהם צו ענטפערן.

יאהרן זיינען זיך פארלאפן. זעליג הערש האט א האלבע וועלט זיינע אדורכגעמאכט; ער האט שוין א היבש ביסל קינדער אויסגעגעבן און געבליבן איז ער שוין אין שטוב נאר מיט איין טאכטער׳ל און מיט א אינגל א מוזיניקל — בעסער איז ער אבער נישט געווארן. פאר זיינע שיינע מעשים, פאר זיין גוט הארץ און אידישע הנהגות האבן איהם אלע געאכטעט, אבער מורא געהאט האט מען פאר איהם און ווען נאר מעגליך, פלעגט מען זיך פון איהם אויסמיידן.

— א איד א כעסן, ווער איז עס מחויב פון איהם צו ליידן!

אט אזוי פלעגט יעדערער ריידן וועגן איהם, כאטש יעדערער האט זיך געוואונטשן צו זעהן אין די אייגענע קינדער זיין עשירות, זיין לומדות און זיין גוט הארץ.

צום ערגסטן האבן אבער געליטן פון זעליג הערשלען און זיין כעס זיינע שטוב לייט. זיין פרוי, שרה לאה איז שוין געוואוינט געוועזן צו איהם, פלעגט זי שטעהן און לאכן, ווען ביי איהם פלעגט זיך דער ווילדער כעס אנצינדן; די קינדער זיינע אבער האבן געהאט פון איהם געברענטע צרות און, כאטש זיי האבן געוואוסט, אז ער איז זיי א אמת׳ער גוטער פריינד און דעם גאנצן לעבן הארעוועט ער נאר פאר זיי, פונדעסטוועגן האבן זיי פאר איהם מורא געהאט און בעהאלטן זיך פאר איהם. זעליג הערש האט דאס בעמערקט, און דאס האט איהם טיף וועה געטהון; אבער ער האט נישט געהאט קיין שליטה איבער זיך אליין, ווען דער ״טירוף״ פון כעס פלעגט איהם אנפאלן, ווי זיין ווייב שרה לאה פלעגט עס אנרופן. שבת און יום טוב, ווען די קינדער פלעגן מוזן זיצן מיט איהם צוזאמעןביים טיש, איז עס געוועזן פאר זיי א אמת׳ע אפקומעניש; אין דער וואכן אבער פלעגן זיי זיך היטן צוזאמענצוטרעפן זיך מיט איהם אויג־אויף־אויג, ווארום טאמער בעמערקט ער עפעס אין זיי קעגן זיין ווילן, איז הימל עפן זיך, סכנת נפשות.

— זעליג הערש, ס׳איז דאך דיין קינד, האב רחמנות! ווי קען מען עס אזוי מצער זיין א אייגן קינד? — פלעגט שרה לאה מוסר׳ן איהר מאן אין א רוהיגערע מינוט, ווען קיינער איז דערביי נישט געוועזן.

— איך ווייס, איך ווייס — פלעגט זעליג הערש טרויעריג ענטפערן,
— אבער וואס זאל איך טהון, איך מוז דאך זיי זאגן, איך דארף זיי לערנען, איך בין דאך פאר זיי פעראנטווארטליך, פאר׳ן אויבערשטן און פאר דער וועלט.

— לערן זיי, אדרבא, פארוואס נישט, אבער רוהיג און אן כעס, נישט מיט אזא רציחה.

פלעגט זעליג הערש בלייבן זיצן פערשעמט און טרויעריג, און ס׳האט זיך געדאכט, אז אט־אט צעוויינט ער זיך און הויבט זיך אן שלאגן אין הארצן. א פאר טעג נאכדעם פלעגט ער טאקע זיין רוהיגער; אבער לאנג האט עס נישט געהאלטן. זעליג הערש איז זיך ווידער געבליבן דער אייגענער.

איינמאל האט זעליג הערש געהענדיג מיטאג אהיים, דערזעהן פון דערווייטן, ווי עפעס א אינגל שטעהט אין פאדערהויז פון זיין שטוב און קוקט זיך איין אין שטוב דורך די שפארעס פון טהיר. אין אנהויב האט ער געמיינט, אז דאס איז א גנב; באלד האט ער אבער בעמערקט, אז דאס איז זיין פופצן־יעהריגער לייזער, וועלכער איז געקומען פון בית המדרש אהיים צו מיטאג. זעליג הערש האט זיך אריינגעגנב׳עט אין שטוב דורך א אונטער־טהיר, געוואשן זיך, געמאכט ״המוציא״ און איז געבליבן זיצן, ווי פערשטיינערט.

— דאס עסן ווערט דאך אפגעקיהלט, פארוואס עססטו נישט? — האט שרה לאה געפרעגט ביי איהם אונרוהיג, — האסט עפעס, חלילה, עגמת נפש?

זעליג הערש האט, אנשטאט א ענטפער, געעפנט שטיל דאס פענסטער, ארויסגעקוקט אין גאס אראפ־צו, און ער זעהט ווי זיין לייזער׳ל געהט צוריק אין בית המדרש אריין...

זעליג הערשל האט זיך שיער נישט צעוויינט.

— אוי וועה איז מיר, וואס טהוט זיך דא מיט דיר, זעליג הערש? צו ביזטו אפשר קראנק? — האט שרה לאה דערשראקן געפרעגט.

— לאז אפ, ס׳איז נישט דאס, — האט זעליג הערש געזאגט.

און געזאגט האט ער עס מיט אזא וועהטאג, אז שרה לאה האט זיך שוין אויף א אמת איבערגעשראקן. זי איז צוגעשטאנען צו איהר מאן אז ער מוז איהר זאגן וואס עס דריקט איהם אזוי שטארק. זעליג הערש האט געמוזט דערצעהלן.

— דעם ערשטן מאל זעהסטו עס? — האט שרה לאה שטיל געזאגט — איך ווייס עס שוין פון לאנג...

— א גזלן בין איך, א רוצח, וואס? — האט זעליג הערש טרויעריג געזאגט, — דאכט זיך, אז דו ווייסט, ווי איך טראכט נאר וועגן די קינדער און ארבעט נאר פאר זיי...

— יא, איך ווייס, אבער זאג אליין, אדרבא, ווער איז דיר שולדיג? א קינד קומט אהיים, וויל עס עסן רוהיג און נישט אונטער א בייזן קוק, און זיצן, ציטערנדיג פאר א ווארט, פאר א קרומער מינע. א קינד איז, ווי א בלום: עס ליבט א ליכטיג שטראל, א שטיל ווינטעלע, ווארימקייט און שטיל טוי; ביי א שטורם־ווינד פערבויגט עס דאס קעפעלע און בעהאלט זיך...

זעליג הערש האט יענע נאכט מיט א אויג נישט צוגעמאכט. אין אנהויב איז ער לאנג געזעסן איבער א ספר; דאן האט ער זיך געלאזן שפאנען איבערן שטוב פון איין עק צום צווייטן. שרה לאה׳ן האט זיך געדאכט, אז זי הערט איהם וויינען.

א פאר וואכן איז דאן זעליג הירשל געווען גאר א אנדער מענטש; אבער דערנאך האט זיך עס ווידער אנגעהויבן. מען וואלט געקענט מיינען, אז איימיצער האט אין א פאס פולווער א פונק פייער אריינגעווארפן: פלוצלונג האט עס די פאס אויפגעריסן, און צובראכן דעם שווערן דעק פון אויבן, און צוטראגן די אייזערנע ווענד פון ארום, און דער פולווער האט זיך אליין אויפגעפרעסן...

זעליג הערש האט טיף געליטן פון זיין ביטערן פעהלער; אבער בשום

אופן האט ער נישט געוואוסט, ווי אזוי אויסצוהיילן זיך פון איהם. יעדעס מאל, נאך זיין וויסטן כעס־אנפאל, פלעגט ער, זיצנדיג אין זיין ברויז איינער אליין ביי זיינע ביכער און חשבונות, טיף פערטראכטן זיך און נאכדענקען, און יעדעס מאל האט ער איינגעפונען, אז גערעכט איז ער דאך פארט געווען, ווארום אויף א אונגערעכטע זאך מוז מען דאך זאגן, אז זי איז אומגערעכט; אבער דערביי האט ער געשפירט, אז מיט היציגקייט און כעס מאכט ער אליין קאליע דאס, — וואס ער מיינט צו פערריכטן.

— ווי מאכט מען דערמיט א סוף, רבונו של עולם, — פלעגט ער טענה׳ן מיט זיך אליין — העכער א האלבן לעבן האב איך שוין אפגעלעבט און פון אט דער צרה קען איך בשום אופן נישט פטור ווערן: פרעמדע דערווייטערן זיך פון מיר, מיינע אייגענע קינדער אנטלויפן פון מיר, און איך אליין לייד אזוי פיהל און אזוי שטארק. ווי ווערט מען פטור פון אזא מאוסע מדה!

זעליג הירשל איז פטור געווארן דערפון אויף א גאר אונגעריכטן אופן.

אט וועט איהר הערן ווי אזוי דאס איז פארגעקומען:

אין אנהויב הערבסט איז זעליג הערש איינמאל ארויסגעפאהרן צו א פריץ, א צעהן מייל ווייט פון שטאדט, צו קויפן ביי איהם תבואה אויף א גאנצן ווינטער ווי זיין שטייגער איז געווען. נאכדעם ווי ער האט געשלאסן מיט׳ן פריץ דעם עסק און געגעבן איהם האנד־געלד, האט זעליג הערש נאר געדארפט אונטערשרייבן מיט איהם דעם קאנטראקט און בעקומען א קבלה אויפ׳ן געלד. אבער אט פאהרט אן צום פריץ א גאנצע באנדע געסט מיט פיהל הינט און מיט ביקסן. וואס איז דא געשעהן? ״פאלעוואניע״ איז עס. די פויגלען אין פעלד קלויבן זיך אוועקצופליהען, ס׳איז טייער יעדער טאג, ווייל זיי קענען זיך אפטראגן אן א געזעגעניש. ערקלערט דער פריץ:

— זעליג הערש, אזוי און אזוי, דו זעהסט דאך, איך בין פערנומען מיט א וויכטיגן ענין, מוזטווארטן אויף מארגן: מארגן קום איך און שרייב אונטער דעם קאנטראקט, וועל איך דיר דאן אויך געבן א קבלה אויפ׳ן האנד־געלד.

מיט א פריץ א געשעפט איז מען דאך נישט אין אייגענעם רשות, בלייבט זעליג הירשל ווארטן. ווארט ער א טאג און צוויי, און דריי, אט איז מארגן שוין ערב ראש השנה און דער פריץ איז נאך אלץ נישטא. אוועקפאהרן אן א קבלה אויפ׳ן געלד איז אונמעגליך, דער פריץ וועט פערגעסן, וועט עס זיין פארפאלן; ס׳איז הפסד מרובה, א היבש ביסל געלד אפגעגעבן איהם. וואס טהוט מען?

ביים פריץ וואוינט א רייכער ארענדאר און א היבש ביסל ארומיגע אידן, געהט זעליג הערש זיך מיישב זיין מיט׳ן ארענדאר. זאגט דער ארענדאר:

— רבי זעליג הערש, דער אויבערשטער האט אייך געשיקט אהער. זייט מיר מהנה מיט א גוטן גאסט אויף ראש השנה!

— סטייטש, און מיין משפחה אין דערהיים?

— איך שיק תיכף אהין א שליח מיוחד מיט א בריוו פון אייך. נישקשה, זיי וועלן זיך בערוהיגן.

— דער שליח מיוחד וועט דאך אבער נישט בעוויזן צוריקצוקומען.

— וועט ער זיין א אורח דארט ביי אייך אין דערהיים. צו קיין מנין וועט אונז נישט פעהלן.

ישוב׳ט זיך זעליג הערש א היבשע ווילע. דער ארענדאר ווידער ערקלערט איהם, אז אן דער קבלה אויפ׳ן געלד טאר ער בשום אופן נישט פאהרן, ווייל דער פריץ וועט פערגעסן. זעליג הערש בעשליסט ענדליך צו האלטן ראש השנה ביים רייכן ארענדאר.

ערב ראש השנה פארטאג קומען זיך צוזאמען צום רייכן ארענדאר אין זיין שוהל די אידן פון די ארומיגע ישובים מיט זייערע ווייבער און קינדער. איז זיך מיישב דער ארענדאר און איז מכבד זעליג הערשלען מיט זאגן סליחות פאר׳ן עמוד. קיין חזן איז זעליג הערש קיינמאל נישט געווען, אבער א שטים האט ער געהאט א שיינע, א איד א למדן איז ער געווען, דאס הארץ איז ביי איהם תמיד א אנגעוועהטאגטע, — האט ער זיך אזוי

צולאזן אויפ׳ן קול אין סליחות, ווי מען האט עס ביים רייכן ארענדאר אין שוהל נאך קיינמאל נישט געהערט. איז זיך מיישב דער ארענדאר און זאגט ביי טאג צו זעליג הערשלען אזוי:

— נאכדעם ווי דער אויבערשטער האט אונז מזכה געווען צו האבן אייך דא פאר אזא ליבן גאסט, זייט אונז מהנה מיט מוספים...

— מיט מוספים? איך האב עס נאך קיינמאל נישט געפרובט.

— נישקשה, איהר וועט עס מאכן בעסער פאר אונזער געדונגענעם בעל תפילה. זייט מהנה אונזערע אידן; גלויבט מיר, אז אזא סליחות־זאגן, ווי מיר האבן געהערט היינט אין דער פריה, האבן מיר שוין לאנג נישט געהאט. יעדעס ווארט אייערס איז זיך אונז אין די אברים צוגאנגגען און ס׳האט געווארימט דאס הארץ. זאגט אונז נישט אפ. איך בעט אייך אין נאמען פון אלע אידן אונזערע!

ווילנדיג צו נישט, זעליג הערש האט געמוזט צוזאגן. ער האט געדאוונט מוספים, און געדאוונט האט ער אזוי, אז ביי די דארפישע אידן איז זיך דאס הארץ צוגאנגגען פאר מתיקות. קיין בעל מנגן איז טאקע זעליג הערש נישט געווען, אבער ווערטער האט ער געזאגט: ער האט גערעדט דבורים! אמאל האט זיך געדאכט, אז ער בעט זיך תחנונים ביים רבונו של עולם, האבן די מתפללים געוויינט מיט איהם צוזאמען און דאס גאנצע וועהטאג, וואס האט זיך ביי יעדערן אויפ׳ן הארצן אנגעקליבן אין יאהר, האט זיך אויסגעגאסן יעצט אינ׳ם טייך טרערן; אמאל אבער האט זיך אויסגעדאכט, אז זעליג הערש קריגט זיך מיט עמיצן, און מאהנט גערעכטיגקייט אויף זיין שטייגער און רעדט מיט כעס, מיט ברען, מיט פייער, און דאן זענען די איינפאכע דארפישע אידן ארום איהם געשטאנען פערציטערטע, און ס׳האט זיך זיי געדאכט, אז אט־אט דערהערן זיי א שטרענגן ענטפער פון אויבן: ״ווער ערלויבט זיך עס מיט מיר אזוי צו רעדן?״ אבער אט־אט האט זעליג הערשל אנגעהויבן ווידער צו בעטן זיך, און ס׳האט זיך אלעמען אויסגעדאכט, ווי זיי הערן איהם טענה׳ן: ״רבונו של עולם, דו ווייסט דאך דעם ביטערן אמת. איך וויל זיין בעסער, אבער איך קען נישט. העלף מיר! גיב מיר די מיטלען צו ווערן אנדערש; שטארק

מיך, גיב מיר קרעפטן — אוי, אוי, דו זעהסט דאך, ווי איך פערגעה אין מיין פיין"...

און אין דער דארפישער שוהל ארום איז געווארן א געוואלדיגע יללה, און די קולות האבן דורך די אפענע פענסטער ארויסגעריסן זיך אין טיפן וואלד ארום, און צווישן די בוימער האט זיך דערהערט א גערויש, און געדאכט האט זיך, אז אויך די בוימער זענען מתפלל פאר דער שוואכקייט פון דעם מענטשן און זיי בעטן פאר איהם:

— געוואלד, רבונו של עולם, העלף דעם ארימען בעשעפעניש דיינער, וועלכער וויל זיין גוט און דאס קומט איהם אן אזוי שווער, אז ער קען זיך נישט גובר זיין. העלף איהם, העלף דעם מענטשן דיינעם!

אט אזוי האט עס זיך געצויגן דעם גאנצן דאוונען. די שטימונג ביי די מתפללים האט זיך געביטן אלע ווילע צווישן טיפן געוויין און גרויסער אויפרעגונג און פחד. ווען דער דאוונען האט זיך געענדיגט, האט דער עולם, איינפאכע, פשוטע אידן זיך נישט דערוואגט צו געהן דאנקען דעם בעל תפילה, מיט א וואונדערליכן עהרן־געפיהל האבן זיי געקוקט אויף איהם פון דערווייטן און יעדערער האט נאר זיין "לשנה טובה" איהם געשיקט.

דעם צווייטן טאג נאכ'ן דאוונען האט דער ארענדאר א זאג געטאהן צו זיין גאסט:

— רבי זעליג הערש, איהר ווייסט, אז איהר האט דעם ראש השנה זיך קונה געווען א ארט אין עולם הבא אויף א גאר גרויסן אופן? איהר האט געריהרט דאס אידישע הארץ, געמאכט עס ציטערן און געהאלפן איהם ארויסווייזן זיך...

זעליג הערש האט אבער דערויף גאר נישט געענטפערט. טיף פערטראכט איז ער זיך געזעסן ביים יום טוב'דיגן טיש פון רייכן ארענדאר. דער טיש איז געווען אנגעשטעלט מיט אלערליי מיני מעדנים; אבער זעליג הערש האט זיך כמעט צו קיין זאך נישט צוגעריהרט און מיט קיינעם האט ער גארנישט גערעדט. אויף צומארגנס האט איהם דער ארענדאר געבראכט

די ידיעה, אז דער פריץ איז נאך אלץ נישטא צוריק פון דער "פּאלעוואניע", אבער זעליג הערש האט זיך מיט דעם אויך נישט שטארק געקימערט. א גאנצן טאג איז ער אין וואלד געזעסן; פאר איהם איז אפן געלעגן א גרויסער, אלטער ספר; אמאל האט ער אין איהם געלערנט, אבער נאך מעהר צייט איז ער געזעסן און געקוקט אין שטילן וואלד אריין. דא און דארט איז זיך ארונטער געפאלן שטיל און רוהיג פון די הויכע בוימער א בלאט נאך א בלאט; ערגעץ וואו האט מען געזעהן דורכלויפן א האז, א קראליקל; אונטערן בוים איז די ערד ביסלעכווייז בעדעקט געווארן מיט'ן ארונטערפאלענדן שאלעכטס; און דאס אלץ איז זיך פארגעקומען אזוי שטיל און רוהיג, געמיטליך און אן אויפרעגונג. זעליג הערש האט דערשפירט, אז אויך צו איהם אין דער נשמה הויבט זיך אן אריינגנבענען א שטילע רוהיגקייט.

פון דערווייטן האט זיך דערהערט א שטארקער גערויש. באלד האט מען דערזעהן פיהל הינט בעווייזן זיך פון אלע עקן וואלד מיט א פרעהליכער בילעריי און געפילדער. הינטער זיי האבן זיך געזעהן די צעהיצטע פנים'ער פון די פריצים מיט די ביקסן און פערבלוטיגטע יאגד טאשן, פון וועלכע ס'האבן זיך ארויס געבאמבלט פערבלוטיגטע חיות און עופות.

זעליג הערש האט געכאפט זיין ספר און איז אנטלאפן אין דער שטילער שוהל אריין...

אויף צומארגנס האט דער פריץ אונטערגעשריבן מיט זעליג הערשלען דעם קאנטראקט און געגעבן איהם א קבלה אויפ'ן געלד. זעליג הערש האט שוין געוואלט זיין צוריק אהיים, אבער דער ארענדאר האט זיך אנגעהויבן בעטן ביי איהם צו פערבלייבן ביז איבער יום כפור. יעצט האט שוין זעליג הערש נישט געלאזן זיך לאנג בעטן. ווידער האט מען א שליח מיוחד אפגעשיקט אין שטאדט אריין מיט א בריוו צו שרה לאה'ן, און זעליג הערש איז זיך געבליבן זיצן אין שטילן וואלד איבער די גרויסע, אלטע ספרים און מיט זיך אליין. דער ארענדאר האט בעמערקט, אז זעליג הערש וויל, אז מען זאל איהם נישט שטערן, און ער האט איהם געלאזט צו

רוה. ס׳איז אריבער א טאג נאך א טאג. מענטשן זעהט זעליג הירשל גאר ווייניג, דערפאר זעהט ער אבער זיך אליין אלץ אפטער און אויך א שטילע און רוהיגע וועלט ארום זעהט ער טאג טעגליך.

— מען הערט דא נישט קיינעם בייזערן זיך, קיינעם מאנען ביי עמיצן תביעות, און ווער עס איז גערעכט, ווער אונגערעכט, דאס ווייס דער אויבערשטער אליין — האט זעליג הערש פלוצלונג א טראכט געטהון, און דאן איז ער פארגעקומען ביי זיך אליין אזוי קליין און אזוי שפל׳דיג מיט זיין שטענדיגן כעס און מיט זיינע אייביגע טענות צו מענטשן, אז א טיף געפיהל פון בושה האט איהם ארומגענומען, און ס׳האט זיך פלוצלונג אנגעהויבן איהם דאכטן, אז ער האט זיך דערזעהן נאקעט צווישן א וועלט מענטשן.

טאג טעגליך האט זעליג הערש געזעהן דאס זעלבע שטילע לעבן ארום זיך, און טאג טעגליך האט ער געשפירט, ווי א זיסע שטילקייט לעגט זיך אויך ביי איהם אויפ׳ן הארצן, און אלע זיינע בייזע געבלוטן בערוהיגן זיך. און דאן זענען געקומען די לענגערע אוונדן, און זעליג הערש איז זיך אפגעזעסן ביז׳ן גרויסן טאג איינער אליין מיט זיך און מיט זיינע געדאנקען, שפירנדיג אלץ מעהר טיפער בושה און חרפה. און דאן האט ער אמאל אויך אויף די געצעהלטע מענטשן ארום געקוקט: אלע זענען זיי צופרידן מיט זיך און מיט זייער לעבן, און קיינער האט נישט צו עמיצן. טאמער צובייזערט זיך אמאל איימיצער, קוקן אלע ארום אויף איהם מיט צער און פערדרוס אדער מיט אימה און עקל.

אט אזוי — האט זעליג הירשל זיך געטראכט — קוקן די מענטשן אויף מיר. מיינע אייגענע קינדער קוקן אויף מיר אויך נישט בעסער.

און אט איז ענדליך דער גרויסער טאג אין יאהר, יום כפור, געקומען, און זעליג הערש שטעהט שוין ווידער פאר׳ן עמוד און ער בעט און בעט פאר א וועלט און ביי זיך טראכט ער:

— רבונו של עולם, ווי אזוי קען איך פאר א וועלט מענטשן בעטן, ווען איך אליין בין אזוי שלעכט, אז איך קען זיך נישט גובר זיין!

א גאנצן טאג האבן זעליג הערשלס תפלות זיך געצויגן, אבער וואס ווייטער די זון האט צו מערב זיך אנגעהויבן נויגן, אלץ ווייכער און ווייכער זענען זעליג הערשל׳ס תפלות געווארן. ער ברומט שוין נישט, ער מאהנט שוין נישט מעהר, ער בעט זיך און בעט זיך, און אלע ארום שפירן, אז זיין תפלה איז דערהערט געווארן, און א ליבע רוהיגקייט האט צוזאמען מיטן פעסטן רצון אין א ווארים אידיש הארץ זיך בעזעצט.

אויף צומארגנס נאך יום כפור, האט זעליג הערש געגעבן א ווארט דעם ארענדאר צו קומען צו איהם אויף תפלות יאהר יעהרליך. אין שטאדט האט מען זיך דערוואוסט, אז זעליג הערש איז א בעל תפילה געווארן, און שרה לאה האט זיך דערוואוסט נאך א גרעסערע נייעס: זעליג הערש האט זיין כעס אויף אייביג גובר געווען. דעם ערשטן יאהר פלעגט עס איהם נאך אמאל א ברען טהון, און ער פלעגט פלוצלונג אויפשפרינגען פון ארט, און ס׳האט זיך געדאכט, אז אט־אט הויבט ער אן בייזערן זיך; אבער וואס א יאהר ווייטער זענען די דאזיגע אויפרעגונגען געווארן אלץ זעלטענער: די הארציגע תפלות, די צעהן טעג רוה, און דאס זיין מיט זיך אליין אין שטילן וואלד, און קוקן אין זיך אליין אלץ מעהר, האבן ענדליך אויסגעהיילט דעם מענטשן פון זיין שווערער און מאוסער קרענק — דער כעס.

מען מעג יא צוריקגעהן

דער גאסטינינער רבי זצ״ל, האט יונגערהייט זיך געוואלט אויסלערנען שפילן אין שאך. אבער צוקוקנדיג, ווי צוויי שפילן אין שאך און איינער האט געמאכט א פעהלער גאנג און האט געוואלט צוריקגעהן, האט דער צווייטער אויסגערופן:

— אז מען געהט, איז פערפאלן! צוריק געהט מען שוין נישט! —

האט דער רבי אויסגערופן:

— אויב אזוי, געפעלט מיר נישט דער גאנצער שפיל! אז קיין תשובה זאל דערביי נישט העלפן, טאר מען דערמיט זיך נישט אבגעבן...

דער ווידוי ביי די סעודה המפסקת

ר׳ וועלוול, דער מסירות־נפש׳דיגער עסקן אין דער שטאדט ל. איז געווען אין גרויס פארצווייפלונג.

עס איז געווען אין א תקופה וואס די פוילישע מאכט־ארגאנען האבן זיך ארייגעמישט אין אידישן קהלה־לעבן. מען קען נישט טהון קיין איין טריט אן זייער הסכמה. אפילו א רב קען מען אויך נישט נעמען אן זייער צושטימונג. און דאס איז אין א צייט וואס אויף דער אידישער גאס אליין גייט אן א גרויסער קאמף וועגן דער געשטאלט פון אידישן לעבן. פון איין זייט די ארטאדאקסישע אידן וואס גייען אין טראדיציאנעלן וועג, און פון דער צווייטער זייט די נאציאנאליסטן און סאציאליסטן וואס זייער שטרעבונג איז צו פארוועלטליכן דאס אידישע פאלק. דער קאמפף דרינגט אריין אין יעדן ווינקעלע פון אידישן לעבן, אפילו אין די שוהלן שפירט זיך זיין הייסער אטעם.

״דער פוסק אחרון״ אין אלץ איז די פוילישע מאכט, און בדרך כלל זענען זייערע דעצידירונגען לטובת די פרייע. די הויכע רעגירונגס־בעאמטע זענען צופרידן וואס עס איז דא א שטרעבונג צווישן אידן וואס ווילן אוועק ווארפן די תורה. זיי האפן אז דאס וועט ברענגען דערצו, דאס מיט דער צייט וועט אינגאנצן פארשווינדן די אידישע אייגנארטיגקייט, און די אידן וועלן זיך אויסמישן צווישן די פאלאקן, און דאן איז ערלעדיגט מיט דאס ״אידישע פראבלעם״.

עס איז געווען נאך א סיבה וואס האט געווירקט לטובת די פרייע. אין יעדן העכערן רעגירונגס־אמט איז געווען א רעפערענט פאר אידישע ענינים, וואס לויט זיינע עצות האט דער אמט באשלאסן. די פרייע האבן זיך לייכט באפריינדעט מיט די דאזיגע רעפערענטן, מען האט צוזאמען

סעודה׳לאך געמאכט און צוזאמען א קארטל געשפילט, אזוי ארום האבן די דאזיגע בעאמטע, אין יעדן פאל פון א מיינונגס־פארשיידנהייט צווישן די אידן, געעצה׳עט אנצונעמען די מיינונג פון די פרייע. די צבור־עסקנים פון די רעליגיעזע אידן האבן דעריבער געמוזט מאכן אויסערגעוויינליכע אנשטריינגונגען, און באזיצן פיל פארשטאנד און טאקט, כדי דורכצוברעכן די נעגאטיווע באציהונג צו דעם רעליגיעזן איד וואס האט געהערשט אין די רעגירונגס־ביורא׳ען.

☆

איינער פון די דאזיגע עסקנים איז געווען ר׳ וועלוול ק. אין דער קרייז־שטאט ל. זיין עהרליכקייט, קלוגשאפט און טאקט, האבן איהם געמאכט פאר א גוט געוואונטשענעם גאסט אין אלע רעגירונגס ביורא׳ען. באזונדערס איז ער געווען באפריינדעט מיט קאזימערסקי׳ן דער רעפערענט פאר אידישע ענינים אין דער ״וואיעוואודסטווא״. ר׳ וועלוול איז טאקע געווען ווי א פעסטער מויער פאר די רעליגיעזע אידן אין גאנצן קרייז.

אבער די גוטע צייט האט זיך געענדיגט. קאזימערסקי איז ארויס אויף פענסיע און אויף זיין ארט איז געקומען א אנדער בעאמטער, ווילקאווסקי, און צו איהם האט ער נישט געהאט קיין שום צוטריט. ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי זיינע ארבייטס־קאלעגן וועגן זיינע אייגנשאפטן און שטעלונג צו אידן. און די באריכטן וואס ער האט באקומען זענען געווען זייער באאומרוהיגענדע. די אלגעמיינע מיינונג איז געווען אז אויסער דאס וואס ער איז א שווערער מענטש, א איינגעשלאסענער אין זיך, באציהט ער זיך מיט א באזונדער אנטיפאטיע צו אידן. ער מיידט אויס ווי ווייט מעגליך אויפצונעמען א אידן אויף א געשפרעך. ער הייסט דערלאנגען א שריפטליכן מעמאראנדום, און וויל נישט קיין פערזענליכע באגעגעניש.

און דא האט זיך געמאכט זייער א וויכטיגער ענין. אין א דערבייאיג שטעטל האבן די פרייע באשלאסן אראפצווארפן דעם אלטן רב, וואס איז געווען א גדול בתורה און א צדיק, און מאכן אויף זיין פלאץ א אנדער רב, וואס איז געווען באוואוסט אלס עסקן פאר די נאציאנאליסטן. די

רעליגיעזע אידן האבן געשיקט א דעלעגאציע צו ר׳ וועלוולען, ער זאל גלייך גיין אין דער ״וואיעוואודסטווא״ וועגן דעם. ר׳ וועלועל איז אבער געווען אין גרויס פארצווייפלונג. וואס טוט מען? אלץ איז דאך אבהענגיק יעצט אין דעם ווילקאווסקי — און צו איהם האט ער נישט ביז היינט קיין צוטריט.

— ר׳ וועלוול איהר מוזט גיין — האבן די אידן פון שטעטל געשריען — איהר מוזט, גייט און הקב״ה וועט העלפן.

ר׳ וועלוול איז געגאנגען.

ווילקאווסקי האט איהם אויפגענומען מיט געמאכטע העפליכקייט וואס האט נישט פארשטעלט אינגאנצן זיין ווידערווילן צו ריידן מיט דעם ״דאזיגן אידן״. געבעטן ר׳ וועלוולען זיצן און געפרעגט מיט א קאלטע שטימע: וועגן וואס האנדלט זיך דא?

ר׳ וועלוול האט געענטפערט:

— אין שטעטל ב. וואס געהער צו אונזער קרייז איז דא א קאמפף צווישן מיינע ברידער. א טייל פון זיי ווילן אז דער אלטער רב, וואס זעצט פאר די טראדיציע פון רבנות ביי אידן, זאל זיין זייער גייסטיגער פיהרער, און א טייל פון זיי ווילן אויפנעמען א נייעם רב וואס זאל מיטהעלפן זיי אין זייער טעטיקייט אויפ׳ן נאציאנאלן געביט. איך קום אין שליחות פון די טראדיציע־היטער, און מיין ביטע איז: דער אלטער רב זאל בלייבן זייער גייסטיגער מנהיג, דאס איז אלעס וואס איך האב צו זאגן. אויב עס פאדערט זיך מעהרערע אויפקלערונגען וועל איך צושטעלן א שריפטליכן מעמאראנדום. איך דאנק פארן אויסהערן אונזער ביטע.

ר׳ וועלוול האט געמאכט א באוועגונג ווי ער וויל זיך אויפהויבן פון בענקל, אבער צו זיין גרויסע איבערראשונג האט ווילקאווסקי אים אפגעהאלטן.

— פאר מיר זענען נישט נויטיג מעהרערע אויפקלערונגען — האט ווילקאווסקי געזאגט — איך פארשטיי דעם ענין זייער גוט. איך וויל

אבער מיט דיר באשפרעכן אין אלגעמיין איבער דעם אידישן לעבן. דו האסט די זעלטענע פעאיקייט צו ערקלערן אין קורצן פארוויקלטע פראבלעמען.

— נישט מיינע פעאיקייטן — האט ר׳ וועלוול געזאגט — נאר דער טיפער פארשטאנד פון מיין הער, וואס פארשטייט פון איין ווארט וואס אנדערע פארשטייען נישט פון צעהן ווערטער.

ווילקאוואסקי האט געהיימניספול געשמייכלט.

— איך מיין אז דו וועסט נאך צוריקציהען זיך פון דיין קאמפלימענט — האט ער געזאגט — אבער לאמיר דאס יעצט לאזן. איך וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן וועגן אלגעמיינע אידישע פראבלעמען.

דער שמועס האט זיך געצויגן אייניגע שעה. ביים געזעגענען זיך האט ווילקאוואסקי געזאגט:

— מיין טיפסטן דאנק. איך האב זייער פיל געלערנט. עס וועט געוויס מיר זיין צו הילף אין מיין אויפגאבע. איך האב אינטערעס אונזער שמועס זאל האבן א המשך. וואו קענען מיר זיך טרעפן און ווען?

— מיין הויז איז שטענדיג אפן פאר מיין הער — האט ר׳ וועלוול געזאגט — אויב עס איז אנגענעהם, ווען נישט...

— זייער אנגענעהם — האט ווילקאוואסקי געזאגט — איך וועל די נאהנטסטע טעג טעלעפאנירן צו מיין הער.

א פאר טעג שפעטער האט ווילקאוואסקי באזוכט ר׳ וועלוולען אין הויז. ווידער האבן זיי לאנג פארבראכט, אבער דאסמאל האט דער שמועס געטראגן א פילאזאפישן כאראקטער. ר׳ וועלוול האט זיך געוואונדערט וואס דער דאזיגער אין זיך פארשלאסענער גוי ווייס אזויפיל וועגן אידישקייט. דאס האט ביי איהם ארויסגערופן א געוויסן פארדאכט: וויל נישט דער דאזיגער גוי אויסשפיאנירן דעם אידישן לעבן אין שליחות פון די אנטיסעמיטן כדי צו קענען נאכער באשמוצן אידן? דער דאזיגער פארדאכט איז שטארקער געווארן זעהענדיק אז דער ווילקאוואסקי האט

חשק וואס אפטער אריינצוקומען צו איהם אין הויז. פון דאס אלץ וואס ער האט געהערט וועגן דעם ווילקאווסקי'ן און זיין ווילן צו באפריינדן זיך מיט איהם, וואס איז געווען זייער נישט נאטירליך, האט עס געמוזט ערוועקן א חשד אז דא זענען פארהאן געהיימע מאטיוון.

א געוויסן פרייטאג־צו־נאכטס, ווען ר' וועלוול איז נאר וואס פון שוהל געקומען, איז גאנץ אומגעריכט ערשיינען ווילקאווסקי. ער האט געבראכט א גוטע בשורה: דער מיניסטעריום האט באשטעטיקט דעם אלטן רב אין ב. און מיט דעם האט ווילקאווסקי פארענטפערט זיין אונגעריכטן ערשיינען. ער האט געוואלט אז ר' וועלוול זאל האבן א פריילאכן שבת. דאס זאגנדיק האט ער צוגעגעבן א פראגע: שטערט אייך נישט יעצט מיין אנוועזנהייט? אין די דאזיגע ווערטער איז געווען א קלארער וואונק אז ער וויל מען זאל איהם איינלאדן צו דער שבת־סעודה, און ר' וועלוול האט טאקע אזוי געטאן.

— איך וועל האבן די עהרע מיין הער זאל זיך מיטבאטייליגן אין אונזער שבת־סעודה — האט ר' וועלוול געזאגט.

אויף דעם האט ווילקאווסקי געענטפערט:

— זייער אנגענעהם. איך נעם אן אייער איינלאדונג, אבער נאר מיט'ן באדינג אז מיין אנוועזנהייט זאל אייך נישט שטערן. איהר זאלט זיך פיהרן גלייך ווי איך וואלט נישט געווען.

— וואס פאלט איין מיין הער אז זיין אנוועזנהייט וועט שטערן? אדרבא, דער גרעסטער פארגעניגען.

— איך ווייס — האט ווילקאווסקי געזאגט, און דערביי געווארפן אויף ר' וועלוולען א דורכדרינגענדליכן בליק — אז אידן פילן זיך נישט באקוועם ווען א פרעמדער איז אנוועזנד ביי זייער פאמיליע־טיש. אויב מיין הער פארשפרעכט מיר נישט צו לייגן קיין אכט אויף מיין אנוועזנהייט — איז די איינלאדונג פאר מיר זייער אנגענעהם. איך פון מיין זייט וועל טאן אלץ נישט צו שטערן אייך. איך וועלווארטן אין דעם צימער ביז איהר וועט ענדיגן דאס "קידוש" און אראפנעמען די וויין פון טיש. איך

ווייס — ווילקאווסקי האט דערביי געשמייכלט — אז א גוי מאכט טרייף דאס וויין ווען ער קוקט אויף דעם.

ווילקאווסקי׳ס רייד האבן ערוועקט אין ר׳ וועלוולען א געפיל פון אונהיימליכקייט. ער איז יעצט געווען זיכער אז נישט דער ווילן אנצוזאגן א בשורה טובה האט איהם געבראכט אהער, נאר דער ווילן צו זיצן ביי זיין טיש צו דער שבת־סעודה. אבער וואס איז דער צוועק פון דעם? ר׳ וועלוול איז געווען פול מיט פארדאכט און זארג. אבער כדי צו באהאלטן זיינע געפיהלן האט ער געזאגט מיט א שמייכל:

— וועלן מיר אויך קענען ביים טיש פארזעצן צו באארבייטן די פלענער אזוי ווי עס שטייט אין די ״פראטאקאלן פון די זקני ציון״ (א אנטיסעמיטישער פאמפלעט וואס האט געדינט אלס יסוד פאר אלע שונאי ישראל).

— יא — האט ווילקאווסקי צוריק געשמייכלט — פון מיין זייט איז אלץ ערלויבט.

מיט דעם האט זיך דער שמועס געענדיגט. ביי דער סעודה האט ר׳ וועלוול זיך געפיהרט אזוי ווי אלע שבת, געזונגען זמירות, געזאגט ווערטלאך אויף דער ״פרשת השבוע״. ווען ער האט געפרובט געבן ווילקאווסקי׳ן געוויסע אויפקלערונגען, האט יענער נישט מסכים געווען. ״מיר האבן אפגערעדט אז איך געפין זיך נישט יעצט דא״ - האט ער געזאגט.

נאך שבת האט ווילקאבסקי אריינגעשיקט א הערצליכן דאנק בריף, צוזאמען מיט א סומע געלד אלס מתנה. אין בריף האט ער געשריבן צווישן אנדערע:

— איך בין א איינזאמער מענטש (ער האט נישט געהאט קיין פאמיליע). און דאס פארברייגען א שעה אין דער געזעלשאפט פון א פריינדליכע פאמיליע אין א גייסטיק געהויבענע שטימונג, וועט פאר מיר שטענדיג זיין א אונאפשאצבארער פארגעניגן״.

— נישטא קיין ברירה — האט ר׳ וועלוול געזאגט צו זיין פרוי — איך מוז איהם איינלאדן נאכאמאל, און איך האב מורא אז ער וועט ווערן א שטענדיקער טישזיצער ביי אונז. אבער פארפאלן, איך מוז דאס טאן.

ר׳ וועלוול האט איהם איינגעלאדן אויך אויפ׳ן צווייטן שבת. ווילקאבסקי האט נישט באהאלטן זיין פרייד, און אפנהערציג געזאגט: איך פיל מיר זייער גוט ביי אייער טיש. איך פארשטיי א ביסל אידיש.

— און אפשר אויך די זמירות? — האט ר׳ וועלוול געפרעגט.

— יא — האט ווילקאבסקי בעשטעטיגט.

— אויב אזוי איז שוין אפשר א פלאן אינגאנצן זיך צו מגייר זיין? — האט ר׳ וועלוול געלאכט.

— מען דארף טראכטן וועגן דעם — האט ווילקאבסקי געזאגט.

עס איז געשעהן אזוי ווי ר׳ וועלוול האט פאראויס געזאגט. ווילקאבסקי איז געווארן דער שטענדיגער גאסט צו דעם שבת־טיש. אויך אין די וואכן־טעג פלעגט ער גאנץ אפט זיי באזוכן. דורך די אפטע באזוכן האט ר׳ וועלוול א ביסל נעהנטער איהם דערקענט און דאס האט אפגעווישט דעם פארדאכט אז ער מיינט עפעס שלעכטס. אבער פון דער צווייטער זייט איז אלץ שטארקער געווארן דאס רעטעניש.

— די זאך איז גארנישט פשוט — האט ר׳ וועלוול געזאגט צו זיין פרוי — אבער איך קען דאס רעטעניש בשום אופן נישט אויפלעזן. ווער איז ער? וואס צילט ער? און דער געהיימניספולער שמייכל וואס ערשיינט אפט אויף זיין געזיכט, מאכט נאך די זאך פארוויקלטער.

אבער ענדליך איז די זאך אויפגעקלערט געווארן. יענעם יאהר איז יום כיפור געפאלן אום שבת. ר׳ וועלוול האט אנגערופן ווילקאווסקי׳ן און ערקלערט אז דאס מאל וועט די שבת־סעודה געפראוועט ווערן נישט אין אוונט נאר פיר א זייגער נאכמיטאג.

נאך איידער ער האט איהם ערקלערט די אורזאך פון דעם ענדערונג, האט ווילקאבסקי געזאגט:

— איך ווייס דאס. ביינאכט איז דאך דער "יום הקדוש".

— אלזא וועסטו קומען צו דער באשטימטער שעה?

— מעגליך! — איז געווען זיין תשובה.

ער איז יא געקומען, אבער דאס מאל איז ער געווען גאר א אנדער מענטש. אלע הויז־מענטשן זענען געווען ערנסט — אבער די ערנסטקייט פון דעם ווילקאבסקי איז געווען אויסערגעוויינלאך. עס האבן אלע געשפירט אז דער מענטש איז געשפאנט ביז צו דער העכסטער מאס — ער האט נישט גערעדט קיין איין ווארט, געענטפערט אויף פראגן מיט א לייכטן קאפ־נויג, און כמעט ווי נישט געגעסן.

אין מיטן עסן האט ר' ועלוול'ס אינגסטער זון געפרעגט דעם טאטן:

— טאטע, וואס מיינט דאס "אנו מתירין להתפלל עם העבריינים"?

— דאס מיינט מען — האט ר' וועלוול געענטפערט — אז מען מעג דאווענען צוזאמען מיט די וואס האבן געזינדיגט, מיט די וואס האבן זיך דערווייטערט דורך צוואנג אדער ווילן פון אידישן פאלק, און יעצט אין דעם הייליגן טאג קומען זיי צוריק און באהעפטן זיך צום כלל ישראל, נעמט מען זיי צוריק אריין אין כלל און מען דאוונט מיט זיי צוזאמען.

אין דעם מאמענט איז געשעהן א זאך וואס האט אלעמען געטראפן ווי א דונער.

— "בערעלע — האט געזאגט ווילקאבסקי אויף אידיש — דאס מיינט מען מיר".

א פיינליכע שטילקייט האט באהערשט דעם טיש. ווילקאבסקי האט איהר איבערגעריסן:

— "יא, דאס מיינט מען מיר. איך אהרן דער זוהן פון ר' וואלף וואס איז א רב אין ב. בין דאס דער עברין וואס דארף האבן א באזונדער ערלויבעניש אריינצוגיין אין א אידישע שוהל און אויסגיסן זיין צעבראכן הארץ פארן באשעפער".

א שטראם פון טרערן האט באגלייט זיינע ווערטער. אלע האבן מיטגעוויינט.

ווען מען האט זיך אביסל בארוהיגט, האט ער דערציילט זיין געשיכטע, ווי אזוי פון אהרן ז. איז געווארן אנדזשיי ווילקאבסקי, זיינע אלע ראנגלענישן, וואגלענישן, וואנדערונגען איבער פרעמדע פעלדער, דינונג צו פרעמדע געטער, און נאכהער ענטוישונגען, צערונענע האפנונגען, חרוב געווארענע אידעאלן, צעשטערטע בריקן.

ער האט אלץ דערציילט, גארנישט פארהוילן, און פארענדיגט:

— איך האב זיך מתוודה געווען, און יעצט קען איך שוין שטארבן.

ר׳ וועלוול וועלכער איז געווען צעשטורעמט נישט ווייניגער פון איהם, האט אויף די לעצטער ווערטער שנעל רעאגירט:

— און דער וואס קען שוין שטארבן קען אויך לעבן. דער טאג וועט אפווישן דיין גאנצע פארגאנגענהייט און וועט ברייגען א רפואה צו דיין צובראכן הארץ.

אלעמאל קינדער

רבי שמשון אסטראפאלער זצ״ל האט אמאל יום כיפור פאר ״כל נדרי״ אזוי געזאגט:

אין דער תורה שטעהט (דברים יד. א.) בנים אתם לד׳ אלקיכם, די חז״ל דרשענען (ר״ה כד, עא) אויפן פסוק (ויקרא-כג, ד) ״אלה מועדי ד׳... אשר תקראו אותם במועדם״ — אל תקרי אותם אלא אתם, אתם — אפילו מוטעין אתם — אפילו שוגגין, אתם — אפילו מזידין״.

טא מה-דאך וואו עס שטעהט בפירוש ״אותם״ דרשנט מען, אז דאס מאכט ״אתם — אפילו מוטעין שוגגים ומזידים״, על אחת כמה וכמה, דא וואו די תורה זאגט בפירוש ״בנים אתם״ מיינט מען דאך זיכער ״אתם — אפילו מוטעין, אתם — אפילו שוגגין, אתם — אפילו מזידין״ — ווי אזוי מיר זאלן ניט זיין, זענען מיר אלץ ג-ט׳ס קינדער...

מוחל, מוחל!

דער צדיק און קדוש דער רבי ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע זצ״ל, איידער ער איז געווארן רבי, האט ער געהאט א אפטייק פון וועלכן ער האט געצויגן חיונה, מען האט אבער געוואוסט אז ר׳ שמחה בונם איז נישט סתם אזוי א אפטייקער. מען האט געוואוסט אז גאנצע נעכט און רוב צייט פון טאג איז ר׳ שמחה בונם עוסק בתורה ובעבודה, און זיין חסידות ופרישות איז עד להפליא. ווען עמיצער האט געהאט א חולה אין שטוב, און דער דאקטער האט פארשריבן א רעצעפט, האט מען געוואוסט, אז איידער מ׳גייט צום רבין רבי בונם נעמען די מעדיצין, בעט מען אים צום ערשט ער זאל מתפלל זיין צו השי״ת, און טאקע ווי די גמרא זאגט, ״מי שיש לו חולה בביתו, ילך אצל חכם ויתפלל בעדו״. אויף דער ישועה פון השם יתברך דער בורא רפואות און אויף די תפלות פון דעם צדיק האט מען זיך פארלאזט. און די מעדיצינען וואס דער דאקטאר האט פארשריבן האט מען גענומען, ווייל דער מענטש דארף טאן דאס וואס מען דארף טאן על פי דרך הטבע, צו גיין צו א דאקטאר, ווי די חז״ל דרש׳נען אויפ׳ן פסוק ״ורפא ירפא״ — מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות, די תורה גיט רשות אז מען זאל גיין צו א דאקטאר זיך לאזן היילן.

פונקט ווי אין אנדערע שטעט, אזוי זענען אויך אין פשיסחא געווען משכילים און מומרים להכעיס, וועלכע פלעגן אנטאן פיל צרות פאר חסידים און פאר חסידישע רביים. זיי האבן זיך נישט צוריקגעהאלטן אפילו פון די נידעריגסטע זאכן, אפטמאל ביז מסירה.

אין דער מלחמה פון נאפאלעאן באנאפארטע קעגן רוסישן צאר אלעקסאנדער דער ערשטער, האבן די חיילות פון נאפאלעאן אפגעהאלטן גרויסע נצחונות. דאס פראנצויזישע מיליטער האט איינגענומען גרויסע שטחים פון רוסישער טעריטאריע און געהאלטן אין איין מארשירן

פאראויס. אויך די שטאט פשיסחא איז געווארן איינגענומען דורך די פראנצויזן. בין כסה לעשור פון דעם יאר תקע״ב איז דאס פראנצויזישע מיליטער אריין קיין פשיסחא. א הויכער אפיציר מיט׳ן ראנג פון מאיאר האט אריינגעפירט זיין רעגימענט קיין פשיסחא. אין שטאט איז ערקלערט געווארן קריגס־צושטאנד. אלע גרעסערע געביידעס זענען רעקווירירט געווארן בכדי אין זיי איינצוקווארטירן די גרויסע מחנה פון פראנצויזישן מיליטער. אויך פראוויאנט האט די שטאט געדארפט צושטעלן פאר די סאלדאטן.

צווישן דעם רעגימענט סאלדאטן איז געווען א גרויסע צאל פארוואונדעטע, און די מיליטערישע דאקטוירים האבן נישט געקענט אליין באהאנדלען אלע קראנקע, האט דער מאיאר באפוילן אז מ׳זאל רעקרוטירן דעם שטאטישן דאקטאר, אז אויך ער זאל היילן די קראנקע סאלדאטן.

דער דאקטאר אין פשיסחא איז געווען א איד, אבער א משכיל און פארביסענער שונא פון ר׳ שמחה בונם. ער האט ביי זיך אפגעמאכט, אז איצט איז די צייט ווען ער וועט קענען פאראורזאכן דעם גרעסטן צער פאר׳ן אפטייקער, דער חסיד ר׳ שמחה בונם. — און אויסגערעכנט האט ער זיין פינסטערן פלאן דווקא אויף דער נאכט פון כל נדרי.

שוין לאנג וואס ער טראכט וועגן ״אונטערשטעלן א פיסל״ פאר ר׳ שמחה בונם. ביז איצט האט ער אבער נישט געוואגט דורכצופירן זיין פלאן. איצט אבער, אז ער איז געווארן דער אפיציעלער מיליטערישער דאקטאר, פאר וועמען האט ער נאך מורא צו האבן? — האט ער ביי זיך געטראכט.

יום כיפור ביינאכט, ווען הרה״ק ר׳ שמחה בונם איז שוין געשטאנען פאר׳ן עמוד איינגעהילט אין טלית און קיטל און געזאגט ״כל נדרי״, זענען אריינגעקומען צוויי סאלדאטן אין בית המדרש, אין דער באגלייטונג פון א דאלמעטשער.

ווי די אידן האבן דערזען אריינקומען צוויי פראנצויזישע סאלדאטן,

איז זיי באפאלן א בהלה. ווער ווייסט וואס די סאלדאטן ווילן דא, צו זענען זיי נישט געקומען חלילה עמיצן צו ארעסטירן.

די צוויי סאלדאטן האבן איבערגעגעבן אז זיי האבן א וויכטיגע אויפגאבע, זיי דארפן רעדן צו ר׳ שמחה בונם. די מתפללים האבן אויפגעקלערט פאר די סאלדאטן אז ער שטייט איצט פאר׳ן עמוד און מען קען אים נישט מפסיק זיין. די סאלדאטן האבן מסכים געווען צוווארטן ביז רבי שמחה בונם וועט ענדיגן די שטילע שמונה עשרה.

נאך דער שמונה עשרה האבן די סאלדאטן איבערגעגעבן פאר ר׳ שמחה בונם א רעצעפט וואס עס האט אנגעשריבן דער שטאטישער דאקטאר, דער משכיל, וועלכער איז איצט אין דינסט ביים מיליטער. די סאלדאטן האבן איבערגעגעבן אז די מעדיצין דארפן זיי תיכף האבן, ווייל דער דאקטאר האט עס פארשריבן פאר׳ן רעגימענט פירער, פאר׳ן מאיאר אליין, און ס׳איז נישט שייך צו ווארטן אפילו איין מינוט.

פארשטייט זיך, אז דער דאקטאר, דער עוכר ישראל, האט עס בכוונה געטאן, כדי מבלבל צו זיין דעם צדיק אין דער הייליגסטער שעה.

רבי שמחה בונם האט איבערגעלייענט דעם רעצעפט, און ער האט געזאגט צו די צוויי סאלדאטן, זיי זאלן איבערגעבן דעם מאיאר, אז ער וועט באלד אליין פערזענליך צוקומען צו אים.

די סאלדאטן זענען זיך אוועק, און זענען מער נישט צוריקגעקומען.

רבי שמחה בונם האט געענדיגט דאווענען פאר׳ן עמוד, ווי גארנישט וואלט פאסירט.

ערשט שפעט ביינאכט, נאכ׳ן ענדיגן ״שיר היחוד״, ווען רבי שמחה בונם איז אהיימגעגאנגען צו זיך אין דער באגלייטונג פון א גרויסער צאל מתפללים, האבן זיי געזען אז פאר׳ן ארייננאנג פון רבי שמחה בונם׳ס הויז שטייען דער דאקטאר, מיט זיין ווייב און די קינדער, און זענען שטארק פארזארגט. דערזעענדיג רבי שמחה בונמ׳ען אנקומען, איז דער דאקטאר צוגעלאפן צו אים און געפאלן צו די פיס, און מיט געוויין האט ער זיך

געבעטן ביי אים ער זאל זיך מרחם זיין אויף אים און נישט גיין צום מאיאר, וויל דאן איז ער א פארלוירענער. ער קען זיך געזעגענען מיט'ן לעבן. אויך דאס ווייב און די קינדער האבן זיך געבעטן מיט געוויין און תחנונים, אז ר' שמחה בונם זאל זיך דערבארימען איבער זיי און זאל נישט פארראטן זייער פאטער און מאן.

דער עולם האט זיך געוואונדערט אויף דער געוואגטקייט פון רבי שמחה בונם. ווי נעמט עס א מענטש אין זיך אזויפיל קוראזש אז ער זאל זיך נישט שרעקן פאר'ן באפעל פון א הויכן אפיציר אין א מלחמה צייט, ווען דאס לעבן פון א מענטש שפילט נישט קיין גרויסע ראלע, און פאר דער מינדעסטער זאך קען מען חלילה צום שטרענגסטן באשטראפט ווערן. אבער זעענדיג די רוהיגקייט און נישט־באזארגטקייט פון רבי שמחה בונם, זענען זיי אויך בארואיגט געווארן.

די עטליכע באגלייטער וואס זענען דערביי געשטאנען, האבן נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר. וואס איז דער דאקטאר עפעס אזוי דערשראקן? אדרבא, רבי שמחה בונם וואלט דאך געדארפט זיין באזארגט, וואס ער האט נישט תיכף אויסגעפאלגט דעם באפעל פונעם מאיאר, אין א צייט ווען עס איז קריגס צושטאנד, און פאר דעם מינדעסטן נישט פאלגן קען מען חלילה פאראורטיילט ווערן?

אבער גלייך איז זייער פארוואונדערונג אויפגעקלערט געווארן.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז וועלנדיג מצער זיין דעם צדיק האט דער דאקטאר געשיקט די צוויי סאלדאטן, אז מען דארף מכלומר'שט א מעדיצין פאר'ן מאיאר. בשעת מעשה איז אבער דער דאקטאר נכשל געווארן, און אנשטאט א געוועהנליכע מעדיצין, האט ער אנגעשריבן א געפערליכן סם. וואס, ווען דער מאיאר וואלט גענומען די דאזיגע מעדיצין וואלט ער באלד אומגעקומען.

רבי שמחה בונם, ווען ער האט איבערגעלייענט דעם רעצעפט, האט פארשטאנען אז דאס איז א שפיצל פונעם משכילישן דאקטאר וועלכער וויל אים מבלבל זיין פון דער הייליגער עבודה, נאר מן השמים האט מען אים מכשיל געווען ער זאל אנשרייבן א געפערליכן סם פאר'ן מאיאר. האט

ער דעריבער געזאגט צו די סאלדאטן אז ער וועט אליין גיין צום מאיאר, מיט׳ן ציל אים צו דערציילן וואס דער דאקטאר האט פאר אים צוגעגרייט...

שפעטער האט זיך דער דאקטאר געכאפט, אז אנשטאט א געוועגליכע מעדיצין האט ער געהייסן געבן סם, און עס האט אים גענומען ווארפן אלע איברים, וואס וועט איצט זיין, אויב רבי שמחה בונם וועט טאקע גיין צום מאיאר און וועט אים ווייזן דעם רעצעפט וואס דער דאקטאר האט פאר אים פארשריבן. ער וועט דערציילן אז דער דאקטאר האט אים געוואלט פאר׳סמ׳ען. מען וועט דאך אים באלד שטעלן צו א קריגס געריכט, און אן טענות ומענות וועט מען אים זיכער הינריכטן. — איז דער דאקטאר שנעל געקומען צו לויפן אהיים צו ר׳ שמחה בונם און זיך פאר אים געבעטן אז ער זאל אים נישט ארויסגעבן, ווייל דעמאלט איז אחת דתו...

עס האבן נישט געהאלפן די געוויינען און די תחנונים פון דעם דאקטאר מיט זיין ווייב און קינדער. רבי שמחה בונם האט געהאלטן אז מען דארף דעם רשע אנלערנען למען ישמעו וייראו ולא יזידון עוד. אבער נאכדעם ווי דער דאקטאר האט צוגעזאגט אז ער וועט שוין מער קיינמאל אין זיין לעבן זיך נישט טשעפן מיט ערליכע אידן, און נאכדעם ווי דאס ווייב און קינדער האבן זיך געבעטן ביי די אידן, צו פועל׳ן ביי אים, ביי רבי שמחה בונם, אז ער זאל זיי מוחל זיין, ווייל זיי זאגן צו אז מהיום והלאה וועלן זיי שוין פירן א אידיש הויז און זיי האבן חרטה אויף דער פארגאנגנהייט, האט זיך רבי שמחה בונם גענומען קווענקלען און אריינטראכטן ווי אזוי צו האנדלען.

— ״קען מען דען מוחל זיין פאר אזא בעל עבירה — האט רבי שמחה בונם געזאגט — ״איצט, ווען דער חלף ליגט אים אויפ׳ן האלדז, נעמט ער זיך פאר, אז ער וועט שוין זיין גוט און פרום. וואס וועט זיין מארגן? וואס וועט זיין דערנאך?״

— ״רבי, מיר זענען דען בעסער?!״ — האבן זיך די אידן אנגערופן.
— ״מיר זאגן דען נישט צו יעדן יום כיפור, אז מיר וועלן זיך שוין פירן ווי

עס דארף צו זיין, און דערנאך פירט מען ליידער אפ די טעג און די יארן אזוי ווי פריהער.

— "דאס האב איך געוואלט הערן!" — האט רבי שמחה בונם געזאגט.

— "מוחל!" — "און אויך דו, רבונו של עולם, זיי מוחל!!!"

נאר דורך טהרה

ואף הוא הי' מתכוון לגמור את השם ואומר להם תטהרו (סדר עבודת יוהכ"פ).

דער כהן גדול האט מרמז געווען פארן פאלק אז מען דארף זעהן אז דער נאמען פון אויבערשטן זאל זיין גאנץ, אלע פיהר אותיות, דעריבער האט ער זיי געזאגט "תטהרו", — זיי זאלן זיך פיהרן בטהרה ובקדושה און דורך דעם וועלן זיי קענען מכניע זיין דעם כח פון עמלק, ווי די חז"ל זאגן, אין השם שלום ואין הכסא שלום עד שימחה זרעו של עמלק, און דאס קען מען אויפטהון נאר דורך קדושה און טהרה.

(מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע)

די מצוה פון וידוי

פון דעם פסוק אין אחרי "והתודו את חטאתם וגו'" לערנען מיר דאס עס איז דא א מצות עשה זיך מתוודה זיין פאר דעם אויבערשטן אויף אלע זינד וואס מיר זענען בעגאנגען בשעת מיר האבן פון זיי חרטה, די מצוה איז נוהג אין אלע ערטער, אין יעדע צייט, סיי אויף זכרים סיי אויף נקבות. דער וואס איז עובר און זיך נישט מתודה אויף זיינע זינד אין דעם טאג יום כפור, וואס איז בעשטימט פון אייביג אלס א טאג פון סליחה און כפרה, איז מבטל די דאזיגע מצות עשה.

(חינוך מצוה שס"ד)

— פארוואס ליינט מען יום כפור זעקס קוראים אויסער דעם מפטיר? ווייל דער טאג איז מכפר אויף די מעשים פון עולם הזה וואס איז געגליכן צו די זעקס וואכנטעג.

(כל בו)

ריין אן זינד

אידן אין רוסלאנד האבן שטענדיג געליטן פון גזירות און רדיפות, צווישן זיי איז געווען אויך דער איסור אויף אידן צו וואוינען אין פעטערבורג, וועלכע האט דאן געדינט אלס די הויפטשטאט פון רוסלאנד, און איז געווען פוהל מיט קירכעס און טומאה, האבן זיי מורא געהאט אז טאמער אידן וועלן זיך געפינען אין שטאדט אין א גרעסערער צאל, וועלן זיי פארשוועכן איהר טומאה. דעריבער איז נאר געווען ערלויבט פאר א קליינע צאל אידן צו וואוינען בקביעות אין פעטערבורג.

פעטערבורג האט יענע צייטן געדינט אלס גרויסע האנדל שטאדט און צו איהר פלעגן קומען פיהל סוחרים קויפן און פארקויפן סחורה. צווישן זיי זענען אויך געווען פיהל אידן וואס האבן זיך שטענדיג פארנומען מיט האנדל, האבן די אידישע איינוואוינער פון שטאדט אויפגעשטעלט א גרויסן בית מדרש עס זאל קענען אין זיך ארייננעמען די אלע געסט און אידישע דורכפאהרער.

עס איז געווען אין די ימים נוראים טעג, א אידישער סוחר איז זיך געפאהרן קיין פעטערבורג מיט א וואגן פוהל געלאדנט מיט סחורה, לויט זיין רעכענונג ווי ער האט זיך אויסגעשטעלט בשעת ער איז ארויס געפאהרן, וועט ער אנקומען קיין פעטערבורג א טאג פאר יום כפור, עס האט זיך אבער געמאכט שטארקע רעגנס, וועלכע זענען געגאנגען אן אויפהער און שווערער געמאכט דעם וועג, עס איז פוהל געווארן מיט בלאטע און דער וואגן האט זיך לאנגזאם געשלעפט, עס איז שוין די נאכט פאר יום כפור און ער שטעהט נאך ווייט פון שטאדט א היבש ביסל מייל.

פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, אז נישט ווייט וואו ער איז שטעהן געבליבן געפינט זיך א קרעטשמע. עס האט זיך אבער פון זיין טיפן הארצן

ארויסגעריסן א קרעכץ, דערמאנענדיג זיך וועגן די אלע מעשיות וואס מען דערצעהלט אויף דעם קרעטשמער, וועלכער איז איד א משומד, און לאזט קיין אידן נישט איבערטרעטן זיין שוועל. טאמער מאכט זיך און א איד מאכט א טעות און פאלט אריין אין קרעטשמע, מיינענדיג דאס מען קען דארטן נעכטיגן און עפעס איבערחאפן, דאן פאלט אריין דער בעל הבית אין די רציחה און יענער געהט ארויס פון דארט א צובײלטער און צוקלאפטער.

ער איז געוועזן פארלארן און נישט געוואוסט וואס צו טאהן, זאל ער ווייטער פאהרן מיטן וואגן וואו ער קען איינזינקען אין דער בלאטע און אזוי דארטן פערבלייבן נישט קענענדיג ארויסגעהן, אדער ער זאל אריין געהן אין דער קרעטשמע, ביי וועלכן ער קען בעקומען אכזריות׳דיגע קלעפ? פאהרן ווייטער — איז דאך געוויס א סכנה, אריין געהן אין דער קרעטשמע איז נאר א ספק, האט ער דעריבער אויסגעקליבן די אנדערע וועג.

ווען דער בעל הבית האט געהערט דעם קלאפ פון די טהיר ווי עס עפנט זיך און מאכט זיך צו, האט ער באלד געשיקט זיין דינער זעהן ווער עס איז אריין, דער דינער האט איהם געגעבן צו וויסן אז דא איז אריין געקומען א איד. דער קרעטשמער איז געווארן זייער אויפגעבראכט און איז אריין אין דער רציחה. ער איז געלאפן מיט גרויס כעס צום אידן און איהם געוואלט גוט צוברעכן די ביינער פאר די חוצפה וואס ער האט געוואגט איבערטרעטן זיין שוועל, ער האט זיך דערנעהנטערט נעבן דעם ארט וואו דער איד איז געזעסן און צו זיינע אויערן האבן דערגרייכט זיפצן וואס קומען ארויס פון דעם אידן. די קרעכצעריי און שלוקערצן וועלכע זענען ארויס פון טיפן הארץ, האבן א ביסל ווייכער געמאכט דאס הארץ פון דעם קרעטשמער. פארגעסנדיג וועגן וואס ער איז דא צוגעקומען, האט ער געפרעגט דעם אידן פארוואס קרעכצעט ער אזוי.

— זאג מיר אויס דעם אמת — האט דער קרעטשמער געזאגט, זעהענדיג דאס דערשראקענע פנים פון דעם אידן — עס וועט דיר גאר קיין שלעכטס נישט געטאן ווערן.

— איך האב נישט וואס דיר צו פארלייקענען — האט דער אידישער סוחר געענטפערט, זייענדיג א ביסל בערוהיגט פון דעם וואס דער קרעטשמער איז ווייכער געווארן — מיר אידן האבן איין טאג אין יאהר וועלכער ווערט גערופן "יום כפור", אין דעם דאזיגן טאג זענען מיר זיך מתוודה פאר דעם אויבערשטן אויף אלע אונזערע זינד וואס מיר זענען קעגן איהם בעגאנגען דורכן יאהר, און דער אויבערשטער וואס איז א גרויסער בעל רחמים איז אונז מוחל און מכפר אויף די זינד. דער טאג פאלט אויס איבערמארגן, איך האב געהאפט צו זיין דאן אין פעטערבורג און דאווענען דארטן אין שוהל, האט אבער דער שלאגס רעגן וועלכער געהט שוין עטליכע טעג מיר אפגעהאלטן און איך האב מורא טאמער וועל איך נישט קענען אנקומען צו דער צייט, דערפאר טהוט עס מיר זייער וויי און איך קרעכצע אויף דעם.

די רייד פון דעם אידישן סוחר וועלכע זענען ארויסגעזאגט געווארן בתמימות און פון טיפן הארץ האבן דערגרייכט צום פינטל פון די הארץ פון דעם משומד, זיי האבן אנגעצונדן א פלאם פייער אין זיין אידישע הארץ און דערוועקט פיהל בענקשאפט נאך אידישקייט, ער האט זיך דערמאנט ווי אלס אינגעלע האט ער געדאווונט אין שוהל און ווי צופרידן ער איז דאן געווען אין זיין לעבן, און היינט? ער האט געבעטן ביי דעם אידן ער זאל איהם פארשטעלן דעם ריכטיגן פלאץ וואו די שוהל געפינט זיך, ער האט איהם אויך געגעבן א ארט וואו ער זאל דארטן איבערנעכטיגן.

ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן, האבן זיי געזעהן צו זייער פרייד אז די רעגנס האבן זיך אפגעשטעלט, דער אידישער סוחר האט זיך געזעגנט און מיט גרויס שמחה געפארן באלד אין שטאט אריין. א קורצע ווילע נאך איהם איז פון דער קרעטשמע ארויסגעפאהרן א פראכטיגער וואגן גלייך אין שטאדט אריין, אויף איהם איז געפאהרן דער משומד. קומענדיג אין שטאדט האט ער אוועק געשיקט דעם קוטשער מיטן פערד און וואגן אין א האטעל, פארענטפערנדיג זיך אז ער האט דא צו ערלעדיגן פיהל זאכן, ער זאל אויף איהםווארטן ביז ער וועט צוריק קומען.

דער משומד איז אבער נישט געגאנגען צו קיין געשעפטן, נאר גלייך

אין שוהל אריין וואו דער איד האט איהם פארגעשטעלט, ער איז געקומען אין שוהל פונקט ווען מען האט זיך געשטעלט דאוונען, ער האט זיך אויסגעזוכט א טלית מיט א ווינקעלע, אנגעשפארט די הענד אויפן וואנד און דעם קאפ געבויגן, אזוי האט ער מיטגעדאוונט ווען פון זיינע אויגן פליסן טרערן אן אויפהער.

ער איז אזוי געשטאנען דעם גאנצן דאוונען, אויך דאן ווען דער גאנצער עולם איז אהיים געגאנגען, איז ער געבליבן אנגעשפארט אויפן שטענדער און טיף אריבערגעבויגן דעם קאפ נישט ריהרנדיג פון ארט. עס האט אלעמען זייער געוואונדערט, אבער קיינער האט איהם נישט געוואגט צו שטערן פון זיין תפלה. ווען עס איז געקומען די צייט פון נאך מעריב, ווען עס איז שוין דער טאג אוועק און דער גאנצער עולם איז זיך געגאנגען אהיים עסן, האבן עטליכע פון די מתפללים צוגעגאנגען צום שטעהענדיגן איהם זאגן אז עס איז שוין צייט צום עסן, זענען זיי ערשטוינט געווארן זעהענדיג אז ער איז טויט. ווייזט אויס פון גרויס צובראכנקייט און געוויין איז ער אויסגעגאנגען און זיין נשמה האט זיך באהעפט צו איהר באשעפער.

אויף מארגן איז געקומען אין שטאדט די ידיעה אז דעם משומד׳ס קרעטשמע איז אינגאנצן פארברענט געווארן, און אוועק מיטן רויך. אלע זענען איבערצייגט געווען אויף די ריכטיגע תשובה פון דעם דאזיגן מאן וועלכער האט געבלאנדזשעט אויף פרעמדע פעלדער, דאס האט געדינט אלס בעוויז אז זיין תשובה איז אנגענומען געווארן און ער איז אוועק אויף יענער וועלט ריין אן זינד. גדולים בעלי תשובה!

דער מקור — געלד

ערב יום־כפור, ביים שלאגן מלקות, איז דער דין: ״פניו יהיו מוטים לצד צפון״.

דען ״מצפון זהב יאתה״, הייסט מען איהם דעריבער אויסדרעהען זיך לצד־צפון: אט איז דער מקור פון אלדאס בייז. פון דארט, פון געלד, שטאמען אלא חטאים...

(טורי זהב)

א רינגעלע אין דער קייט

ערב יום כפור, נאך האלבן טאג, איז יוסף ארום געגאנגען טיף פארזארגט. די שטוב איז פול מיט יום כפור׳דיקע לופט, און ער גייט ארום ווי א פרעמדער. אלע רעדן וועגן תענית, גרייטן זיך צו איהם, ערנסטקייט און פחד איז אויסגעשפרייט אויף אלעמענס געזיכטער — און ער, יוסף, פילט אז דאס איז נישט זיינער א טאג. ער איז שוין ווייט פון דעם. איבערגעריסן זענען די פעדימער וואס האבן איהם אמאל געבונדן צום אידישן לעבנס־שטייגער.

יוסף גייט ארום א פארצווייפלטער: ווי וועט ער דורכמאכן דעם יום כפור טאג? דאס פאסטן איז נישט קיין פראבלעם ביי איהם. וועט ער וועלן — וועט ער פאסטן. ער קען א טאג נישט עסן, אפילו נישט זייענדיג קיין גלויביקער. און אויב ער וועט וועלן — וועט ער עסן. דאס קען ער מאכן שטילערהייט, און צוליב דעם וועט ער נישט קומען צו קיין קאנפליקט מיט זיינע עלטערן. זיי וועלן נישט וויסן. אבער וואס טהוט מען מיטן גיין אין שוהל? זאל ער גיין — דאס וועט דאך זיין א צביעות, און אפשר נאך ערגער: א פארברעכן, צו קומען אין שוהל אן אמונה אין הארצן, אן ווילן צו מתפלל זיין. זאל ער נישט גיין — גרויס וועט זיין דער צער פון זיין טאטן, אז ער וועט זעהן אז זיין זוהן איז אפילו צו כל נדרי נישט געקומען אין שוהל. מעג ער איהם פארשאפן אזא צער, אזא בושה?

ער באשליסט צום סוף יא גיין אין שוהל. ער וועט גיין זיך צוקוקן בלויז. ״וואס איז? אפילו נישט־אידן קומען דאך אמאל אין שוהל זעהן ווי אזוי אידן דאווענען״.

ווען יוסף איז געקומען אין שוהל, האבן שוין די כל־נדרי־טענער געהילכט אין איהר. יוסף איז געבליבן שטעהן פארגאפט פון דער

באַצויבערנדער בילד וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר זיינע אויגן: אַ ים פון ווייסקייט וואָס באַוועגט זיך לייכט און ריטמיש מיט אַ שטילער געיאָמער, ווי כוואַלן באַוועגן זיך פון אַ לייכטן ווינטל, און וואונדערליכע כל־נדרי־טענער וואָס זענען אַ אומבאַגרייפליכע קאָמפּאָזיציע פון אומעט און טרייסט, הכנעה און מוטיקייט, פילן אַן דער שוהל מיט אַ טיפן עקסטאַז, וואָס איז געלייטערט און געצוימט דירך דער גרויסע ערנסטקייט וואָס רוהט אויף אַלע געזיכטער. נישט איינמאָל האָט יאָסל געזעהן אַזאַ בילד, אָבער נאָר יעצט ווען ער איז נישט קיין טייל פון דעם, נאָר ווי אַ זייטיגער צושויער געקוקט אויף דעם, האָט ער דערזעהן דאָס בילד אין איהר גאַנצער פּראַכט. ער האָט איינגעגראָבן זיינע בליקן אין די מתפללים, וואָס האָבן זיך פאַר׳דבקה׳ט און באַוועגט לאַנגזאַם, אין די ליכט וואָס האָבן פאַרכטיג געצאַנקט, אין דער לעצטער שוואַכן זונענשטראַל, וואָס האָט געציטערט אין אַ ווינקלע ווי ער האָט נישט געוואָלט שיידן זיך פון דער הייליגער אַטמאָספער, און אַ שטורעם פון געפיהלן האָט אין איהם אויפגעברויזט.

יוסף ווייסט גאַנץ גוט דעם באַדייט פון די כל־נדרי־ווערטער. ער ווייסט אַז דאָס איז נישט קיין תפילה, נישט קיין בקשה, און נישט קיין ווידוי. דאָס איז בלויז התרת נדרים. ווי אַזוי איז אַ געוויינליכער התרה נדרים אַקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויך־ערנסטן און אַ אויפטרייסלענדיקן מעמד? אויף דעם איז נישטאָ קיין תשובה. דער כל נדרי מעמד איז אַ סודות׳דיקער שאַפונג.

דערמאַנט זיך יאָסל וועגן די ערציילונג פון די אנוסים, וואָס דעם גאַנצן פּיין פון זייער באַצוואונגענעם געוויסן, די גאַנצע חרטה פון זייער געצוואונגענעם פאַרלייקענען זיך צו זייער ג־ט, צו זייער פאָלק, האָבן זיי אויסגעגאָסן אין די ווערטער פון כל־נדרי. אין די טיפע אונטערערדישע קעלערן פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען מתפלל זיין. און אין די ווערטער פון כל־נדריי האָבן זיי געפונען אַ טרייסט און אַ באַפרייאונג פון די אַלע צוזאַגעכצער וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט זייערע באַצווינגער — און אַ שטראַל פון ערלייכטערונגס טרערן האָט באַדעקט דער עדה וואָס איז געשטאַנען אַ געבראַכענע פון אַ טאָפּלט־שרעק: שרעק פאַרן משפט פון

בורא־עולם, וואס פאר איהם האט מען זיך למראית עין פארלייקנט און שרעק פון זייערע נאכיאגער פון די אינקוויזיציע.

יוסף באטראכט גוט די פאר׳דבקות׳טע עדה. וואס זעהט ער דא? קלאר: דאס איז א מעמד וואס איז באהערשט פון דעם ווילן צו פאראייניקן זיך, צוזאמענגיסן זיך מיט אלע אידישע דורות פון אלע צייטן. דא הערשט דער ווילן פון דערהויבן זיך צו פאראייניגונג מיט דעם ג־ט׳ליכן גייסט. קוק און זעה, ווי יעדע געזיכט שטראלט, יעדע באוועגונג דריקט אויס גרייטקייט און בענקשאפט. דאס איז א בליץ פון דער אייביגער גרייטקייט צו קידוש־השם, פון דער אייביגער בענקשאפט נאך דער אנטפלעקונג נאך ג־ט׳ס כבוד.

און יוסף טראכט זיך: די דערהויבנקייט פון דעם מעמד ווערט נאך פילבארער דוקא דורך דעם וואס עס ווערט יעצט נישט געזאגט קיין בקשות און ווידוים, דען דאס אלעס פליסט דאך פון קוואל פון דער אייגענער פערזענליכקייט. און יעצט איז א מעמד פון דערהויבונג איבער אלע מחיצות, פון פערזענליכע אינטערעסן און שטרעבונגען. דא שטייט א עדה אידן וואס איהר שטארקסטער ווילן איז יעצט צו זיין א רינגעלע אין דער לאנגער קייט פון די טרעגער פון ג־ט׳ס נאמען אויף דער וועלט. דא שטייט א עדה אידן אן קיין דערקען־צייכנס פון צייט און ארט, פון אלע צייטן פון אלע ערטער.

יוסף האט געפיהלט אז ביי איהם אין הארצן באוועגט זיך עפעס וואס, ער האט דערפיהלט אז טראץ אלעמען איז ער דאך א איד, ער איז א טייל פון אט דעם קערפער, דער ווילן צו זיין צוגעקניפט צו דעם קערפער גייט אין איהם אויף. ער ווערט שטארקער און שטארקער. און ווען דער חזן האט גענומען זאגן כל נדרי צום דריטן מאל, איז יוסף שוין נישט געשטאנען מער ביים טהיר פון שוהל, נאר אינווייניק, און צו זיין פרייד און ענטוישונג האט ער ענטדעקט אז ער האט מיטגענומען א מחזור מיט זיך. ער האט מיטגעזאגט מיט׳ן עולם די כל נדרי ווערטער און געפיהלט א ערלייכטערונג, ווי די אנוסים אין די גרויסע אונטערערדישע קעלערן.

לויטן סדר פון א. ב.

דער רבי ר' בונם איז אמאל געווען אין קארלסבאד צוזאמען מיט'ן ווארקער רבי'ן און זיי האבן זיך בעטראפן דארטן מיט'ן ניקעלשבורגער רב, רבי מרדכי באנעט. איינמאל, ווען זיי האבן שפאצירט צוזאמען אין וואלד, פרעגט רבי מרדכי באנעט דעם רבי'ן ר' בונם, פארוואס מען האט מסדר געווען דעם ודוי פון יום־כפור, די על חטא'ס לויט'ן סדר פון א"ב?

— ס'איז גאנץ פשוט — ענטפערט איהם דער רבי ר' בונם — ווען דער על חטא וואלט נישט געווען לויטן א"ב, וואלט מען דאך נישט געוואוסט ווען מען זאל אויפהערן צו קלאפן...

ווען מען וואלט פארשטאנען

דער קאמינעצער מגיד ר' מענדל זצ"ל האט אמאל געזאגט:

— ווען מען וואלט געזאגט "על חטא" אויף אידיש, אזוי אז יעדער זאל פארשטעהן דאס וואס מען זאגט, וואלטן עס אפילו שיינע אידן געווען איבערגעהיפערט...

צוזאמען מיט א אמתע תשובה

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו (ויקרא).

דער טאג יום כפור איז טאקע מכפר, ווי די חז"ל זאגן אז עיצומו של יום מכפר אבער דאס איז נאר מיטן בעדינג אז "עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם" — אז איהר דארפט אויך תשובה טהון ווי דער רמב"ם זאגט אין הל' תשובה "ועצמו של יוהכ"פ מכפר לשבים" — טאקע נאר פאר די שבים, פאר די וואס טהוען תשובה. און דאס קען מען קיינעם נישט אפנארן ווייל "לפני ה' תטהרו" — עס דארף זיין אזא תשובה וואס זאל דערגרייכן ביז דעם כסא הכבוד ווי דער רמב"ם זאגט "עד שיעיד עליו היודע תעלומות" — עס דארף זיין אזא שטארקע תשובה אז דער אויבערשטער זאל עדות זאגן אז ער מיינט עס טאקע ערנסט און דאן ווערט מען ריין פון אלע זינד.

(אדמו"ר מסאטמאר זצ"ל)

אכטער קאפּיטל: **מליצי יושר**

דער שווערער קטרוג
מיר זענען מוחל
דאס ווינטשן פון א אידענע

אכטער קאפיטל

מליצי יושר

דער שווערער קטרוג

ראש־השנה און יום־כפור פלעגט דער קאזשניצער מגיד זצ״ל זיך נוהג זיין אליין צו דאוונען פארן עמוד. איין יאהר איז ער, יום־כפור ביינאכט צו כל־נדרי, צוגעגאנגען צום עמוד דאוונען. אבער ער איז אזוי געשטאנען ביים עמוד צוויי שעה און מ׳האט קיין ווארט נישט געהערט פון זיין מויל. ער איז געשטאנען פארטיפט אין זיינע מחשבות און ביטערע טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן. די מתפללים אין שוהל זענען געשטאנען אין גרויס אימה און האבן נישט געקענט פארשטיין וואס דאס קען באדייטן. ס׳האט קיינער פון זיי נישט געוואגט צו פרעגן דעם מגיד וואס דאס איז. פלוצלונג האט זיך דער מגיד געגעבן א דריי אויס צום קהל. עס איז געפאלן א טויט־שטילקייט אין שוהל. קיין שארך האט זיך נישט געהערט. דער מגיד האט אויסגערופן מיט א ערנסטע שטימע:

— ״איז דא נישטא אין שוהל א פילאווער איד?״.

אלע האבן געשוויגן ווייל קיין פילאווער איד איז טאקע נישט געווען צווישן זיי. דער מגיד האט ווייטער געפרעגט:

— אפשר איז אבער דא א איד וואס איז באקאנט וועגן די שטאט פילאווע?״.

דא האט זיך אנגערופן איינער פון די מתפללים:

— ״רבי! איך וואוין אין א דארף לעבן פילאווע, איך קען די שטאט זייער גוט. איך פאהר דארט כמעט יעדן טאג צו פארקויפן מילך פון מיין פארעם״.

—״קענסטו דארט דעם פריץ טשארטורינסקי מיט זיין הונט?״ — האט איהם דער מגיד ווידער געפרעגט.

— ״וואס פאר א פראגע, איך קען איהם זייער גוט, איהם און זיין הונט, דער הונט איז זייער א משונה׳דיגער, ער איז גרויס ווי א קוה, ער בילט נישט קיינמאל און בייסט נישט קיינעם״.

— ״ווייסטו אפשר אויך, פון וואנען קומט דער הונט צום פריץ?״ — האט דער מגיד ווייטער געפרעגט דעם אידן.

— ״איך ווייס דאס אויך — האט איהם דער איד געענטפערט — אלע מענטשן אין פילאווע ווייסן פון דעם. דער פריץ איז אמאל אוועקגעפארן זייער ווייט צו א צוזאמענקום פון פריצים. דארט האבן זיי, די פריצים, געשפילט אין קארטן. דער פילאווער פריץ האט געוואונען א סאך געלט און האט דארט געקויפט דעם הונט פאר 18 הונדערט רענדלאך. דער פריץ איז אהיים געקומען מיטן הונט און האט געמאכט פון איהם א גאנצן פאראד. ער האט געהייסן מאכן פאר דעם הונט אביידל וואס האט איהם געקאסט צוויי הונדערט רענדלאך״.

— ״נו, פארוואס האט דער פריץ ארויסגעטריבן דעם הונט?״ — האט זיך דער מגיד נאכאמאל נאכגעפרעגט ביי דעם אידן, צו דער ערשטוינונג פון קהל וועלכער איז געשטאנען שפאנענד און געוואלט כאפן וואס דא טהוט זיך עפעס, וואס דער מגיד איז אזוי פאראינטערעסירט צו וויסן פון יענעם פריץ מיט זיין הונט.

— ״יא, דער פריץ איז איינמאל געווארן שטארק בייז אויף דעם הונט. ער פלעגט איהם געבן 5 קילא פלייש יעדן טאג צו פרעסן, איינמאל האט דער פריץ אליין איהם צוגעטראגן דאס פלייש, האט דער הונט ביי איהם א כאפ געטאן דאס פלייש פון זיין האנט נאך איידער ער האט דאס אוועקגעלייגט פאר איהם. דער פריץ איז אריין אין גרויס כעס און גלייך צובראכן די ביידל און אנגעבראכן דעם הונט די ביינער און איהם פאריאגט פון זיין הויף. ער דרייט זיך יעצט ארום אין די פילאווער גאסן״.

ווען דער איד האט געענדיגט צו דערציילן, האט זיך דער מגיד פארטראכט אויף א ווײלע און נאכער זיך צוריק אויסגעבויגן צום עמוד, אויפגעהויבן די אויגן אין דער הויך און געזאגט מיט גרויס התלהבות: ״דו

הערסט מלאך מיכאל!" און זיך גלייך געשטעלט זאגן כל־נדרי און געדאווענט כסדר.

מוצאי יום־כפור האבן די מקורבים געפרעגט דעם מגיד, וואס דא איז געשעהן נעכטן ביי כל נדרי. דער מגיד האט זיי דערציילט די פאלגענדע מעשה:

— "צו כל־נדרי איז געווען אין הימל א שטארקער קטרוג אויף די אידן. די סיבה פון דעם קטרוג איז געווען וואס אין א שטעטל לעבן קראקע האבן אידן ארויסגעוויזן גרויס אכזריות קעגן א אידן ערגער פון די גוים. די מעשה איז געווען אזוי:

אין יענע שטעטל האט געוואוינט א איד א ארימאן. ער האט געהאט א טאכטער א בוגרת און נישט געהאט מיט וואס איהר חתונה צו מאכן. ער האט קוים פארמאגט אויף טרוקן ברויט. האט זיך זיין ווייב אנגעשטעלט אויף איהם, ער זאל זיך איינפאקן און אנהויבן וואנדערן אין ווייטע שטעט און בעטן ביי אידן רחמנים בני רחמנים מ'זאל צונויף נעמען דעם סכום ער זאל קענען חתונה מאכן זיין טאכטער. דער ארימאן האט זייער קיין חשק נישט געהאט צו דעם ענין. ער איז געווען בטבע א גרויסער ביישן און האט בכלל נישט געוואוסט די מלאכה פון בעטלען. אבער ווען די ווייב האט איהם נישט געלאזט קיין מנוחה, האט ער זיך געמוזט ארויסלאזן אין די גרויסע וועלט. ער האט אבער זייער ווינציג געמאכט, און אויך דאס ביסל געלד איז איהם אוועק אויף זיין ביסן.

ענדליך איז דער ארימאן אנגעקומען אין די שטאט פילאווע. דארט האט ער שטילערהייט געבעטן עטלעכע גבירים זיי זאלן איהם שאפן א געוויסן סכום געלד ער זאל קענען חתונה מאכן זיין טאכטער. אלע גבירים האבן איהם אנטזאגט און געוויזן דעם וועג. דער ארימאן וואס איז געווען א שעמעוודיגער האט זיך געפילט זייער געטראפן פון זיי און איז מיט א צובראכן הארץ ארויס אין דרויסן פון שטאט און זיך זייער יאמערליך צוויינט, פארוואס ער דארף אזוי מבוזה ווערן און דער עיקר וואס ער זעהט נאך נישט קיין אנהויב פון געלט ער זאל שוין קענען עפעס קלערן וועגן חתונה מאכן.

ווען דער איד שטעהט אזוי פארוויינט און פארקלעמט הערט ער א גערויש פון וועגנער. צום ערשטן פארט א וואגן איינגעשפאנט אין פיהר פערד און אונטער דעם וואגן פארן נאך קליינע וועגנער. פלוצלונג גיט זיך דער ערשטער וואגן א שטעל אפ און דער שר וועלכער איז געזעסן אינווייניג זאגט צו דעם דינער ער זאל צורופן דעם אידן.

ווען דער איד איז צוגעגאנגען צום וואגן, פרעגט איהם דער שר וואס איז די אורזאך וואס ער שטעהט אזוי און וויינט. דער ארימאן האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר דעם שר. ער האט איהם דערציילט זיין ביטער הארץ אז ער האט א טאכטער א בוגרת וועלכע פארביטערט איהם זיין לעבן און דא האט ער געמיינט אז ער וועט עפעס קענען מאכן צווישן זיינע ברידער, אבער ער זעהט אז ס׳געהט איהם גארנישט.

דער שר האט איהם נישט געלאזט קיין סאך רעדן און פרעגט איהם "וויפל דארפסטו האבן חתונה צו מאכן דיין טאכטער"? דער איד ענטפערט איהם גלייך, אז מיט א הונדערט רענדלאך וואלט ער געקענט טאן א פיינעם שידוך מיט זיין טאכטער.

דער שר קלערט נישט קיין סאך און נעמט גלייך ארויס א געוויסן צעטל, ער שרייבט אן דארטן א פאר ווערטער און רופט זיך אן צום אידן:

— געה שוין אין די שטאט פילאווע ביי דעם מאגיסטראט און גיב זיי דעם צעטל, וועלן זיי דיר גלייך געבן הונדערט רענדאלך".

דער שר איז גלייך אוועקגעפארן און דער ארימאן איז געבליבן שטעהן נישט וויסנדיג וואס צו טאן. פון איין זייט טרייבן איהם אידן מיט בזיונות און דא מאכט א גוי פון איהם חוזק. דער איד האט זיך בארעכנט אז ער מוז שוין א היים געהן. ער קען שוין נישט אריבער טראגן זיין לאגע. ער איז שוין נישט אריין מער אין פילאווע און זיך געלאזט אין וועג אין ריכטונג פון זיין שטעטל.

איידער ער האט זיך דערווייטערט פון פילאווע איז ער איינגעשטאנען אין א אכסניה לעבן פילאווע. ער האט דערציילט דעם בעל אכסניה פון

זיין לאגע, ווי ער איז צו שפאט און חוזק ביי אידן און ביי גוים, אזוי רעדנדיג, נעמט ער ארויס דעם צעטל וואס דער שר האט איהם געגעבן און ווייזט דאס דעם בעל־אכסניה. ווען יענער נעמט דאס באטראכטן איז ער זייער נתפעל געווארן און איהם געזאגט:

— "דאס איז דאך די האנט־שריפט פון דעם פילאוועד פריץ טשארטורינסקי, געה שוין צום קאסירער פון די שטאט־ראט וועלן זיי דיר באלד אויסצאלן הונדערט רענדלאך.

דער איד האט ווייטער נישט געוואלט גלויבן וואס ער האט איהם געזאגט, ביז וואנען דער בעל־אכסניה האט איהם אנגענומען ביים ארעם און געגאנגען מיט איהם צוזאמען ביים קאסירער. דארט האט ער באקומען די הונדערט רענדלאך. ער איז געווארן מלא שמחה און זיך גלייך פארפאקט און אהיים געפארן. ער האט געקראגן א פיינעם שידוך פאר זיין טאכטער און געפראוועט די חתונה אויף א שיינעם אופן.

— "דער מקטרג האט זיך אנגעכאפט אויף די מעשה — האט דער קאזשניצער מגיד ממשיך געווען — ער האט גע׳טענה׳ט פארן בית דין של מעלה: "היתכן? א איד האט אזוי פיהל ארום געוואנדערט און געבעטן ביי אידן א נדבה און גארנישט געמאכט, און דא האט איהם א גוי געגעבן די גאנצע סומע" — — —

— דעריבער — האט דער מגיד פארענדיגט — האב איך נישט געקענט זאגן כל־נדרי. איך האב געזוכט אלעס מיט וואס אפצווענדן און מאכן צו נישט דעם מקטרג׳ס טענות. איך האב זיך דערמאנט די מעשה פונ׳ם הונט און איך האב געבעטן דעם אידן ער זאל דערציילן די מעשה כדי מבטל צו זיין דעם קטרוג, ווייל נישט צוליב רחמנות האט דאס דער פריץ געטאן וואס ער האט געגעבן דעם אידן די הונדערט רענדלאך, נאר ווייל געלד האט נישט ביי איהם קיין באטרעף. ער האט דאס געטאן נאר פון זיין הנאה וועגן. אט האט ער געקענט אויסגעבן אויף א הונט 18 הונדערט רענדלאך און פאר דער קלענסטע קלייניגקייט איהם ארויסטרייבן. פון אזא מענטשן ברייגנט מען נישט קיין ראיה.

— אין הימל האט מען צוגעהערט צו מיינע טענות און דער קטרוג איז בטל געווארן. ערשט דאמאלס האב איך געקענט אנהויבן צו זאגן כל־נדרי״.

על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע...

וועלכער חטא ווערט דען בעגאנגען אן יצר־הרע?!...

— נאר ס׳זענען פאראן אזעלכע חטאים, ביי וועלכע נישט בלויז דער מענטש, נאר אויך דער יצר־הרע זינדיגט, און דאס איז דאמאלס, ווען דער בעל דבר, אנשטאט צוצורעדן דעם מענטשן צו א עבירה, וואס דאס איז דאך זיין אייגנטליכע מיסיע, נעהמט ער איהם גאר איינרעדן, אז דאס איז א מצוה!... דא בעגעהט שוין דער יצר־הרע אליין אויך א זינד, דען זיין אויפגאבע איז דאך נישט צו זיין א מעקלער ביי מצות... און אט אויף אזעלכע מיני עבירות, ״פרומע עבירות״, זענען מיר זיך מתודה: ״על חטא שחטאנו לפניך ביצר־הרע״ — עבירות, וועלכע מיר האבן אנגענומען פאר מצות; עבירות ביי וועלכע מיר האבן געזינדיגט צוזאמען און בשותפות מיט׳ן יצר־הרע!...

(תפארת שלמה)

צובינדן די פיס...

אין פיוט פון יו״כ זאגן מיר: ״מסטין בכבל אסור״. דער כח פונ׳ם שטן איז דאך נאר מיטן מויל, איז וואס וועט אויפטאן דאס וואס מ׳וועט איהם צובינדן?

האט דערויף דער צדיק רבי לוי יצחק בארדיטשעווער געזאגט:

— ווי בעוואוסט, האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג זיין אום יוכ״פ. אין פסוק ווערט געברענגט אז דער כף רגל פון מלאכים איז ווי דער כף רגל העגל, און דערפאר איז ״בשתים יכסה רגליו״, כדי נישט צו דערמאנען דעם מעשה העגל. אבער דער שטן, אין יום־כיפור, אז ער קען נישט מקטרג זיין מיט׳ן מויל, הויבט ער אויף די פיס כדי צו מזכיר זיין דעם מעשה העגל. און דערפאר בעטן מיר: מסטין בכבל אסור, אז מ׳זאל דעם מסטין צובינדן זיינע פיס, ער זאל נישט קענען מקטרג זיין ברגליו...

מיר זיינען מוחל

ערב יום כפור פארנאכט. די חסידים ווארטן אין בית המדרש, דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זאל אריינקומען צו כל נדרי, און דער רבי ר׳ מאיר׳ל איז נאך אלץ נישטא, גאר שפעט האט ער זיך בעוויזן אויפן שוועל פון בית מדרש, ער האט געקוקט אויפן עולם און דערנאך געזאגט:

— איך זעה, אז איהר זענט שוין אלע דא, און איהרווארט אז מאיר׳ל זאל צוגעהן זאגן כל נדרי, וויל איך אייך זאגן, אז ווען אפילו איהר וועט ווארטן דא ביז מארגן וועט מאירל אויך נישט געהן זאגן כל נדרי. מיר האבן געלערנט אין יומא: ״עברות שבין אדם למקום יום הכיפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חברו״, אז עברות וועלכע מען איז בעגאנגען פון איינעם אויפן חבר, ווערט נישט פערגעבן דאס זינד, סיידן מען בעט איבער דעם חבר, דעריבער וויל מאיר׳ל, אז איהר זאלט זיך איינער דעם צווייטן מוחל זיין.

איז געווארן א גערודער צווישן עולם, און אלע האבן געשריגן:

— מיר זענען מוחל איינער דער אנדערן!

אבער דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער איז נאך אלץ געשטאנעןביים שוועל פון שוהל און האט זיך נישט געריהרט פון ארט, ער האט געזאגט:

— איהר מיינט געוויס, אז מאירל פערשטעהט גאר נישט, יעצט זענט איהר זיך טאקע מוחל איינער דעם צווייטן, אבער וואס וועט זיין אז עס וועט אריבער געהן דער הייליגער טאג, טאמער וועט איימיצער זיין שולדיג פאר דעם אנדערן א חוב, וועט ער איהם דאך צונעמען אפילו דאס קישן פון בעט, נישט דאס וויל מאיר׳ל, מאיר׳ל וויל, אז דער וואס קען

בעצאהלן נאר ער האט נישט אויפן פלאץ, מען וועט דארפן ווארטן ביז ער וועט קענען צוזאמענשטעלן דעם חוב, זאל מען אויף איהם ווארטן, און דער וואס קען נעבעך נישט בעצאהלן, וואס וועט מען ביי איהם צונעמען, די נשמה?

אין שוהל האבן זיך דאן געפונען עטליכע גבירים פון לעמבערג, זיי האבן פארשטאנען, אז דער רבי ר׳ מאירל ציהלט זיינע ווערטער צו זיי, זענען זיי צו איהם צוגעגאנגען און איהם געזאגט:

— רבי, מיר וועלן טאהן ווי איהר וועט אונז הייסן!

באלד איז דער רבי ר׳ מאיר׳ל צוגעגאנגען צום עמוד און אויסגערופן:

— רבונו של עולם, זעה, די אידן זענען זיך מוחל איינער דעם אנדערן מיטן גאנצן הארצן, זיי זשע אויך זיי מוחל.

און ער האט גלייך אנגעהויבן צו זאגן כל נדרי.

נאר פארן אידישן פאלק

דעריבער הויבט אן דער חזן צו דאוונען ימים נוראים מיט דעם ווארט המלך וואו ער שרייט עס אויס אויפן הויכן קול, דאס ווילן מיר דערמיט מרמז צו זיין מיט דעם ראשי תיבות ״כח מעשיו הגיד לעמו״ וואס דאס זיינען די ראשי תיבות פון ״המלך״ צו זאגן דערמיט ווי רש״י זאגט אנהויב בראשית: ״מה טעם פתח בבראשית משום כח מעשיו הגיד לעמו שאם יאמרו עכו״ם לישראל ליסטים אתם וכו׳ הם אומרים להם כל הארץ של הקב״ה, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו״. דאס איז א טענה צו פארמאכן דעם מויל פון מקטרג וועלכער קומט טענה׳ן אז די וועלט געהער צו די אומות העולם, און דאס אידישע פאלק בעטןביים אויבערשטן ער זאל משפיע זיין פאר זיי בני חיי ומזוני רויחי, טענה׳ן מיר צום מקטרג, אז די גאנצע וועלט איז דאך באשאפן געווארן פאר אידנס וועגן ממילא קומט דאך אונז אויך א שפע אויף דער וועלט, און אזוי איז אויך דער רצון השם יתברך.

(שער יששכר לאדמו״ר ממונקאטש זצ״ל)

דאס ווינטשן פון א אידענע

נישט בלויז חסידים פלעגן קומען קיין בארדיטשוב, צום גרויסן צדיק, דעם בעריהמטן "קדושת לוי", כדי ביי איהם צו זיין אויף איבער די ימים נוראים. עס פלעגן דאס אויך טהון נשים צדקניות, וואס האבן געוואלט — כאטש פון דערווייטנס — האבן די זכיה צו הערן דעם צדיק דאוונען און פארנעמען זיינע תנועות.

איינע פון די דאזיגע פרויען איז געווען די פרומע גיטעלע, וועלכע האט געוואוינט צוזאמען מיט איהר מאן אין א קרעטשמע, נישט ווייט פון בארדיטשוב.

זי איז — א חוץ איהר פרומקייט — אויך געווען א גרויסע אשת חיל און דערצו א נאך גרעסערע בעלת צדקה. א סך ארימע פאמיליעס פון בארדיטשוב זיינען פון איהר געשפייזט געווארן בכבוד ובסוד גדול, אז עס זאל קיינער דערפון נישט וויסן און זיי זאלן דערפון נישט ליידן קיין בושות.

האט זיך איינמאל געמאכט עפעס א סיבה, אז די דאזיגע פרומע גיטעלע האט זיך פארשפעטיגט אין דארף און נישט געקענט קומען אין שטאדט אריין צו דער צייט, ווען מען האט שוין געדארפט זאגן "כל נדרי".

דער בארדיטשובער האט געוואוסט פון דער פרומער גיטעלע'ס אבוועזנהייט און אז זי איז נאך נישטא אין דער ווייבער שול און ער האט אלץ געווארט מיט'ן אנהויבן זאגן "כל נדרי".

דערווייל איז זי אנגעקומען אין שוהל אריין, א פארסאפעטע און א פארמאטערטע. זי איז זייער גיך געלאפן, ווייל זי האט מורא געהאט אז זי זאל נישט פארשפעטיגן...

ווען זי האט דערזעהן אז מען האט נאך גאר נישט אנגעהויבן צו זאגן, איז זי זייער דערפרייט געווארן און זי האט אבגעגעבן א שבח צום רבונו של עולם:

— האר פון די גאנצע וועלט! מיט וואס קען איך דיר אבדאנקען פארן גרויסן חסד וואס דו האסט היינט מיט מיר געטאן, אז איך בין נאך געקומען אין דער צייט צו "כל נדרי"? איך ווינטש דיר אבער, אז דו זאלסט האבן אזוי פיהל פרייד פון דיינע קינדער, דאס פאלק ישראל, וויפל נחת דו האסט מיר פערשאפט דערמיט וואס איך האב נישט פארשפעטיגט!

מוצאי יום כפור, ווען דער בארדיטשובער איז געזעסן מיט זיינע מקורבים און ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, האט ער זיי דערצעהלט, וואס ער האט געהערט און געזעהן אין דעם היינטיגן הייליגן טאג, האט ער אויך, מיט א שמייכל געזאגט:

— די ווינטשעוואניע צום רבונו של עולם פון דער פרומע גיטעלע, האט דערגרייכט ביז צום כסא הכבוד. א סך, ביז איצט פארשלאסענע, טויערן, האבן זיך פלוצים געעפנט און אידישע תפילות זיינען דורך זיי דורכגעגאנגען און אנגעקומען צו זייער ריכטיגן ארט.

סלחתי

דריי הונדערט פיהר און זעכציג טעג אין יאהר האט דער שטן רשות צו מקטרג זיין אויף אידן, וויפל עס באטרעפט דאס ווארט "השטן", אויסער יום כפור. זאגט צו איהם דער אויבערשטער: היינט האסטו נישט קיין רשות צו רעדן שלעכטס אויף אידן, פונדעסטוועגן וואלט איך וועלן זאלסט געהן זעהן מיט וואס זיי פארברענגען. ווען דער שטן קומט צו די אידן און טרעפט זיי אלעמען פאסטן, אנגעטאן ווייסע קליידער און עוסק זיין מיט תשובה און תפלה, קערט ער זיך אום א פארשעמטער. פרעגט איהם דער אויבערשטער: וואס האסטו געפונען ביי מיינע קינדער? — זיי זענען גלייך ווי מלאכים — ענטפערט דער שטן. באלד בינדט איהם ג־ט און זאגט אן די אידן די בשורה: סלחתי!

(מדרש שו"ט פ"ל)

ניינטער קאפיטל: **הילף און רעטונג**

וועןמען קען נישט אראפשלינגען
אהיים געשיקט
מתים צו כל נדרי
ראש השנה שרייבן זיי...
דער נס פון יום כפור
השם יתברך וועט העלפן
דער הייליגסטער טאג
דער טאפלטער נס

ניינטער קאפיטל

הילף און רעטונג

ווען מען קען נישט אראפשלינגען

געפיהרט האט זיך דער אפטער צדיק ז״ל אויפצונעמען זיינע חסידים ערב יום כפור נאכמיטאג, אבער נישט ווי שטענדיג אין זיין בעזונדער צימער, נאר אין גרויסן זאל, און אלעמען צוזאמען. דער צדיק אליין פלעגט באלד נאך מנחה אריינקומען אין זאל, וואו עס איז שוין פון פריער געשטאנען א גרויסער טיש, ער פלעגט צוגעהן צום טיש, אוועקלעגן דארטן זיין יארמולקע, און אלע חסידים פלעגן פארבייגעהן נעבן דעם צדיק, אריינווארפן דורכגעהענדיג זייערע קוויטלאך אין יארמולקע, און דער צדיק פלעגט בשעת מעשה יעדן איינעם צווינטשן א חתימה טובה.

כאטש דער רבי האט די קוויטלאך נישט געלייענט, האבן אלע געגלויבט באמונה שלמה, אז דער צדיק ווייסט וואס אין יעדן קוויטל שטעהט געשריבן, ער ווייסט יעדערן וואס עס דריקט איהם אויפן הארצן און ער גיט זיין ברכה, אז עס זאל ווערן ערפיהלט יענעמ׳ס וואונטש, און וויבאלד ערב יום כפור פאר מנחה איז די שטימונג זייער געהויבן, דער צדיק געפינט זיך דאן אין א הויכע מדרגה, און זיין ברכה האט גאר א גרויסן ווירקונג, פלעגן חסידים קומען פון אלע ווינקעלאך פון לאנד צום אפטער רב אויף יום כפור. דאס מערהייט פלעגט טאקע קומען דער עיקר כדי זיך צו געפינען אין אזא גרויסן פארכטיגן טאג, אין דעם אנוועזנהייט פון אזא גרויסן צדיק, הערן זיינע תפלות, זעהן ווי ער פראוועט די עבודה, וועלכע ער האט געפראוועט אויף א חוץ מדרך הטבע׳דיגן אופן און בעקומען דורך איהם א רוח טהרה און קדושה, א התעוררות צו טאהן תשובה, זיך ארויס טאהן פון דעם גשמיות׳דיגן עולם, און שעפן רוחניות. אבער א סאך האבן פשוט געוואלט האבן די זכיה צו קריגן פון צדיק די ברכה פון א חתימה טובה, און אריינווארפן דעם קוויטל אין דער יארמולקע אריין.

און אז דער אפטער רב האט טאקע געוואוסט נישט נאר וואס אין יעדן קוויטל שטעהט געשריבן, נאר אויך אין וואס יעדער איינער נויטיגט זיך, קען מען זעהן פון דער פאלגענדער מעשה.

ווי געזאגט פלעגט דער צדיק שטעהן ביים טיש, און די חסידים פלעגן פארבייגעהן דורך איהם פון דער אנדערער זייט טיש, דער צדיק האט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, זיין מח איז געווען פערטיפט אין העכערע געדאנקען, און עס איז גאר קיין וואונדער נישט, אין אזא צייט ווען מען דארף זיך צוגרייטן צום אנקומען פון הייליגסטן טאג אין יאהר, ווי קען מען דען אינזינען האבן דאס ארציות, דאס ערדישקייט. דער עולם, וועלכער איז געווען אויסגעשטעלט אין שורות־ווייז, איז זיך דורך געגאנגען פאמעלעך איינער נאך דעם אנדערן, נישט אויסריידנדיג קיין ווארט, נישט אראפלאזנדיג די אויגן פון צדיק, און בלויז א פארכטיגע שטילקייט האט געהערשט אין זאל.

מאכט זיך איינמאל ערב יום כפור, דער עולם געהט פארביי דעם צדיק, יעדערערווארפט אריין זיין קוויטל אין יארמולקע און קריגט די ברכה פון א חתימה טובה. אבער אט קומט צו איינער א חסיד, הויבט אויף די האנט און וויל אריינווארפן דעם קוויטל, גיט דער צדיק פלוצלונג א געשריי:

— האלט דעם קוויטל!

דער עולם איז געבליבן שטעהן פערחידושט, אזא זאך האט נאך קיינמאל נישט פאסירט, מען פערשטעהט אז עס איז נישט אזוי פשוט, אבער וואס געהט דא פאר, ווייסט מען נישט.

דער צדיק ווערט פערטראכט און דערנאך ווענדעט ער זיך צום חסיד:

— נו, וואס ווארטסטו, יעצט איז קיין צייט נישטא, גיב נאר אהער דאס קוויטל.

דער חסיד דערלאנגט דאס קוויטל צום צדיק, און צום ערשטן מאל, האבן חסידים דערזעהן א ענדערונג אין דעם מנהג, אנשטאט מען זאל

ארײנלעגן דעם קוויטל אין יארמולקע, האט עס דער צדיק איבערגענומען אין זיינע הענד, עס געעפנט, און דעריין שטארק ארײן געקוקט.

די אייניגע סעקונדן וואס דער צדיק האט ארײנגעקוקט אין קוויטל האט זיך אלעמען אויסגעדוכט ווי א אייביגקייט, א מוראדיגע שטילקייט האט געהערשט אין זאל, אלע זענען געשטאנען פערגאפט, און געווארט נייגעריג צו זעהן דאס קומענדיגע.

און דער צדיק האט געקוקט אין קוויטל, געקוקט אויף זיין חסיד, דאן ווידער א קוק געטהון אין קוויטל און ענדע אויסגערופן:

— נו, אז מען קען נישט אראפשלינגען, שפייט מען ארויס!

דאן האט ער צוזאמענגעלעגט דעם קוויטל, ארײנגעווארפן אין יארמולקע, און נאך דעם זאגנדיג די ווערטער פון די ברכה "א חתימה טובה", האט ער געהייסן די קומענדיגע זיך דערנעהנטערן און ארײןווארפן די קוויטלאך אין דער יארמולקע.

די דאזיגע עובדה האט ארויסגערופן ביי אלע חסידים גרויס ערשטוינונג, וואס הייסט דאס, "אז מען קען נישט אראפשלינגען שפייט מען ארויס", וועגן וואס אזוינס האט דער איד געבעטן אין זיין קוויטל. אבער נאך גרעסער איז געווען דער חידוש, ווען דער חסיד האט ערקלעהרט אז ער אליין פערשטעהט אויך נישט דעם גאנצן ענין, ער האט אין זיין קוויטל געבעטן א חתימה טובה פאר זיך און פאר זיינע בני בית, ער האט געבעטן א געזונט יאהר מיט פרנסה און נחת, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, אבער וואס פאר א שייכות האט דעם רבינס ווערטער מיט זיין קוויטל, פערשטעהט ער לגמרי נישט.

✡

עס איז דאך ערב יום כפור פארנאכט, איז זיך דער גאנצער עולם צוגאנגען פערפאסטן און זיך צוגרייטן צו געהן אין שוהל צו כל נדרי, און יום כפור פערשטעהט זיך אז מען האט נישט קיין צייט צו טראכטן נאר וועגן תפלה און תשובה, בעזונדערס ווען מען געפינט זיך אין דער אנוועזנהייט פון אזא גרויסן צדיק, מען פיהלט דאך ממש א התרוממות

הנפש, מען טאפט מיט די הענט די הייליגקייט פון דעם טאג, די פארכטיגקייט פון יום כפור, ווער האט דאן צייט צו טראכטן וואס עס איז געשעהן נעכטן ביים קוויטלאך נעמען.

מוצאי יום כפור, ווען דער עולם האט שוין גענומען עפעס אין מויל האט מען זיך ווידער דערמאנט אין דעם נעכטיגן אויסטערלישן פאסירונג, און גענומען שמועסן וועגן דעם, מען האט פרובירט צו טרעפן דעם צדיק׳ס כוונה מיט זיינע מאדנע אומפארשטענדליכע דיבורים. מען האט געזאגט פארשידענע השערות, אבער קיינעם איז נישט געלונגען צו געבן א אמתן אפטייטש צו די ווערטער.

פארשטאנען רעכט דעם רבינס דיבורים, האט מען ערשט שפעטער, ווען דער חסיד האט זיך אומגעקערט צוריק אהיים, דאן האט מען געזעהן די גדלות פון הייליגן אפטער צדיק, ווענענס אויג זעהט ווייט און פאר ווען עס איז קיין בעהעלטעניש נישטא, געשעהן איז דאס פאלגענדע:

ווען דער חסיד איז צוריק געקומען אהיים, זענען זיינע בני בית איהם אנטקעגן געקומען מיט גרויס שמחה, און דערצעהלט וואס פאר א נס עס האט מיט זיי געטראפן, ממש א נס פון הימל.

— מיר דארפן לויבן און דאנקען דעם רבונו של עולם, פאר דעם גרויסן חסד וואס ער האט מיט אונז געטאהן — האט זיין פרוי אויסגערופן — אונזער טאכטער איז דאך ממש געראטעוועט געווארן פון טויט.

— וואס איז דען געשעהן? — האט דער חסיד געפרעגט פערוואונדערט.

דערצעהלט מען איהם אזא מעשה, ווען די מענטשן פון שטוב האבן זיך געזעצט עסן, האט די טאכטער, שוין א עלטערע מיידל, גענומען א ביסן עוף און א ביינדל האט זיך איהר געשטעלט אין האלז, זי האט זיך גענומען ווערגן, מען האט איהר גענומען קלאפן אין רוקן, אבער עס האט נישט געהאלפן. איז געווארן א טומל, שכנים זענען זיך צוזאמען געלאפן, יעדערער האט זיך משתדל געווען צו טאהן פארשידענע סגולות, מען האט

אויך געבראכט א דאקטער, אבער עס האט קיין זאך נישט געהאלפן, דאס מיידל האט שוין נישט געקענט אטעהמען, זי איז געווארן אינגאנצן בלוי, און מען האט געזעהן מיט די אויגן אז עס האלט מיט איהר שלעכט, דער דאקטער וועלכער האט זיך מיט איהר געפארעט, האט פערבראכן מיט די הענד, און טרויעריג צוגעשאקלט מיטן קאפ, ער האט שוין נישט געדארפט ריידן, מען האט אליין פערשטאנען וואס דאס מיינט, בפרט ווי מען האט געזעהן ווי דאס מיידל אטעהמט שווער.

אבער פלוצלונג האט זיך דאס מיידל אויפגעהויבן און האט אויסגעשפיגן דאס ביינדל, אזוי ווי מען שפייט עפעס אויס א זאך וועלכן מען קען נישט אראפשלינגען, אין עטליכע מינוטן שפעטער איז זי צו זיך געקומען, ווי עס וואלט מיט איהר גארנישט געטראפן.

— אין וועלכע צייט איז עס געשעהן ? — האט דער חסיד געפרעגט.

דערצעהלט איהם זיין פרוי, אז דאס איז געשעהן ערב יום כפור פארנאכט, באלד נאך מנחה ווען זיי האבן זיך געזעצט עסן די סעודה המפסקת.

— יעצט פארשטיי איך שוין אלעס — האט דער חסיד אויסגערופן מיט ערשטוינונג — דער רבי זאל לעבן האט שוין איינמאל געוואוסט וואס ער האט געזאגט, ער האט געזעהן אין וואס פאר א סכנה מיין טאכטער געפינט זיך, האט ער דעריבער גערעדט די ווערטער, און איהר דערמיט געראטעוועט.

ער האט דערצעהלט פאר זיין בני בית, וואס מיט איהם איז פארגעקומען ביים רבין ערב יום כפור פארנאכט בשעת ער האט דערלאנגט דעם קוויטל. דעם רבינס ווערטער "אז מען קען נישט אראפשלינגען שפייט מען ארויס" איז שוין נישט געווען אבי סתם גערעדט, עס האט געהאט טאקע א גרויסן שייכות מיט דעם חסיד'ס קוויטל.

אהיים געשיקט

א וואונדערליכע מעשה וואס בעווייזט דאס גדלות פון חוזה פון לובלין זצ״ל, ווערט דערצעהלט אין ספר ״דרך יבחר״, וואס האט פאסירט מיטן מחבר גופא און זיין פאטער דער קארלסבורגער רב ר׳ יחזקאל זצ״ל.

ר׳ יחזקאל פלעגט גאנץ אפט פאהרן צום חוזה פון לובלין, און ער האט נישט געקוקט אויף קיין שום שוועריגקייט מיט וואס עס איז געווען פערבונדן, אין יענע יאהרן, אזא ווייטע נסיעה. ר׳ יחזקאל איז געווען איינער פון די געטרייסטע תלמידים און אנהענגער פון חוזה און ער האט נישט געטהון די מינדעסטע זאך אן די הסכמה פון רבין.

אויף ראש השנה פון יאהר תקס״ה איז ר׳ יחזקאל געקומען צום חוזה קיין לובלין. דארט האט ער זיך געטראפן מיט זיין ידיד־נאמן, דער רב פון אדעבורג, ר׳ שמעון.ביידע ידידים, וואס האבן זיך שוין יארן לאנג נישט געזען, האבן זיך שטארק דערפרעהט, נישט אבגעטרעטן איינער פון אנדערן און עס איז געווען ממש לא זזה ידו מתוך ידו.

נאך ראש השנה האט ר׳ שמעון אויסגערופן צו ר׳ יחזקאל׳ען:

— ווייסט איהר, קארלסבורגער רב, עס איז ביי מיר געבליבן במוסכם צו פאהרן אויף יום כיפור צום קאזשניצער מגיד. פאלגט מיך, פאהרט מיט, און מיר וועלן זעהן דאס הייליגע עבודה פון מגיד הקדוש אין הייליגן טאג.

— אייער פלאן געפעלט מיר גאנץ גוט, אבער אן דער הסכמה פון רבין, וועל איך קיין קאזשניץ נישט פאהרן...

— נו, געהט זשע אריין פרעגן דעם רבין. איך ווייס אז דער רבי איז נישט מקפיד אויף אזעלכע זאכן...

איז ר׳ יחזקאל אריינגעגאנגען צום חוזה און דערציילט איהם אז ער וויל זיך געזעגענען, ווייל ער וויל פאהרן אויף יום הקדוש קיין קאזשניץ.

האט זיך אויפגעשטעלט דער חוזה פון זיין ארט און אויסגערופן:

— הס־מלהזכיר, איהר טארט נישט פאהרן קיין קאזשניץ, נאר איהר מוזט שוין פאהרן אהיים אויף יום הקדוש.

איז ר׳ יחזקאל שטארק געווארן צוטומלט און אויסגערופן:

— אויב איהר גיט מיר נישט קיין רשות צו פאהרן קיין קאזשניץ, לאזט מיך כאטש דא בלייבן אין לובלין, דער וועג איז דאך אזא ווייטער, די הוצאות זענען גרויס, און דא שיקט איהר מיך שוין אהיים!...

— עס וועט אייך גארנישט העלפן איהר מוזט שוין אהיימפאהרן!

— האט דער חוזה א זאג געטהון און אוועקגעזעצט זיך אויף זיין ארט.

איז ר׳ יחזקאל ארויס פון רבין א שטארק צוקאכטער און דערציילט דעם אדעבורגער רב ר׳ שמעון׳ען דעם אנזאג פון רבין, אז ער זאל שוין פאהרן אהיים. דערביי האט ער געהאט שטארק תרעומת אויף ר׳ שמעון׳ען אז צוליב איהם און זיין פלאן צו פאהרן קיין קאזשניץ, מוז ער אהיימפאהרן און ער טאר אפילו אין לובלין אויך נישט זיין.

— איך וועל פרובן אריינגעהן צום רבין און פועל׳ן פאר אייך אז ער זאל מסכים זיין דאס איהר זאלט פאהרן קיין קאזשניץ — האט זיך ר׳ שמעון אנגערופן.

און ר׳ שמעון איז אריינגעגאנגען צום רבין, פערבראכט דארט א לייגערע צייט און איז צוריקגעקומען.

— איך האב גארנישט געקענט ביי איהם פועל׳ן. פערפאלן, איהר מוזט פאהרן. מן הסתם זעהט דער רבי וואס איך זעה נישט...

און נאך אין דעם זעלבן טאג האט ר׳ יחזקאל זיך געלאזט אויפ׳ן וועג אהיים וואו ער איז אנגעקומען פונקט ערב יום כיפור.

אהיימקומענדיג האט ער געטראפן זיין איינציגן זוהן בצלאל (דער

מחבר פון ספר "דרך יבחר") וועלכער איז נאך געווען גאר א יונג קינד אלס א חולה מסוכן. אין שטוב איז א טומל, דאקטוירים אריין, דאקטוירים ארויס, גייען אוועק מיט לעדיגע הענד, ערקלערנדיג אז בדרך הטבע איז שוין גארנישט דא וואס צו מאכן און נאר פון הימל קען מען רחמנות האבן אויפ'ן חולה...

עס איז איבריג צו שילדערן דעם צער פון דעם טאטן, וועלכער האט, אהיימקומענדיג, אנגעטראפן זיין איינציג קינד אין אזא מצב, און דא קומט אן דער הייליגער טאג...

א גאנצן טאג האט מען אנגעווענדעט אלע מיטלען, אבער עס איז דעם קינד גארנישט בעסער געווארן. פארנאכט, ווען עס איז געקומען די צייט פון כל־נדרי, האט ר' יחזקאל אויפגעפאדערט זיין ווייב די רביצין, די מוטער פון קינד, אז זי זאל נישט געהן אין שוהל אריין צום דאווענען, נאר זי זאל זיצן ביים קינד און זיך בעמיהען צו געבן איהם עפעס אין מויל אריין, די רפואות וואס די דאקטוירים האבן פערשריבן און אביסל וואריםע טהיי און ער וועט גיין אין שוהל אריין מתפלל זיין צום רבונו של עולם פאר'ן לעבן פון זייער איינציג קינד, — גלויב מיר — האט ער געזאגט — ווען איך וואלט נישט געווען דער רב פון שטאדט וואלט איך אליין דא פערבליבן ביים קינד...

ווען ר' יחזקאל איז אוועק צום דאוונען, האט די רביצין זיך מיישב געווען, וואס הייסט, ווי אזוי וועל איך אין הייליגסטן טאג בלייבן זיצן אין דער היים און נישט געהן אין שוהל אריין? האט זי געדונגען א אידענע, זי זאל זיצן ביים קינד און אליין איז זי געלאפן אין שוהל אריין...

אבער אויך די אידענע, די פלעגערין, האט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. עס האט איהר אויך געצויגן אין שוהל אריין. האט זי דעריבער זיך מיישב געווען און איבערגעלאזט דאס קראנקע קינד אליין, און געלאפן אין שוהל אריין, געשטעלט זיך ביי דער טהיר, מיט'ן אויסרעכענונג אז גלייך ווי נאר מען וועט ענדיגן דאס דאווענען, וועט זי אהיים לויפן, נאך איידער די שטוב־לייט וועלן אנקומען און עס וועט קיינער נישט וויסן אז זי איז דא געווען...

אזוי ארום איז דאס מסוכנ׳דיג־קראנקע קינד, וואס האט אלע ווײלע זיך געגויטיגט אין א פאר טראפנס ווארימס און די רפואות וואס די דאקטוירים האבן פערשריבן, געבליבן אליין, אן שום השגחה, אן א ביסל נעהרונג, בלייבנדיג ליגן פערשוואכט...

אבער ר׳ יחזקאל, דער פאטער פון קינד, האט קיין רוה נישט געהאט. עס האט איהם געצויגן אהיים. און אפשר דערפאר, ווייל לב יודע מרת נפשו, אזוי, אז ווען מען האט אבגעדאוונט די שטילע שמונה־עשרה, איז ער גלייך אהיימגעלאפן זעהן וואס דאס קינד מאכט.

ווי פינסטער איז איהם געווארן פאר די אויגן, געפינענדיג די שטוב לעהדיג. קיין שום מענטש איז נישטא און דאס קינד ליגט פערשמאכט, קוים וואס עס אטעמט...

ר׳ יחזקאל האט נישט לאנג געטראכט, אנגעגאסן אויף א לעפעלע א ביסעלע טהיי און צוגעשטעקט דאס לעפעלע צום ברענענדיגן יום־כיפור־ליכט אנצוווארימען און אריינגעגאסן אין מויל אריין די פאר טראפנס...

דערנאך האט ר׳ יחזקאל זיך אוועקגעשטעלט מתפלל זיין מיט גרויס בכיות צום רבונו של עולם, דער רופא חולים, אז ער זאל שיקן זיין רפואה צו זיין איינציג קינד אין זכות פון הייליגן צדיק פון לובלין, וועלכער האָט דאס פאראויס געזעהן און איהם אהיימגעשיקט, א סימן, אז עס איז נאך דא א האפנונג.

מיט׳ן טאג צוגלייך האט דעם קינד אנגעהויבן בעסער צו ווערן. מען האט געזעהן בחוש, אז נייע כוחות האבן זיך דערוועקט אין דעם קינד. פונדעסטוועגן איז ר׳ יחזקאל מעהר נישט אפגעטרעטן פון קינד. זעהענדיג אויף וועמען ער האט זיך צו פערלאזן און השי״ת האט געהאלפן, דאס קינד איז געזונד געווארן.

ווען דאס קינד איז אינגאנצן געזונד געווארן איז ר׳ יחזקאל געפאהרן קיין לובלין, צום חוזה, צו דאנקען איהם דערפאר, וואס ער האט איהם אהיימגעשיקט אויף יום כיפור, ווייל א דאנק דעם האט ער געהאט די מעגליכקייט צו ראטעווען זיין קינד, און גלייכצייטיג האט ער געבעטן

ביים רבין א תיקון פאר דעם חילול יום כיפור, הגם פיקוח נפש איז דוחה שבת און יו"כ, אבער דאך וויל ער מתקן זיין דעם דאזיגן חטא.

האט דער הייליגער חוזה זיך צושמייכלט און אנגערופן:

— זארגט נישט, קארלסבורגער רב, דאס קינד וועט זיין א אור גדול, א מורה הוראה בישראל און ער וועט מרביץ תורה זיין ברבים עד זקנה ושיבה, אזוי אז איהר דארפט זיך נישט מצער זיין פאר'ן חילול יו"כ צוליב איהם...

און אזוי איז טאקע געווען, דער "דרך יבחר" האט מאריך ימים געווען, מרביץ תורה געווען ברבים און מעמיד געווען א סך תלמידים.

ס'איז איהם בעסער

ביים צאנזער רבין זצ"ל אין בית־המדרש איז אמאל אין יום כיפור א גביר א קמצן אוועקגעפאלן אין חלשות.

דער רבי האט באלד געהייסן איהם דערלאנגען א לעפעלע וואסער, ווייניגער ווי א מלוא לוגמיו. דער פערחלשטער איז אבער ווייטער געלעגן אין אנמאכט.

— זאגט איהם — האט דער רבי געזאגט — אז איך בין איהם מתיר צו געבן נאך עטליכע לעפעלעך וואסער, נאר בתנאי, אז פאר יעדן לעפעלע וואסער זאל ער געבן 100 גילדן צדקה.

דערהערנדיג דאס, איז דער גביר באלד געקומען צו זיך און מעהר נישט געוואלט טרינקען...

בשם אומרו

איינמאל יום־כפור נאך "כל נדרי" גיט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער א קלאפ אין טיש, שטילט־איין דעם עולם און רופט־אויס:

— רבותי! די חז"ל זאגן אונז, אז "כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" — ובכן, זאג איך טאקע, ליבע אידן, בשם אומרו, אז — "ויאמר ד' סלחתי כדבריך"!...

מתים צו כל נדרי

אין דער שטאט פויזן איז געווען א מנהג, אז אידן, אפילו אין די ימים נוראים, דעקן נישט איבער מיט די טליתים זייער קאפ ביים דאוונען אין א שוהל אדער אין בית מדרש.

די אידישע קהילה אין פויזן איז געווען איינע פון די עלטסטע און וויכטיגסטע אין דעם אלטן פוילישן קעניגרייך. די דארטיגע אידן האבן געפירט גאר גרויסע געשעפטן און דער גאנצער האנדל איז פאקטיש געלעגן אין אידישע הענט. דערפאר איז די פויזנער קהילה געווען די רייכסטע און די אנגעזעהענסטע איבער דעם גאנצן לאנד. א סך יארן זענען דארט געווען גרויסע און באריםטע רבנים, ווי אויך גרויסע למדנים.

די גלאנץ־יארן פאר די אידן אין פויזן זענען געווען מיט איבער דריי הונדערט יאר צוריק. דעמאלט איז ביי זיי געווען רב דער וועלט־באריםטער גאון ר׳ מרדכי יפה. ער איז דארט געווען רב דרייצן יאר, פון ש״ס ביז שע״ג. אין דער דאזיגער צייט האבן די אידן אין פויזן געהאט מנוחה. זיי האבן געוואוסט, אז דער זכות פון דעם גרויסן צדיק בעשיצט אויף זיי אלעמען, און אז מיט זיין גרויסן כוח התורה איז ער אימשטאנד נישט צו דערלאזן, אז עס זאל זיי עפעס שלעכטס געשען.

פויזן איז אין יענער צייט געווען א זעהר וויכטיגע האנדלס־שטאט. א חוץ די אידן, האבן דארט געלעבט און געפירט מסחרים אויך אנדערע, נישט־אידן, און איבערהויפט זענען דארט געווען דייטשע סוחרים און בעלי מלאכות. פאר די דאזיגע דייטשן זענען די אידן תמיד געווען ווי א דארן אין זייערע אויגן. זיי האבן געטראגן א שנאה אויף אידן, ווייל די אידן האבן תמיד פארקויפט זייערע סחורות ביליגער ווי די דייטשן.

אין דעם פויזנער פנקס איז פון יענע צייט פארשריבן די פאלגענדע געשיכטע:

עס איז געווען אין דעם יאר שס״ט, צוויי טעג נאך ראש השנה, א דריי וואכן צו דעם גרויסן פויזנער יאריד, וועלכער פלעגט זיך אנהויבן באלד נאך סוכות און אנהאלטן גאנצע פיר וואכן. צו דעם דאזיקן יאריד פלעגן תמיד קומען טויזנטער מענטשן פון גאנץ פוילן, וועלכע האבן דארט איינגעקויפט אלץ, וואס זיי האבן געדארפט פאר דעם גאנצן לאנגן ווינטער.

אלע סחורות זענען שוין געווען אנגעגרייט אין פויזן. אלע אידישע, אזוי גוט ווי די דייטשע סוחרים, האבן זיך געריכט אויף גאר א סך לייזונג, ווייל אין יענעם יאר זענען די תבואות איבער דעם גאנצן לאנד געווען זעהר געראטן. אלע פויערים, איבערהויפט די פריצים האבן געהאט א סך געלט.

האנס קרומשטעכער איז געווען דער רייכסטער דייטשער סוחר אין גאנץ פוילן. ער איז אויך געווען דער פארשטייער פון דער פאראייניגונג פון די דייטשע סוחרים און בעלי מלאכות אין פויזן. אבער טראץ זיין גרויסן פארמעגן, איז ער אויך געווען א גרויסער ליבהאבער פון געלט, און דערפאר טאקע איז ער געווען איינער פון די גרעסטע שונאים פון די אידן, וועלכע האבן אים געשטערט אנצוזאמלען נאך גרעסערע אוצרות.

דריי טעג פאר יום כיפור האבן זיך פארזאמלט א היפשע צאל מענטשן אין דעם רייכן הויז פון האנס קרומשטעכער. עס זענען דארט אנוועזנד געווען די אנגעזעהענסטע דייטשע סוחרים און אויך פארטרעטערס פון די דייטשע בעלי מלאכות און פון זייערע צעכן.

האנס קרומשטעכער האט געעפנט די דאזיגע פארזאמלונג. ער האט פאר די אנוועזנדע געשילדערט ווי גרויס עס איז דאס גערעטעניש איבער דעם גאנצן לאנד, און אלע האבן א סך געלט אויסצוגעבן.

— איצט וואלט געווען — האט האנס קרומשטעכער אויסגערופן — די בעסטע צייט, אז מיר, אלע דייטשע סוחרים און בעלי מלאכות,

זאלן קענען רייך ווערן. מיר וואלטן געקענט ביי די פאליאקן נעמען דריי און פיר מאל אזוי פיל פאר די סחורות, וואס מיר פארקויפן זיי. דאס וואלט טאקע אזוי געווען, ווען מיר זאלן נישט האבן די פארשאלטענע אידן אלס אונזערע קאנקורענטן. איבערהויפט איז דאס אזוי דער פאל זינט זיי, די אידן, האבן באקומען זייער איצטיגן רב. דער דאזיגער רב איז זעהר א פרומער. יעדן שבת האלט ער פאר די אידן א פייערדיגע דרשה, אז זיי זאלן קיין איינציגן פויער נישט באשווינדלען. אבער מיר, דייטשן, זענען נישט געקומען קיין פוילן זיך צוצוקוקן צו דעם אלעם קאלטבלוטיג, מיר מוזן אנפילן אונזערע בייטלען מיט א סך געלט, אויף צו להכעיס אונזערע אידישע שונאים.

עס זענען דערנאך פארגעקומען אויף יענער פארזאמלונג לאנגע דעבאטעס. רעדעס זענען געהאלטן געווארן פון עטליכע גרויסע אידישע שונאים, און עס איז באשלאסן געווארן, אז מען זאל זען מיט אלע מעגליכקייטן פטור צו ווערן פון די פויזנער אידן און טאקע באלד, נאך פאר דעם יריד, כדי די דייטשן זאלן קענען זייערע סחורות פארקויפן פאר וויפל זיי ווילן נאר ווילן.

א גאנצע נאכט זענען זיי געזעסן און גערעדט אויף יענער פארזאמלונג. ביז זיי האבן אויסגעארבעט א פלאן.

☆

עס איז ערב יום כיפור צו כל נדרי. די גרויסע שטאטישע שוהל אין פויזן איז געפאקט מיט אידן. דער גאון רבי מרדכי יפה, דער שטאדטישער רב איז מיט לאנגזאמע טריט ארויף צו דעם ארון קודש, כדי פאר דעם פארזאמלטן עולם צו זאגן דברי מוסר. אלע אנוועזנדע זענען געווען איינגעהילט אין די טליתים איבער די קעפ און אנגעטאן אין ווייסע קיטלען. די קולות פון די מתפללים זענען אזוי גרויס און מורא׳דיג, אז אלע קולות האבן זיך צוזאמענגעגאסן אין איין קול.

פלוצים איז אין שוהל שטיל געווארן. עס איז געווארן אזוי רוהיג, אז מען וואלט אפילו געקענט הערן דאס זשומען פון א פליג. דער שמש האט געגעבן א קלאפ מיט דעם הילצערנעם האמער אין דעם לעדערנעם

קישעלע וואס איז געלעגן אויפ׳ן טיש, דאס איז געווען א צייכן, אז דער פון אלעמען געליבטער און געאכטער רב וויל אנהויבןריידן.

— מורי ורבותי! — האט דער רב אנגעהויבן מיט א שוואכער שטימע וועלכע איז אבער וואס אמאל געווארן שטארקער — איר ווייסט אלע אז איך בין באשעפטיגט מיט קבלה, און אז מיט דער הילף פון שמות הקדושים איז מיר מעגליך צו זען זאכן, וועלכע קיינער פון אייך קען נישט וויסן...

דער גאנצער עולם איז געבליבן נשתומם, הערנדיג ווי דער רב האלט זיין דרשה אין דייטש.

— מיט דער הילף — האט דער רב ווייטער גערעדט אין דייטש — פון דער דאזיגער הייליגער וויסנשאפט בין איך איצט געוואויר געווארן אז דא אין דער שוהל, געפינען זיך מתים, וועלכע זענען אויפגעשטאנען פון זייערע קברים. זיי זענען אנגעטאן אין זייערע קיטלען. זיי זענען דא אהער געקומען צו כל נדרי. אט צוליב זיי איז אזא ענגשאפט, ווי עס איז פריער קיינמאל נישט געווען.

— דאס איז אבער — האט דער רב ווייטער גערעדט — קעגן דעם אידישן דין. ״לא המתים יהללו י־ה ולא כל יורדי דומה״. די טויטע האבן קיין רעכט נישט צו דינען ג־ט. דערפאר באפעל איך אויף אלע פארזאמלטע מתים, אז זיי זאלן באלד פארלאזן די שוהל און זיך צוריק אומקערן אין זייער רוה ארייזן. טאמער וועלן זיי מיך נישט פאלגן און נישט וועלן פון דאנען אפטרעטן, וועל איך פון אלע אנוועזנדע פארלאנגען, אז זיי זאלן אראפנעמען די טליתים פון זייערע קעפ, כדי מיר זאלן זיי קענען זען, און מיר זאלן וויסן מיט וועמען מיר האבן דא צו טהון.

דאס האט אויף אלעמען אנגעווארפן א אימה. פלוצים האט זיך אין דער גאנצער שוהל, פון מיטן, פון נעבן דעם ארון קודש און פון אלע ווינקלען אנגעהויבן א באוועגונג. א גרויסע מחנה, אנגעטאן אין ווייסע קליידער און קיטלען מיט טליתים איבער די קעפ, האבן זיך געלאזט צו דער טיר. אלע זענען זיי ארויסגעגאנגען פון דער שוהל שטיל און רואיג,

און קיינער פון זיי האט קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. און זיי זענען אלע פארשוואונדן אין דער טונקלקייט פון דער נאכט.

אין דער שוהל איז באלד געווארן גערוים. אבער אלע איבערגעבליבענע מתפללים זענען געבליבן ווי צוגעקאוועט צו זייערע פלעצער. קיין איינער פון זיי האט נישט געוואגט נאכצוגיין די מתים און זען וואוהין זיי זענען פארשוואונדן.

איצט האט דער רב געגעבן א צייכן צום חזן, אז ער זאל אנהויבן זאגן כל נדרי. און נאך קיינמאל האט מען אין דער פויזנער שוהל נישט אזוי געוויינט און געקלאגט, ווי אין יענער כל נדרי נאכט און דעם גאנצן טאג פון יום כיפור. אלע אידן האבן געפילט, אז עפעס שרעקליכעס האט געהאנגען איבער זייערע קעפ, און אז א דאנק זייער רב זענען זיי געראטעוועט געווארן פון א גרויסן אומגליק.

☆

דער יום כיפור איז אדורך בשלום. עס איז שוין געוועזן סוכות, און אלע אידן האבן געמאכט זייערע הכנות פאר דעם קומענדיגן יאריד, אויף וועלכן זיי האבן געלייגט גרויסע האפענונגען. אלע זענען זיי געוועזן צופרידן. נאר בלויז אין איין הויז אין פויזן האט געהערשט א טרויער. דאס איז געוועזן ביי ר׳ שלומ׳ען, דער טלית סוחר.

באלד נאך יום כיפור, ווען ר׳ שלום האט געוואלט עפענען זיין געשעפט, האט ער באלד אויסגעפונען, אז די טיר איז אויפגעבראכן געווארן און אז דער שלאס איז פארשוואונדן. אלע קאסטנס זענען געוועזן אויפגעבראכן און די טליתים און קיטלען זענען דארט מער נישט געוועזן. דאס איז געוועזן כמעט זיין גאנצע סחורה, וואס ער האט געהאט אנגעגרייט צו פארקויפן אויף דעם יאריד.

דער גרויסער יאריד איז שוין געוועזן געענדיגט. די אידן אין פויזן האבן געהאט געמאכט גוטע געשעפטן.

☆

א געוויסן אוונט, שוין נאכ׳ן יאריד, האבן עטליכע דייטשע בעלי

מלאכות זיך אנגע׳שיכור׳ט אין א אידישער שענק. איינער פון זיי האט געהאט אראפגעלאזט אין זיין האלז אריין אזוי פיל כוסות, אז ער איז געבליבן ליגן אונטער דעם טיש. זיינע חברים, וועלכע זענען נישט געווען קיין סך ניכטערער פון אים, האבן אים נישט געקענט מיטשלעפן מיט זיך אהיים.

ווי עס איז דער נאטור פון שיכורים, האט דער דאזיגער פארשויין אונטערן טיש גערעדט צו זיך אליין, און ער האט דערביי געשאלטן אלע אידן. פון זיינע אפגעריסענע רייד האט דער שענקער פארשטאנען, אז דער דאזיגער דייטש ווייסט עפעס א סוד. דער שענקער האט זיך צו אים גוט צוגעהערט, און ער איז באלד פון דעם שיכור׳ס רייד געוואויר געווארן ווער עס זענען געווען די מתים אין דער שוהל צו כל נדרי.

יענע "מתים" זענען געווען לעבעדיגע דייטשן, וועלכע האבן א נאכט פריער געהאט אויפגעבראכן ר׳ שלומ׳ס טליתים־מאגאזין. פון דארט האבן זיי ארויסגע׳גנב׳עט אלע טליתים און קיטלען. דאס איז געווען דער פלאן פון האנס קרומשטעכער. די דייטשע בעלי מלאכות זאלן זיך אויסמישן מיט די אידן אין דער שוהל, און אויף א געגעבענעם סיגנאל זאל יעדער דייטש ארייןשטעכן א מעסער אין דער זייט אדער אין דער הארץ פון די אידן. די דייטשן האבן געהאפט, אז איינגעהילטע אין טליתים, וועט עס זיי געלינגען דורכצופירן דעם מאסן־מארד אין א פאר מינוט. אויף אזא אופן וועלן זיי מיט איין קלאפ פטור ווערן פון זייערע אידישע קאנקורענטן.

אבער ווען דער רב האט געהאלטן זיין רעדע, אין דייטש, זענען אלע דייטשן פלוצים געווארן אזוי איבערראשט און פארטומלט, אז זיי האבן אין דער גרעסטער שנעלקייט פארלאזט די שוהל, און זיי זענען זיך צעלאפן אין גרויס שרעק.

אין זיין גרויסער עניוות האט דער גאון ר׳ מרדכי יפה קיינעם פון דער גאנצער מעשה ניט געוואלט דערציילן. ערשט פאר זיין פטירה האט ער צום ראש הקהל וועגן דעם אויסגעזאגט, און ער האט געהייסן דאס פארשרייבן אין דעם פנקס פון דער שטאט פויזן, לזכר עולם, צו דער

אייביגן אנדענק פון דעם גרויסן נס, דורך וועלכן השם יתברך האט מציל געווען די פויזנער אידן.

דער רב האט געזאגט פאר דעם ראש הקהל, אז ער האט אין זיין רעדע געזאגט, אז דאס זענען מתים, ווייל ער האט געוואוסט, אז אויב ער וועט זאגן, אז דאס זענען דייטשן, וועלכע זענען געקומען אויסשחט'ן די אידן, וואלט געווארן א גרויסער טומל, און אין דעם טומל וואלטן די מערדערס געקענט דורכפירן זייער פלאן.

באלד נאך יום כיפור האט דער גאון געהייסן אין פויזן איינפירן דעם מנהג, אז קיין איד זאל מער נישט איינהילן זיין קאפ אין דעם טלית, ווען ער געפינט זיך אין א שוהל, אדער אין א בית המדרש. און דער דאזיגער מנהג איז שוין דארטן אזוי געבליבן ביז דעם היינטיגן טאג.

דריי טעג

אויב א איד — האט אמאל רבי נפתלי ראפשיצער זיך אויסגעדריקט — וויל זוכה זיין בדין, האב איך פאר איהם א עצה, ער זאל על־כל־פנים דריי טעג פאר יום־כפור נישט זינדיגן, דען די גמרא זאגט: "רשעים יצר־הרע שופטן" — די רשעים ווערן גע'משפט דורכ'ן יצר הרע אליין... און ווידער איז פאראהאן א דין, אז "שונא אסור לדין", א שונא טאר קיין דיין נישט זיין, און "איזהו שונא — זאגן די חז"ל — כל שלא דבר עמו ג' ימים". איז וויבאלד מען האט מיט'ן יצר הרע קיין מגע ומשא נישט און מען רעדט נישט מיט איהם גאנצע דריי טעג, האט ער שוין דאמאלס דעם דין פון א שונא, און — "שונא אסור לדין"!...

יום כפור ביי מנחה

דעריבער האט מען מתקן געווען צו לייענען יום הכפורים ביי מנחה די פרשה פון עריות, לויט ווי עס ווערט געבראכט אין גמרא (יומא סז ב) אז דער עזאזל איז מכפר אויף די מעשה פון עוזא און עזאל, זאגט רש"י אז מען מיינט, דאס עס איז מכפר אויף מעשה עריות.

ראש השנה שרייבן זיי...

ראש השנה צום דאווגען ביי דעם בעהרימטן צדיק דער יהודי הקדוש. שוין א היבשע ווײלע ווי מען האט פארענדיגט תפלת שחרית, און דער עולםווארט מיט גרויס יראת הכבוד דער צדיק זאל ארויסקומען פון זיין צימער וואו ער איז זיך מכין צו די תקיעות, און מען זאל אנהויבן זאגן "למנצח".

אבער א ווײלע נאך א ווײלע פערגעהט און דער צדיק בעווייזט זיך נישט, ווערט דער עולם א ביסל פערחידושט, מען ווייסט דאך אז אזוי לאנג זאמט ער זיך קיינמאל נישט, וואס זאל דאס באדייטן? אבער נאך מעהר איז דער עולם פערגאפט געווארן, ווען די טהיר פון רבינס צימער האט זיך געעפנט און דער צדיק איז ארויסגעקומען. די ווערלכע זענען נישט צום ערשטן מאל ימים נוראים ביים צדיק זיינען גאר דערשראקן געווארן, נאך קיינמאל פריהער האט מען אזעלכעס נישט געזעהן. דער צדיק, ביי וועמען עס האט שטענדיג געהערשט שמחה, וועמענס אויגן האבן שטענדיג געשטראלט מיט חדוה, ביי וועמען עצבות איז געווען פעררעכנט פאר א שלעכטע מדה, געהט ממש געבויגן אין דרייען, אויפן הייליגן שטערן זענען אויסגעלעגט קנייטשן, די אויגן קוקן מיט אומעט, און דער פנים וואס האט שטענדיג געלויכטן, איז פאר־מרה־שחורה׳ט.

ווערט ביי יעדן איינגעפאלן דאס הארץ. מען ווייסט אז אומזיסט איז דאס נישט, ווער ווייס וואס דער צדיק האט דערזעהן, איז חלילה פאראן אין די עולמות העליונים א קטרוג אויף אידן? און איז דער קטרוג אזוי גרויס, אז דער צדיק דארף זיין אזוי צוטראגן.

פרעגן אבער וועט מען דאך נישט, שווייגט מען, און דאס הארץ צאפלט, השם יתברך זאל זיך מרחם זיין.

און דער צדיק רעדט קיין ווארט נישט, ער געהט ארויף אויף דער בימה, ציהט אריבער דעם טלית איבערן קאפ, און הויבט אן זאגן "למנצח". אבער ער זאגט עס גאר מיט א אנדער קול, עס פעהלט שמחה. דער קול ציטערט און עס דוכט זיך אז ער קרעכצט חלילה. און ווען עס קומט צו די פסוקים פון "קר"ע שט"ן" הערט זיך שוין געוויין אין די ווערטער. ווערט דער עולם אויף א אמת ביי זיך אראבגעפאלן, מען זעהט בחוש, אז דער כח פון שטן איז שטארק, צום ערשטן מאל נאך פיהלע יאהרן, וואס דער יהודי הקדוש פראוועט אזא סארט תקיעות.

און ווען מען ענדיגט די תקיעות און מען הויבט אן צו זאגן "אשרי העם יודעי תרועה", פסוקים, וועלכע דער צדיק האט שטענדיג מיט גרויס שמחה און התלהבות געזונגען, הערט נישט אויף דער קול פון עצבות. ברעכט דער עולם אויס אין א געוויין און דאס הארץ ווערט ממש צוריסן.

צו מוסף האט דער צדיק אויך זיין שטימונג נישט געענדערט. עס געהט צו א חזן, וועמען דער יהודי הקדוש פלעגט בעשטימען נאך פאר ראש השנה, דער צדיק פלעגט זיך פיהרן מיטצוזינגען דעם קדיש מיט גרויס התלהבות און שמחה. אבער דאס מאל שטעהט ער ביי זיין שטענדער אין ווינקל, דער טלית אריבערגעצויגן איבערן קאפ און מען הערט פון איהם קיין קול נישט, מען זאגט אפ די שמונה עשרה, דער חזן נעהמט זיך זאגן די הויכע שמונה עשרה, און פון צדיק הערט מען נישט קיין ווארט, נאר מען הערט גאר אפט א שטילן קרעכץ.

געהט שוין דער דאוונען צו מיט גרויס געוויין, די "מלך עליון'ס" וועלכע מען פלעגט זאגן מיט אזוי פיהל חדוה, קומען גאר ארויס פערטרויערט, און אז עס איז געקומען צום "ונתנה תוקף" האט דער עולם ערשט רעכט זיך צוגאסן אין גרויס געוויין, א קלייניגקייט, דער צדיק זאל זיין אזוי פערטרויערט, מסתמא איז עפעס דא געשעהן, קיין גוטס מיינט עס א ודאי נישט.

און אזוי ווי מען זאגט דער "ונתנה תוקף", גיט דער צדיק פלוצלונג א קלאפ אין שטענדער, ווי ער וואלט חלילה ברוגז געווען, און רופט אויס אין דער הויך:

— "בראש השנה יכתבון!" אום ראש השנה שרייבן זיי גאר! היה לא תהיה! אין סאמע הייליגסטן טאג שרייבן זיי גאר, זיי מיינען אז עס איז הפקר?

הערט דער עולם און גאפט, ווען מען מיינט עס דער צדיק? ווער שרייבט אום ראש השנה, וואס טייטשט ער אזוי מאדנע דעם פשט פון "בראש השנה יכתבון"? ווער מיינט עס אז עס איז הפקר? ווער עס זאל אבער ענטפערן אויף די שאלות איז נישטא.

און דער צדיק נאכן אויסרופן די ווערטער איז ווידער אנטשוויגן געווארן, דעם דאוונען האט מען שוין פארענדיגט מיט צוריסענע הערצער.

נאכ'ן דאוונען האט דער צדיק דעם טלית פון קאפ נישט אראפגענומען. ער איז אזוי אריין אין זיין בעזונדער צימער, דאס זעלבע איז אויך געווען דעם צווייטן טאג ראש השנה.

עשרת ימי תשובה פלעגט שטענדיג זיין שווער צוצוקומען צום צדיק. א קלייניגקייט, אזעלכע פארכטיגע טעג?! דער צדיק האט דאך א וועלט צו פארזארגן. יענעם יאהר אבער האט דער צדיק צו זיך קיינעם נישט צוגעלאזט, אפילו אזעלכע, וועלכע זענען אין אנדערע יאהרן צו איהם יא צוגעקומען, פערשלאסן איז ער אין זיין צימער געזעסן, און געהייסן אלעמעןווארטן אויף נאך יום כיפור.

און אין דעם יום הקדוש והנורא יענעם יאהר, האט דער צדיק פאר כל נדרי זיך אוועקגעשטעלט אין זיין ווינקל ביים ארון קודש. ער האט אריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאפ און אזוי איז ער אבגעשטאנען די גאנצע נאכט, צום ערשטן מאל האט דער צדיק נאכן דאוונען נישט אריבער צו זיך אין חדר מיוחד, אנגעשפארט דעם קאפ מיט ביידע הענד איז ער געשטאנען די גאנצע נאכט אין שוהל.

און אויך אויף מארגן צו שחרית און קריאת התורה האט דער יהודי הקדוש נישט אראבגענומען אויף א רגע דעם טלית פון איבערן קאפ, ער האט זיך נישט אומגעקערט אפילו איינמאל צום עולם, גארנישט ווי זיין שטייגער איז געווען.

ערשט צו "ונתנה תוקף" האט דער צדיק אראפגענומען דעם טלית פון קאפ און אזוי ווי ראש השנה האט ער א קלאפ געטאהן אין שטענדער און אויסגערופן:

— "וואס? נאך וויניג אז בראש השנה יכתבון, ראש השנה שרייבן זיי, איז נאך ביום צום כפור יחתמון, ווילן זיי נאך אום יום כפור חתמנען? ניין, מען וועט נישט חתמנען! בשום אופן נישט!"

שטעהט דער עולם און גאפט, מאדנע ווערטער, מאדנע אויסטייטשן, עס איז כולו מוקשה.

און נאך איידער דער עולם קומט צו זיך פון שטוינען, דערזעהען זיי נאך מעהר חידוש, דער צדיק גיט זיך א קעהר צום עולם און א קוים באמערקבארער שמייכל ציהט זיך איבער זיין הייליגן פנים, דער שטערן גלייכט זיך אויס פון די קנייטשן. די אויגן זיינע נעהמען ווייטער שיינען מיט שמחה. און באלד נעמט ער זיך זאגן די ווייטערדיגע תפלות, אבער וואס פאר א אונטערשייד, נישטא מעהר קיין ברעקל עצבות אין זיין קול, אדרבא, דער קול קלינגט שוין מיט שמחה, מיט התלהבות, מיט בטחון און ליבשאפט, פונקט אזוי ווי שטענדיג.

דער ווייטערדיקער דאוונען איז שוין געגאנגען מיט דער שטענדיגער חסידישע שמחה, און נאך נעילה פאר מעריב, האט דער צדיק — אזוי פלעגט ער זיך שטענדיג פיהרן — פערצויגן א פרעהליכן ניגון און דער גאנצער עולם מיט איהם. די שוהל האט שוין געקלונגען מיט פרעהליכקייט.

נאך מעריב ארויסגעהענדיג פון שוהל, האט דער צדיק יעדן מיט א שמייכל א "גוט יאהר" אבגעענטפערט און צוגעוואונטשן.

☆

די פאר טעג צווישן יום כפור און סוכות האבן חסידים וועגן דעם וואונדערליכן ענין נישט אויפגעהערט צו ריידן, אלע סארט השערות זיינען וועגן דעם געזאגט געווארן. אלע האבן אבער מסכים געווען אז א גרויסע גזירה איז פארמיטן געווארן איז זכות פון צדיק׳ס תפלות. דעם אמת האט

מען זיך דערוואוסט ערשט סוכות פון א חסיד וואס איז געקומען צום צדיק אויף יום טוב.

ווי בעוואוסט פלעגן צום צדיק קומען צו פאהרן אויף סוכות געהויבענע געסט פון דער גאנצער געגנט און פון ווייטע ערטער, מען האט עס גערעכנט פאר א בעזונדערע זכיה צו זיצן מיט דעם צדיק אין סוכה און הערן איהם זאגן די "אושפיזין". חסידים האבן צווישן זיך גערעדט, אז יעדן טאג פון סוכות קומען צום צדיק אין סוכה די בעלי אושפיזין, נאר וואס דען? נישט יעדער מענטש קען האבן די זכיה צו זעהן די הייליגע געסט ווען זיי קומען אריין.

צווישן די געהויבענע חסידים, וועלכע זענען יענעם סוכות געקומען צום יהודי הקדוש, איז אויך געווען א חסיד פון דער הויפט־שטאט פון דער מדינה. דער דאזיגער חסיד איז געווען נישט נאר א גרויסער למדן, נאר אויך א גרויסער סוחר, א גרויסער עושר און תקיף, וועלכער האט זיך גוט געקענט מיט גראפן און פריצים, דערצו איז ער אויך געווען דער גרויסער חסיד, פוהל מיט שמחה און התלהבות.

דעם ערשטן טאג פון סוכות, בשעת דער עולם האט זיך פערקליבן אין סוכה צו זיצן ביים צדיק'ס טיש, האט דער דאזיגער חסיד — ר' לייב האט מען איהם גערופן — ארויסגעוויזן גרויס פריילכקייט, ער האט געהאלטן אין איין זינגען.

דער צדיק האט זיך צוגעקוקט צו זיין חסיד און איהם גארנישט געזאגט, נאר ווען עס איז געקומען די צייט פון בענטשן און דער חסיד האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט זיך אונטערזינגען, האט דער צדיק פלוצלונג א זאג געטאהן:

— עפעס אונזער ר' לייב איז היינט גוט אויפגעלעבט!

— אוודאי בין איך מלא שמחה — האט ר' לייב הויך אויסגערופן, — דאס יאהר מעהר ווי שטענדיג דארף מען זיך פרעהען.

— און פארוואס עפעס דאס יאהר מעהר ווי שטענדיג? — האט דער צדיק ווידער געפרעגט.

— דער רבי זאל לעבן ווייס דען נישט וואס האט געטראפן? — האט ר׳ לייב אויסגערופן — מיר זענען דאך געראטעוועט געווארן פון א גרויסער סכנה.

— א סכנה — זאגט דער צדיק און אויף זיין הייליגן פנים ציהט זיך אויס א שמייכל — וואס פאר א סכנה?

— שוין איינמאל א סכנה — אידישע סוחרים פון דער מדינה, גרויסע און קליינע, זענען דאך געראטעוועט געווארן פון אונטערגאנג חלילה, עפעס מעשה נסים איז דא געשעהן.

— דערציייל בפרטות — זאגט דער צדיק.

און ר׳ לייב דערצעהלט:

— דערוואוסט זיך פון דעם ענין האב איך ערשט מוצאי יום כפור, דער שר המדינה איז א גרויסער צורר היהודים, שוין לאנג ווי ער זוכט פערשידענע עצות צו טאהן שלעכטס אידן, מקפח צו זיין זייער פרנסה א.ד.ג. מיט א קורצע צייט צוריק האט ער ביי זיך בעשלאסן ארויפצולייגן אויף יעדן אידישן סוחר גרויסע צינזן, ממילא וואלט אזא זאך געמאכט אומגליקליך א גרויסע צאל אידן.

— גערעדט און געטאהן — ער האט אריינגערופן צו זיך זיין סעקרעטאר און געהייסן איהם אויפשרייבן דעם נייעם געזעץ. געווען איז דאס ראש השנה ווען אידן זענען גראדע געווען אין שוהל. איז דער צורר היהודים געזעסן און געהאט גרויס נחת בשעת ער האט זיך פארגעשטעלט וואס פאר א רושם די גזירה וועט מאכן אויף די אידן.

ווען דער סעקרעטאר האט דערלאנגט דעם שר די פאפירן איבערלייענען און אונטער חתמנען, איז געקומען א ספעציעלער שליח איהם רופן צו פאהרן וועגן גאר א וויכטיגן ענין. ער האט געמוזט איבערלאזן די פאפירן און דעם חתמענען אויף א אנדער מאל און איז אוועק געפאהרן.

אנגעקומען איז ער פונקט אום יום כיפור. באלד האט ער געהייסן

ברענגען פאר איהם די פאפירן, ער האט זיי איבער געלייענט און גענומען די פען, איינגעטונקט אין טינט כדי צו חתמענען, נישט ווילנדיג האט ער איבערגעקערט דאס פלעשל טינט איבער די אנגעשריבענע פאפירן און זיי זיינען אינגאנצן פערפלעקט געווארן. א צוטומלטער האט ער אראפגענומען זיין בגד וואס איז געלעגן נעבן אים און אפגעווישט די טינט. ער האט זיך אבער געכאפט דאס דערמיט האט ער איינגעשמירט זיין טייערן בגד. איז ער געווארן שטארק אין כעס און צוריסן די פאפירן און געשריען, אז וויבאלד עס האט איהם געטראפן אזא מעשה מסתמא לאזט נישט דער אידישער ג־ט טשעפען זיין געליבט פאלק.

— דאס אלץ — האט ר׳ לייב פערענדיגט — האט מיר דערצעהלט דער סעקרעטאר אליין. היינט ווי אזוי זאל איך נישט זיין פריילין, א קלייניגקייט אזא מעשה, אום ראש השנה געשריבן, אום יום כפור האט ער געוואלט חתמענען און אויסגעלאזן האט זיך אלעס בכי טוב. א דאנק דעם רבונו של עולם.

און ווען חסידים האבן דאס דערהערט, האבן זיי ערשט רעכט פערשטאנען וואסביים צדיק איז פארגעקומען ראש השנה און יום כפור, עס איז זיי אויך קלאהר געווארן וואס דער צדיק האט אזוי מאדנע געטייטשט ״בראש השנה יכתבון״ אום ראש השנה שרייבן זיי און ״וביום צום כפור יחתמון״ ווילן זיי גאר חתמנען, ער דער צדיק האט געזעהן וואס דער שר המדינה פלאנט צו טאהן, האט ער עס אבגעשריגן, ער האט די גזירה מבטל געמאכט, דער צדיק האט דעם פשט ריכטיג געטייטשט.

מצות און עבירות

פון אלע דריי און פופציג על־חטא׳ס זאגן מיר בלויז וועגן איינעם פון זיי, אז מיר זענען דעם חטא בעגאנגען מיט׳ן יצר־הרע, מחמת דאס רוב זינדיגן מיר מיט׳ן — יצר־טוב. זעלטן ווען א מענטש פיהלט, אז ער טהוט א עבירה. עפ״י רוב איז ער ביי זיך פולקאם אין ארדנונג און עס דוכט זיך איהם נאך, אז ער טהוט גאר א וואוילע זאך, א מצוה...

(רבי פנחס הורוויץ)

דער נס פון יום כפור

"ר' כאם יצחק'טשא" — אזוי האט מען גערופן מיט ליבע און יראת הכבוד דעם חכם יצחק אלשיך ז"ל, וועלכער האט געהערט צו די חשובסטע און גרויסע מקובלים פון פאריגן יאהר הונדערט אין דעם דעמאלסדיקן טערקישן סאלאניקי. זיין שליטה איז בפרט געווען זייער גרויס אויף די ערלים, אויף יענע האלב ווילדע טערקישע יאניטשארן, כמעט נאקעטע שכורע סאלדאטן פון דעם סולטאנ'ס ארמיי, וועלכע פלעגן רייסן פון אידן שטיקער פלייש פון לייב. די יאניטשארן אליין, אזא מין טערקישע קאזאקן, וועלכע האבן קיינמאל קיין העמד אויף זייער נאקעטער לייב נישט געטראגן און זייערע שווערדן פלעגן טאג און נאכט פאכען אין דער לופטן — פאר זיי איז דער נאהמען פון "כאם יצחק'טשא" אליין געווען גענוג אז עס זאל געצוימט ווערן זייער ווילדקייט און אז זיי זאלן פארוואנדלט ווערן אין שטילע שעפסעלאך, שטילער פון וואסער, נידריגער פון גראז...

קיין צרות האבן די אידן, די ספרדישע ברידער אונזערע, אונטער דעם פארשלאפענעם אויג פון סולטאן נישט געליטן, ווען נישט די דאזיגע יאניטשארן, וועלכע פלעגן זיך גאנץ אפט אריינרייסן אין די שמאלע, קרומע געסלעך פון די אידישע קווארטאלן, אמערסטן אין די פראווינץ שטעדט, אוועקכאפן אידישע קינדער, און בעראבעווען אידיש האב און גוטס — ווען נישט דאס וואלטן אפשר די פערחלומטע שפאנישע זקנים וועגן דעם "כאם יצחק'טשא" אזוי פיהל נישט געהאט צו דערצעהלן.

עס איז געווען מיט איבער הונדערט יאהר צוריק — דערצעהלן ספרדישע זקנים — איניגע טעג נאך ראש השנה ווען אין אידישן קווארטל פון די "פעשקאדארעס", די בארימטע פישער פון די שטאט סאלאניקי, האט מען זיך געגרייט צום יום הדין און פון דאסניי גערייניגט

די הייזער און די קליינע פישער בודקעס וועלכע דארפן, לויט א אלטער טראדיציע, יום כפור בלייבן אויף דער יבשה און נישט אויפן ים. הויכע געזונטע אידישע ים מענטשן, מיטן א מין ריח פון פרישע פיש אויף זייערע פערסמאליעטע און פערלאטעטע קליידער, האבן געשלעפט די בודקעס פון ים אויף דעם ברעג ארויף, אויסגעצויגן די ברייטע נעצן אונטער די שמייכלענדיגע שטראלן פון דער הייסער זון און געברומט דערביי א פאר פסוקים פון סליחות, וועלכע יעדער ספרדישער איד קען אויף אויסנווייניג.

און ווען די ארבעט אין דעם אידישן קווארטל פון סאלאניקי האט זיך געענדיגט און די טאטעס מיט די זין זענען אוועק עסן מיטאג, האט זיך פלוצלונג דערהערט א געוואלד און שרעקליכע געשרייען פון אייניגע הייזער: — סיניאר דעל מונדא — רבונו של עולם — ראטעווע אונז — די יאניטשארן !...

א רגע שפעטער איז שוין די גאנצע גאס געווען פוהל מיט מענטשן, ווייבער און קינדער, וועלכע האבן זיך אבער פון זייער ארט נישט גערירט, נאר מיטגעהאלפן שרייען, אזוי ארום האט דער גאנצער קווארטל געשריען מיט אלע כוחות, געפייפט, געקלאפט אין אייזערנע רייפן, געשלאגן די אייזלאך אז זיי זאלן וואויען אויפן קול — שרייען אזוי לאנג ביז מען זאל אין שטאדט דערהערן און קומען צו הילף, ווייל פון דערווייטנס האבן אידן געזעהן די האלב ווילדע יאניטשארן מיט זייערע נאקעטע לייבער און אנטבלויזטע שווערדן, ווער האט עס אזויפיל קוראזש און וועט געהן זיך שלאגן מיט זיי?

און די יאניטשארן, לאכנדיג פון די "טשיפוטן" (אידן), האבן זיך אין יענעם טאג גאנץ רוהיג געטאן זייער ארבייט, זיי האבן אנגערויבט אידיש אייגנס, אויפן ארט אויפגעפרעסן דאס איינגעמאכטץ און דאס אנדערע צוגערויבט, צוהאקט עטליכע שויבן און אוועק צוריק אין שטאדט אריין ווי עס וואלט קיין זאך נישט פארגעקומען.

ערשט אין א שעה ארום ווען די פישערס מיט זייערע פאמיליעס זענען צו זיך געקומען, האט מען זיך דערוואוסט אז עס איז עפעס יא געשעהן.

ווען די באנדע יאניטשארן זענען ארויס פון קווארטל, האבן זיי זיך

געטראָפן מיטן ״כאם״ (חכם) יצחק׳טשא, וועלכער איז זיך געגאנגען רוהיג, פערטראַכט אין די עולמות העליונים, ער האט זיי כמעט נישט געזעהן, און זייערעווילדע געשרייען נישט געהערט, ערשט ווען איינער א יונגער יאַניטשאר, א קאווקאַזער טערק, האט דעם ״כאם״ א שלעפ געטאַן פאר דעם לאנגן זיידענע העמד, האט זיך דער רב געכאפּט צווישן וועמען ער געפינט זיך דא, און איז געבליבן שטעהן א שמייכלדיגער, א רוהיגער.

— מיר האבן איהם געכאפּט, מיר דארפן איהם ווייזן אונזער קראַפט! — אזוי האבן גלייך אנגעהויבן צו שרייען די יאַניטשארן און זיך געוואלט תיכף אַרויפוואַרפן אויפן ״חכם״ און איהם נעהמען אין זייערע הענט. אבער אין א מינוט ארום האבן זיי זיך שרעקליך דערשראָקן: זיי האבן דערזעהן יענעם יונגן יאַניטשאר, וועלכער האט נאר וואס געשלעפּט דעם ״חכם״ פאר דער קאפּאטע, ווי ער דרייט זיך אין ווייטאג, קען זיין קערפּער נישט אויסגלייכן, און איז פערשטומט געוואָרן... נאך א רגע און חכם יצחק׳טשא האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און אויסגלאַנצנדיג אויף די יאַניטשארן זיינע גרויסע שווארצע אויגן, האט ער אויסגעשריגן מיט כח:

— אוועק פון דאנען, איהר קינדער פון שטן!...

און גלייך האבן די יאַניטשארן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע הענט דאס ביסל צוגערויבטע אידישע האב און גוטס און גענומען לויפן אין אלע זייטן, דער יונגער יאַניטשאר האט קוים געקענט נאכפאלגן זיינע חברים. ער איז געבליבן א הויקענדיגער און געלאָפן אויף אלע פיהר, מיט א מויל, וואס האט זיך בשום אופן נישט געשלאסן.

— אידן, געהט נעהמט אייערע צוגערויבטע זאכן — האט ״כאם״ יצחק׳טשא געזאגט צו א גרופּע אידן, וועלכע זענען נאך געשטאַנען אין מיטן גאס און געשריען — ג־ט פון ישראל איז א שומר ומציל... בפרט ווען יום כפור דארף באלד אנקומען...

אבער... ערב יום כפור איז די גאנצע שטאָדט אידן, אין אלע קווארטלען, ווידער אויפגעציטערט געוואָרן פון א שרעקליכע ידיעה: יאַניטשארן האבן זיך באוויזן אין די אידישע גאסן און ערקלערט, אז אין

צוויי שעה ארום וועלן קיין סאלאניקי אנקומען גאנצע צוויי טויזנט נייע העלדן־יאניטשארן מיט זייערע אפיצירן בראש און זיי וועלן ענדגילטיג א סוף מאכן צו יענעם הייליגן "טשיפוט" (איד) וועלכער שעלט און באגראבט מיט איין בליק די העלדישע דינער פון סולטאן.

— און מיר וועלן זיך שוין אפרעכענען מיט אלעמען! — האבן די צוהיצטע יאניטשארן געשריען אויף אלע זייטן — מיר וועלן זיי ווייזן וואס יאניטשארן זענען.

די בהלה איז געווארן שרעקליך. אידן זענען געלאפן צום חכם־באשי, צו בעקאנטע טערקישע בעאמטע, צו דער קהלה אנפיהרער, מען האט זיך פרי אנגעהויבן פארשפארן אין די קלויזן און צוגרייטן גרויסע שלעסער פאר די הייזער, אבער... וואו איז "כאם" יצחק'טשא אליין, שוין צוויי שעה ווי מען זוכט איהם און ער איז נישטא. מען האט געמיינט אז אפשר איז שוין געשעהן א אומגליק, כאטש אנדערע האבן געהאלטן, אז אזוי לייכט וועט מען דעם צדיק און בעל מקובל נישט קענען בייקומען.

בייטאג איז שוין קיין לעבעדיגער נפש אויף דער גאס נישט געווען, צו "כל נדרי" איז אין די קלויזן געווען אזא שפארעניש און שטופעניש — ווייל אויך קינדער האט מען אהין געבראכט — אז צענדליגער האבן אנגעהויבן חלש'ן, און ביי די טירן זענען געשטאנען הונדערטער אידן, געווארט אויף זייער ביטערער גורל און זיך געגרייט צו שרייען מיט אלע כחות, ביז די הימלען וועלן צוריסן ווערן.

עס איז געווארן אביסל לייכטער אויפן הארצן ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז "כאם" יצחק'טשא אליין שטעהט אין בית מדרש און, צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, ציהט ער אליין, מיט זיין ווייכער שטימע, די ווערטער פון "כל נדרי" פארן עמוד. מען האט אנגעהויבן צו האפן, אז ער וועט שוין די גזירה אפשרייען. די גאנצע נאכט איז קיינער נישט געגאנגען אהיים, מען האט זיך געשראקן פארן אייגענעם שאטן, עס איז נישט צו בעשרייבן וואס מען האט אין יענער נאכט איבערגעלעבט, און ווען דער מארגן איז געקומען, האט דער "כאם" יצחק'טשא זיך בעוויזן אין דער גרויסער "בית יוסף" קלויז, און שווייגנדיג זיך געשטעלט דאוונען מיט

אלעמען צוזאמען. דאס האט נאך מעהר בערוהיגט דעם עולם, און בשעת דעם פארקויפן די עליות האבן די רייכע אידן מנדב געווען די גרעסטע נדבות, פון וועלכע מען האט ווען אמאל אין שטאט געהערט.

און דער נס איז געקומען. אין מיטן דעם מוסף שמונה עשרה איז צו דער גרויסער קלויז געקומען א קארעטע, אין וועלכן עס זענען געזעסן צוויי גענעראלן פון די יאניטשארן, און דער פאשא פון שטאדט, די גענעראלן זיינען שנעל אריין אין קלויז, נאכגעפרעגט זיך אויפן "כאם" יצחק׳טשא און פאלנדיג פאר איהם אויף די קני, קושנדיג זיינע קליידער, האבן זיי זיך געבעטן:

— צוויי טויזנט סאלדאטן אונזערע, גרויסער צדיק, שלאפן שוין זייט צוואנציג שעה און קיינער קען זיי נישט אויפוועקן... זיי וועלן אזוי געוויס שטארבן... אויב דו ביזט — הייליגער צדיק — א טרייער בירגער פון אונזער גרויסער סולטאן, דארפסטו אונז גלייך העלפן און ראטעווען, דאס האבן אונז געזאגט איינינע יאניטשארן, אנווייזנדיג אויף איינעם פון זיי, וואס איז געווארן א הויקערער און הירזשעט ווי א ווילדע חי׳, אנווייזנדיג אז ער איז דורך אייך בעשטראפט געווארן בשעת ער האט אייך פארטשעפעט... ראטעווע אונז, מיר וועלן פאלגן אלעס וואס דו וועסט פון אונז פערלאנגען, אבער ראטעווע...

דער "חכם" האט אפילו אויף א מינוט נישט איבערגעריסן די תפלה, ווען ער האט דערהערט די שטימע פון דעם יאניטשארישן גענעראל, ער האט זיך נאכמעהר איינגעוויקלט אין זיין טלית און געדאווענט מיט נאך מעהר כוונה, נישט קוקנדיג אויף קיינעם. ערשט ווען ער האט געענדיגט שמונה עשרה, האט ער געהייסן זאגן די ערלים, אז זיי זאלן פון קלויז ארויסגעהן אוןווארטן ביז די שעה פון נעילה וועט קומען.

די הערשער פון דער שטאדט זענען גלייך פון קלויז ארויס און זיך געזעצט אויף דער ערד, אין א ווינקל פון הויף, ווארטנדיג אויף עפעס א נס, פונקט אזוי ווי די אידן האבן געווארט אויף א נס — כאטש ער איז שוין כמעט געשעהן!

פאר "נעילה" ביים אפענעם ארון קודש, האט זיך דער "כאם"

יצחק׳טשא געשטעלט דאוונען אליין. דערנאך האט ער געהייסן זאגן די טערקן וואס ווארטן אין דרויסן, אז אין דעם דאזיגן הייליגן טאג האט זיך ג־ט מרחם געווען אויף זיינע קינדער און קיין שלעכטער גייסט קען זיי נישט באריהרן, אבער כדי די צוויי טויזנט יאניטשארן זאלן זיך פון זייער לעטארגישן שלאף אויפוועקן — האט ער געשטעלט א בעדינג — דארפן די גענעראלן מיטן פאשא פייערליך צוזאגן און שרייבן א "פירמאן" (בעפעל) אז די דאזיגע ווילדע גזלנישע סאלדאטן, די יאניטשארן, וועלן מער נישט טארן אריינטרעטן אין די אידישע קווארטלען. אויסער דעם, זאל מען אפציהען די מחנות וואו זיי האלטן זיך אויף, עטליכע קילאמעטער ווייט פון שטאדט.

מיט פרייד און טרערן אין די אויגן האט דער פאשא אנגענומען די בעדינגונגען פון "כאם" יצחק׳טשא. א פערטל שעה שפעטער איז שוין דער פירמאן געווען פערטיג, און — ליהודים היתה אורה, מען האט נאך מעריב געטאנצט אין די גאסן, געקושט זיך און געהאלדזט זיך און געדאנקט דעם גרויסן בעשעפער פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט מיט זיי געטאן.

דער יום כפור פון "כאם" יצחק׳טשא דערמאנט מען נאך ביז היינטיגן טאג ביי אלע צרות און סכנות, וועלכע פעלן קיינמאל נישט. מען דערמאנט זיך אז שטענדיג איז "לא ינום ולא יישן שומר ישראל".

נישט ברייננגען "תיקונים"

ביים כהן גדול שטעהט "שלא יתקן מבחוץ ויכניס, להוציא מלבן של צדוקים שאמרו יתקן מבחוץ ויכניס" (יומא נג.) — דאס איז א געבאט פארן כהן גדול, פארן פיהרער פון פאלק, "שלא יתקן מבחוץ ויכניס" — ער זאל נישט דערלאזן אריינברענגען אין אידישן לעבן קיין תקנות און אויסבעסערונגען פון דרויסן "להוציא מלבן של צדוקים שאומרים יתקן מבחוץ ויכניס" — נישט הערלאזן צו די פרייע מיינונגען, אז מען דארף דעם אידישן לעבן צופאסן צו דער אויסערליכער וועלט...

(הדרש והעיון)

השם יתברך וועט העלפן

די לופט איז א דורכזיכטיגע, א קילע און פרישע. שוין אין מיטן הימל שטייט איצט די זון א העל־גאלדענע, א ליכטיג־פייערדיגע, אבער א מילדע, וואס שפיזלט נישט מיט אירע ברענעדיגע שטראלן, נאר גלעט אזוי מילד און ווארעמט. עס איז היינט איינער פון די זעלטענע סוף־זומער טעג, וואס צערטלט דאס געמיט, איידלט יעדע מחשבה און פילט אן דאס הארץ מיט א נאגנדיגער בענקשאפט.

אין דער גאנצער אידישער געגנט, וואו עס געפינען זיך פיל שולן, בתי מדרשים און חסידישע קלויזן מערקט און פילט זיך די אמת׳דיגע יום־טוב שטימונג, די ראש־השנה׳דיגע. עס איז היינט דער ערשטער טאג ראש־השנה. אידן האבן אפגעשטעלט ארבעט, מסחר, באשעפטיגונג און אלע וואכעדיגע זאכן און זיך פארנומען מיט חשבון־הנפש, מיט געבעט און האפענונג פאר א נייעם יאר, וואס זאל קומען מיט געזונט, מזל און הצלחה.

אלע זענען היינט ערנסט געשטימט. זיי פיהלן דאס אומבאוואוסטזיניג, אז זיי זענען נישט גלאט באשעפענישן, וואס לעבן און שטארבן ווי בהמות און חיות אין וואלד.

יעדער מענטש אויב ער איז נאר א שטיקל ״בר־דעת״, פארשטייט, אז מ׳דארף אמאל שטיין־בלייבן, אפציען דעם אטעם און דעם הבל־הבלים׳דיגן געיעג, און א בליק טאן, וואו מ׳האלט אין דער וועלט!

עס דוכט זיך, אז אויך אספאלטענע גאסן מיט שטיינערנע טראטוארן און הייזער, הויכע און נידעריגע, מיט די געשלאסענע קראמען — האבן זיך יום־טוב׳דיג באקליידט און ערנסט פארטראכט זיך.

קליינוווארג, אויסגעפוצט אין נייע אנצוגלעך, אין היטעלעך און

יארמולקעלעך. מיט פריש־אפגעשווירענע קעפעלעך, מיט קלוג־ליכטיגע אידישע אויגעלעך, טומלען זיך אויף זייער שטייגער, אין די שולן און ארום די שולן אין דרויסן, וועלכע זיינען איצט באלאגערט מיט מענטשן, אין דער צייט פון ״עליות פארקויפן״, אין דער איבעררייס פויזע צווישן שחרית און מוסף. טייל מענטשן איילן זיך שוין צוריק ארייין אין די שולן, וואו מ׳גרייט זיך שופר בלאזן און פון טייל שולן גייט מען ערשט ארויס, נאך א פארצויגענעם שחרית.

☆

ביים רבין ר׳ מאטעלע, אין דער פריש־געקאלאכטער, ווייסער קלויז, ווערט נישט אנגעהאלטן קיין לאנגע הפסקה צווישן שחרית און מוסף, ווייל די הכנות צו מוסף און דער מוסף גופא פארציען זיך דארט זעהר לאנג. נאר דער היינטיגער ראש־השנה איז עפעס אנדערש פון פאר א יאריגן און פון פאר צוויי יארן.

חסידים ביים רבי׳ן ר׳ מאטעלע, הגם זיי ווייסן, אז דער יום־הדין, ראש־השנה, איז נישט אין כלל פון: ״ושמחת בחגך״, האלטן פון זייער רבי׳נס שיטה, אז אפילו די ראש־השנה׳דיגע יראה, דארף זיין געמישט מיט שמחה און בטחון, אז ג־ט־ברוך־הוא, דער ״מוחל עוונות״, וועט געבן א שנת־חיים, ברכה ושלום. היינטיגער ראש־השנה אבער, פעלט יואל־יונה אין קלויז, און עס פעלט שמחה און די הפסקה ציט זיך אין א לאנגער יראה.

מ׳דארף וויסן, אז יואל־יונה איז נישט אזוי סתם א אדם פשוט, וואס הייסט יואל־יונה, און איז איינער פון רבין ר׳ מאטעלע׳ס חסידים. יואל־יונה, קען מען מיט אחריות זאגן, איז א שם דבר! א מענטש מיט וועמען עס געשעט יעדן טאג עפעס א סיבה, און נאך דער סיבה א נס... דער רבי ר׳ מאטעלע אליין, האלט, אז יואל־יונה איז א געליבט און געשעצט קינד ביי ג־ט, וועמען ער שטראפט ווי א געטרייער טאטע און העלפט.

מוצאי־שבת קודש, שוין ביי די ערשטע סליחות האבן חסידים באמערקט א קענטיגן ״שינוי״ אויף יואל־יונה׳ס פנים און אויף זיין גאנצער האלטונג. נישט געווען איז אין די אויגן זיינע יענער גלאנץ פון

התלהבות, וואס פלעגט ווי א איידל פלעמעלע, זיך צינדן און פינקלען איבער דער גאנצער קלויז; און זיין קול ביי די סליחות האט זיך געהערט נידעריגער ווי אלעמאל.

— וואס איז מיט אייך ר׳ יואל־יונה, איר זענט, חלילה, עפעס נישט מיט אלעמען? — האבן חסידים, נאך די סליחות, געפרעגט יואל־יונה׳ן.

— חלילה, חלילה! איך דארף בלויז אויסווארעמען די ״כלי״ פאר שפעטער — האט יואל־יונה, לויט זיין שטייגער, שפאסיג געענטפערט.

יואל־יונה האט אבער א טעות געהאט. נישט בלויז זיין ״כלי״, זיין זעלטענער קול־נגינה איז איצט אפגעשוואכט געווען, נאר זיין גאנצער גוף איז קראנק געווען. באין ברירה האט יואל־יונה געמוזט זיך לייגן אין בעט.

אין בעט ליגט יואל־יונה א ערנסט קראנקער. דער דאקטער זיינער, א אידישער מענטש, איז שטארק באזארגט וועגן זיין קראנקהייט. ער האט באפוילן, אז יואל־יונה זאל זיך דערווייל נישט רירן פון בעט, אפילו נישט ראש השנה.

חסידים אין קלויז זענען זיך שטארק מצער: — יואל־יונה איז, נעבעך, איינגעפאלן! דער מוסף וועט היינט, חלילה, קיין מוסף נישט זיין, ווייל יואל־יונה האט שוין זינט יארן א חזקה אויף צוויי זאכן: אויף דעם מוסף׳דיגן דאווענען אין די ימים־נוראים און אויף מפטיר יונה. די חזקה האט אים געגעבן דער רבי ר׳ מאטעלע, בכבודו אליין. געווען איז דאס נאך מיט יארן צוריק, ווען יואל־יונה האט דאס ערשטע מאל אויפ׳ן רבינ׳ס וואונק געדאוונט א יום־כיפור׳דיגן מוסף. דער מוסף איז געדאוונט געווארן מיט אזא ברען, אז ביי דער ״ליציטאציע״ אויף מפטיר יונה איז דער רבי אליין געווען א בעלן צו קויפן מפטיר יונה. ער האט אבער דערמיט גלייך מכבד געווען יואל־יונה׳ן מיט אט־דעם לשון:

— יואל־יונה, איצט ווייס איך, אז דו קענסט בעזרת השם דאווענען א אויסגעצייכנטן מוסף אויך. איך בין דיך דעריבער מכבד מיט מפטיר יונה. השם יתברך זאל העלפן אויף לאנגע, געזונטע יארן!

יואל־יונה איז דעמאלט פאר א ווײלע ווי צעמישט געווארן און די

חסידים האבן זיך געוואונדערט און געגאפט. עס איז אבער פאר אלעמען קלאר געווען, אז עס איז דעם רבינ׳ס רצון, אז יואל־יונה זאל האבן די חזקה, סיי פאר די ימים־נוראים׳דיגע מוספים און סיי פאר מפטיר יונה. טיפער וועגן דעם, האבן נישט די חסידים דעמאלט, און נישט יואל־יונה — געטראכט.

פון יענעם יאר אן, האט יואל־יונה אנגעהאלטן די ״חזקה״ אויף די מוספים אין די הייליגע טעג און אויף מפטיר יונה. מ׳מוז מודה זיין, אז יואל־יונה׳ס מוסף איז געווען פון גאר א הויכער מדרגה, וואס האט ארויסגעשטראמט פון די פארבארגענע און ענדלאזע ווייטקייטן פון היכל־הנגינה. דאס מתיקות פון יואל־יונה׳ס דאווענען איז געווען אזוי גרויס, אז חסידים פלעגן זיך שרעקן, צו זיי זיינען שוין אביסעלע נישט צופיל נהנה, פון אט־דער מתיקות, וואס איז כמעט מבטל די שפירונג פון דעם געבאטענעם תענית אין יום צום כפור.

חסידים שטייען איצט אין קלויז אין טלית און קיטל באטריבטע, פארנומענע מיט א הרהור תשובה, און מיט זארג אין הארצן וועגן יואל־יונה׳ן. זייווארטן בלויז אויף דעם וואונק פון רבי׳ן, אנצוהויבן דעם סדר התקיעות. דער רבי אבער, וואס איז, ווי דער מנהג, אלע יאר דער בעל מקריא ביי די תקיעות, שטייט אויפן באלעמער, לעבן די צוויי פארדעקטע ספרי־תורה, מיט דעם טלית ווייט איבער דעם גאנצן פנים, טיף פארזונקען אין רעיונות און ווארט.

עולם חסידים זיינען אלע אין צער און אין פחד. דער ״אומרו״ שפארט זיך אפילו צווישן די ווענט. נאר מיטאמאל באווייזט זיך דעם רבינ׳ס וואונק, און דער בעל־תקיעה שטורעמט גלייך אויס: — ״למנצח לבני קרח מזמור!״ — און באותו הרגע טאקע צוגיסט זיך דער מזמור, מיט א געוואלדיגער התלהבות, איבער דער גאנצער קלויז. נאר ביים דריטן מאל איבערזאגן דעם מזמור, יאגט זיך אריין אין קלויז א שניידענדיג געיאמער, וואס קומט מיט דעם בליציגן אנלויף פון דאבעלע׳ן, יואל־יונה׳ס ווייב, מיט אירע צוויי קלענערע מיידעלעך ביי אירע פאלעס. זי פראלט אויף די טהיר פון קלויז, רוקט אריין איהר קאפ און קלאגט:

— רבונו של עולם! דו ביסט דאך א בעל רחמים, האב רחמנות, אויף דעם מסוכן־שלאפן יואל־יונה׳ן, אויף זיין ווייב און קינדער; שיק אים צו א רפואה שלמה און דערלאז נישט אז זיינעביידע קינדער זאלן, חלילה, ווערן יונגע יתומים צום נייעם יאר. רבונו של עולם, פאטער אין הימל! — אבער אירע ווייטערע טענות זיינען ווי דערטרונקען געווארן אין געיאמער־אויפברויז, וואס האט זיך געהויבן צום הימל פון דער ווייבערישע מחיצה. און די מענער אליין האבן, צוטומלט און צוקלעמט, זיך געווישט די אויגן.

דער ״למנצח לבני קרח מזמור״ איז געווען איבערגעריסן. דער גבאי האט געוואלט צוגיין, בעטן דאבעלע׳ן, זי זאל לאנג נישט פארהאלטן די תפילות, אבער דער רבי האט אים מיט א מאך פון דער האנט אפגעהאלטן. מיט געמאסטענע טריט איז ער ארונטערגעגאנגען פון באלעמער און זיך אוועקגעשטעלט א פאר טריט פון דאבעלע׳ן. דער גבאי — הארט לעבן רבי׳ן.

דאבעלע, אין איר גאנצער צעווייטאגטער צוטומלטקייט, האט ווי עפעס דערשפירט. אירע ספאזמען זיינען לויזער געווארן; דאס געוויין — איינגעצויגענער. זי האט זיך א קער געגעבן און דערהערט דעם רבינ׳ס לאסטשענדיג קול:

— גייט, זייט מוחל, געזונטערהייט מיט די קינדער, גלייך אהיים. דער חולה דארף אייך האבן... דער אויבערשטער זאל העלפן, אז יואל־יונה זאל בקרוב האבן א רפואה שלימה!

דאבעלע איז, ווי אנגעשעפט מיט פרישן כוח פון האפענונג, מיט ביידע מיידעלעך ביי די פאלעס פון איר קלייד, נישט ווארטנדיג אפילו אויף די תקיעות, אהיים געגאנגען.

דער אופן פון רבי ר׳ מאטעלע׳ס רעדן איז צו זיינע חסידים פיל מאל באקאנט געווען. זיי האבן געוואוסט, אז דער רבי באנוצט זיך ביים אנווינטשן מיט א דרייפאכן אויסדרוק. אויב דער רבי זאגט, למשל: דער אויבערשטער ״קען״ העלפן, ווייסן זיי שוין, אז עס איז שלעכט. אז ער זאגט השם יתברך ״זאל״ העלפן, ווייסן זיי, אז מ׳דארף האבן רחמים. נאר,

אז דער רבי זאגט: השם יתברך "וועט" העלפן, דעמאלט איז די ישועה שוין א זיכערע און א קלארע ווי דער טאג. איצט אבער האבן זיי געהערט פון רבינ׳ס מויל: "דער אויבערשטער "זאל" העלפן", האבן זיי שוין געוואוסט, אז יואל־יונה דארף האבן גרויס רחמים.

איז דער היינטיגער לאנג פארצויגענער מוסף געדאווענט געווארן מיט אזוי פיל יראה און התפעלות, אז דער רבי ר׳ מאטעלעס חסידים וועלן אים קיינמאל נישט פארגעסן.

מוצאי ראש־השנה, האט דער דאקטער פארשריבן נייע מעדיצינען. ער איז ארויסגעגאנגען פון יואל־יונה׳ן א אומעטיגער, א בלאסער און א אומצופרידענער מיט דעם גאנג פון דער קראנקהייט. ער האט געצווייפלט און זיך געשראקן. ער האט שטרענג פארזאגט, אז דער חולה מוז האבן פולקאמענע רוה, און זאל אויף קיין פאל נישט באלעסטיגט ווערן.

דאבעלע האט שוין פארבראכן די הענט. נאר דא האט זיך פלוצים באוויזן דער רבי ר׳ מאטעלע מיט זיין גבאי.ביידע האבן מיט אמאל ווי אויסגעזונגען:

— א גוטע וואך, א גוט יאר מיט געזונט און פרנסה!

דער רבי מיט דעם גבאי זיצן לעבן דעם חולה׳ס בעט. דעם רבינ׳ס צורה לייכט און שמייכלט. די אויגן זיינע קוקן מיט ליבשאפט אויף יואל־יונה׳ן, וואס האט אזוי שנעל ווי ער האט דערהערט דעם רבינ׳ס קול, זיך מיט א פרישן כוח א הויב געטאן פון קישן:

— רבי! רבי טייערער! אזא כבוד!...

דער רבי האט אים אבער א וואונק געגעבן, אז ער זאל זיך נישט אנשטרענגען. דער רבי פארערדט יואל־יונה׳ן מיט זייטיגע ענינים, וואס האבן גאר קיין שום שייכות נישט, מיט זיין קראנקהייט. און מיט יעדן פרישן ווארט, וואס קוועלט ארויס פון רבינ׳ס לעפצן, ווערן אלץ ליכטיגער ביים חולה די אויגן, צינדן זיך אלץ העלער און פינקלען. יעדער בליק, דעם רבינ׳ס, צעווארעמט ביים חולה די אברים, און יעדער קער און מאך דעם

רבינ׳ס, נעמט אוועק אלץ מער שטעכעניש פון די ריפּן. יואל־יונה דערפילט אין זיך נייע און פרישע כוחות.

ביים אוועקגיין זאגט דער רבי:

— מיר דוכט זיך, יואל־יונה, אז דו האסט מיר אמאל געזאגט, אז דו ביסט געבוירן געווארן אין מזל דגים. דאס איז גאר־גאר א הויך מזל! השי״ת ״וועט״ טאקע העלפן, אז דו וועסט בקרוב האבן א רפואה שלימה. נאר איך ווייס נישט, צו עס וועט גלייך זיין, אז דו זאלסט, איה״ש, היינטיגן יום הקדוש זיין דער בעל־מוסף. לאמיר דערלעבן לשנה הבאה. פונדעסטוועגן זאלסטו מפטיר יונה נישט אפלאזן.

יואל־יונה, ווי גארנישט מעשה חולה, טוט זיך א הויב אויף פון קישן און רופט אויס:

— סטייטש רבי?

נאר דער רבי ר׳ מאטעלע גיט, א שמייכלדיגער, א מאך מיט דער האנט, און יואל־יונה פארשטייט גלייך דעם ענטפער: אז דער ענין איז ערליידיגט.

אין דריי טעג שפעטער, איז יואל־יונה שוין ארומגעגאנגען אין גאס, און ווי אלע גוטע און פרומע אידן זיך געגרייט מיט הארץ און נשמה פאר דעם יום הקדוש.

נישט בלויז ר׳ מאטעלע׳ס חסידים, נאר אידן פון דער גאנצער געגנט, האבן פשוט געשטוינט וועגן דער גאנצער מעשה פון יואל־יונה׳ס מסוכנ׳דיגער שלאפקייט, און דער אופן פון זיין געזונט ווערן. אפילו יואל־יונה׳ס דאקטער האט דערצו צוגעשריבן א גרויסן נס.

סיי צו כל נדרי, און סיי דעם גאנצן מארגנדיגן יום־הקדוש האבן אידן פון די ארומיגע שולן זיך געצויגן צו ר׳ מאטעלע׳ס קלויז, צו כאפן א בליק אויף יואל־יונה׳ן און אויף דעם רבי׳ן אליין.

יואל־יונה איז אבער פון דעם נישט נתפעל געווארן. ער האט זיך

געערגערט, וואס דער רבי האט אים ערב יום־כפור אנגעזאגט, אז ער זאל זיך, למען השם, נישט אנשטרענגען ביים דאווענען, נאר זיך האלטן ביי תפילה בלחש, ער זאל אפילו אויסלאזן די גרעסערע שטיקער פיוט און ער מוז זיך נישט דווקא אויפשטעלן צו יעדער תפילה. היינט דער מוסף! נאר דעם רבינ׳ס ווערטער זיינען א געבאט, אויף וועלכן מ׳טאר נישט עובר זיין, און דער רבי, זאל לעבן — פילט יואל־יונה — ווי טרוד ער איז נישט מיט די הייליגע תפילות, האלט דאך אויף אים, א אומגעזעהן, וואכזאם אויג.

באין ברירה דאוונט יואל־יונה תפילה בלחש. ער איז אין דער בחינה פון ״יונה הומיה״, ער ברומט אין זיך טיף אין הארצן אריין, יעדעס ווארט באזונדער פון אלע תפילות. און די חסידים דאווענען היינט מיט אזא פייער, אז עס דוכט זיך, אז יעדעס ווארט פלאמט, יעדעס אות זינגט פון זיך אליין. מ׳פילט בחוש, אז איבער דער גאנצער קלויז שוועבט און צוגיסט זיך די וואונדערליכע נגינה פון יואל־יונה׳ס מוסף, מיט אלע זיינע קנייטשעלעך, תנועה׳לעך און דריידעלעך; מיט אלע איבער־טענער, אונטער טענער און ביי־טענער, וואס פארגייען זיך אין א פאלצעט... און דער פאלצעט צושפריצט באלד אין וויברירנדיגע ארגל־טענער, הגם דער בעל־מוסף איז היינט גראד נישט יואל־יונה, — ווייל יואל־יונה מוז דאך היינט דאווענען, אויף דעם רבינ׳ס געבאט, בלויז מיט די ליפן און הארץ...

— זעהסט יואל־יונה׳שע — זאגט דער רבי צו יואל־יונה׳ן, נאך מוסף — מיר אלע האבן ב״ה ביז איצט גארנישט שלעכט געדאוונט. ביז ״מפטיר יונה״ וועסטו שוין קענען זיך צוזינגען אויפ׳ן קול.

די ליציטאציע אויף מפטיר יונה איז געווען א קורצע. און ווי אלע יאר אביסל א שפאסיגע, ווייל קיינער וויל דאך, אין אמת׳ן, נישט אויסדינגען יואל־יונה׳ס חזקה. מ׳דינגט זיך בלויז א ווײַלע, כדי יואל־יונה זאל האבן דאס געפיל, אז ער האט זוכה געווען אין דער קניה פון מפטיר יונה, און אז ער זאל הערן די בע׳טעמ׳טע ווערטער: — יישר כח ר׳ יואל־יונה!

היינט אבער האבן חסידים געוואלט נאך מער מקצר זיין די ליציטאציע, אבער יואל־יונה האט זיך ווי צעבייזערט און אונטערגעטריבן:

— נו חברה, נו? וואס שווייגט איר?!

אלע, אפילו דער רבי אין מיטן, האבן זיך צעשמייכלט. נאר יואל־יונה האט זיינס אויסגעפירט: ער האט אויף דער ליציטאציע, ווי אלע יאר, אויסגעדונגען דעם מפטיר יונה...

☆

דער רבי ר׳ מאטעלע איז זיך נוהג, אז פאר פתיחת נעילה, צעווארעמט ער דעם עולם מיט א קורצן דרוש, וועגן דער הייליגקייט פון יום־כפור, וועגן תשובה און סליחה ומחילה. דאס איז מעורר די מתפללים צו דאוונען די לעצטע יום־כפור׳דיגע תפלה מיט גאר א באזונדערער השתפכות־הנפש. איצט אבער, הארט פאר נעילה, פילט דער רבי, אז ער מוז נאך עפעס טאן: ער מוז פון זיך ארונטערוואַרפן דעם חשד, אז דאס האט ער אויסגע׳פועל׳ט א רפואה און ישועה פאר יואל־יונה׳ן.

מ׳דארף וויסן, אז ר׳ מאטעלע איז א גרויסער עניו, א בורח מן הכבוד און פון יעדן שמץ גאוה. ער שרעקט זיך פשוט אז די חסידים זאלן איהם, חלילה, נישט שטעלן אויף דער מדרגה פון ״צדיק גוזר והקב״ה מקיים״. ער צונעהמט איצט טיפער דעם ענין פון תשובה, וואס איז הויך און גרויס מבטל צו זיין גזירות רעות ופורעניות... ער פיהרט דעם ענין אזוי ווייט, אויפצווייזן וואס ר׳ חנני׳ זאגט: אז אויף דער שיף, מיט וועלכער יונה הנביא האט געוואלט אנטלויפן פון ג־ט, האט די השגחה צוזאמענגעבראכט מענטשן פון זיבעציג שפראך, כדי זיי זאלן זעהן די וואונדער פון ג־ט און דעם כח פון תשובה און באקענען זיך מיטן אלוקי אמת...

ער ברענגט אויך דעם מאמר פון רבי טרפון אז דער פיש, וועלכער האט איינגעשלונגען יונה׳ן, איז ארומגעשוואומען אין ים נאך משׁשת ימי בראשית, כדי יונה הנביא זאל טהון תשובה, און אז ער זאל געהן דערוועקן די גרויסע שטאדט נינוה, תשובה צו טהון...

— פון דער גאנצער מעשה יונה — פיהרט אויס ר׳ מאטעלע — און פון דעם ״קיקיון״, וואס היינט האט ער אויפגעבליהט און אויף מארגן איז

ער אויסגעטריקנט געווארן, לערנען אונזערע חכמים, אז נישט בלויז דארף יעדער מענטש תשובה טהון, נאר אז דער מענטש וועלכער האט די מעגליכקייט צו בעטן רחמים פאר זיין חבר, אדער דער וועלכער קען צוריק ברענגען זיין חבר צו תשובה און טהוט דאס נישט — דעם טהוט ג־ט בעשטראפן, מעג ער זיין אפילו אזוי גרויס ווי יונה הנביא...

נישט וויינען

ימים נוראים לייענט מען די קריאת התורה מיט א בעזונדער ניגון, אויסער יום הכפורים ביי מנחה, ווייל דער ראש השנה׳דיגער ניגון איז א טרויעריגער און עס מאכט א איינדרוק ווי איינער טרויערט און וויינט, וויבאלד מען לייענט יום כפור ביי מנחה די פרשה פון עריות, האט מען עס נישט געוואלט לייענען מיט א וויינענדיגן ניגון, כדי עס זאל נישט אויסזעהן ווי עס שטעהט אין פסוק ״והעם בוכה למשפחותיו״ ״על עסקי משפחות שנאסרו להם עריות״.

דער חשבון קומט אליין

א איד איז אמאל געקומען אין די עשרת ימי תשובה צום ריזשינער רבין און האט זיך פערקלאגט:

— איך וויל תשובה טאהן אויף מיינע זינד.

— נו, פארוואס טהוסטו דאס נישט — האט איהם דער ריזשינער געפרעגט.

— איך ווייס נישט ווי אזוי מען טהוט תשובה.

— און ווי אזוי צו זינדיגן האסטו יא געוואוסט?

— איך האב געטאהן, דערנאך האב איך זיך דערוואוסט דאס איך האב געזינדיגט.

— אויב אזוי — האט איהם דער ריזשינער געזאגט — טהו יעצט אויך דאס זעלבע, האב חרטה און דער חשבון וועט שוין אליין קומען.

דער הייליגסטער טאג

דער פייער פון רוסיש־פולישן קריג האט נאך געבושעוועט. די אידן, ווי געוויינליך, זיינען די ערשטע וועלכע ליידן פון אזא צושטאנד. אויף דער זייט פון די רוסישע אידן, האט זיך שוין כמעט אראפגעלאזן אין גאנצן דער אייזערנער פארהאנג. אבער אויך די פוילישע אידן אויף זייערע פארשידענע קרייזן האבן געננוג געליטן פון די בלוטיגע שלאכטן. ס׳איז געווען געננוג צו ווארפן אויף ווועמען א שאטן פון פארדאכט וועגן קאמוניזם און יענער האט זיך שוין געמעגט געזעגענען פון לעבן.

געוועז איז דאן די ימים נוראים פון שנת תרפ״א. וויפל שרעק וועגן צוקונפט און מארגן־דאגות וועלכע הערשן ביים אידן, האבן נישט געקענט אוועקטרייבן דעם ימים־נוראים איינדרוק אויפן לעבן. בפרט אום יום־כיפור איז עס געווען צו דערקענען. געפאקט זענען געווען אלע שוהלן און שטיבלאך, אזוי ווי אמאל אין די גוטע צייטן, עס איז כמעט נישט קענטיג געווען אז די מדינה געפינט זיך אין קריגס צושטאנד.

ביים אלטן ווארשעווער רב הרב פרלמוטער ז״ל איז א פוהלע שוהל מתפללים. אין אנוועזנהייט פונ׳ם אלטן פאטריארכאלן חשובן רב, דאוונט זיך עפעס מיט א ערנסטער׳ן יום־כפור־גייסט. אזוי געהט דורך דער טאג געוויינליך. מ׳האלט שוין ביי תפילת נעילה, די זון האלט שוין באלד ביים אונטערגיין און דער הייליגער טאג האלט זיך שוין ביים פארענדיגן.

פלוצים הערט זיך א רעש אין בית מדרש. א איד, דערשראקן און אנגעצויגן לויפט אריין אין מיטן דאוונען און שטופט זיך צו ביז צום רב, הרב פרלמוטער. מ׳האט געכאפט אין מיטן יום־כיפור ביי מנחה א אידן מיט א פארדאכט אלס קאמוניסט. אין אזא קריגס־צושטאנד וואס הערשט אין לאנד האט מען גאנץ גוט פארשטאנען מיט וואס דאס שמעקט, מ׳טאר

דא נישט פארברייגען צופיהל, עס איז גאנץ מעגליך עס זאל נאך היינט ארויסגעהן א טויט אורטייל געגן דעם אידן. די מיליטערישע געריכטן ארבעטן אמשנעלסטן, איבערהויפט ווען עס רעדט זיך וועגן א זשיד...

דער אלטער רב האט גלייך מפסיק געווען אין מיטן דאווענען, געכאפט דעם אויבער־ראק אויפן ווייסן קיטל און טלית און בעגלייטנדיק פון דעם שמש איז ער ארויס פון שוהל מיט שנעלע טריט, איבערלאזנדיג די מתפללים פארזעצן דעם נעילה־דאוונען.

דעם ערשטן אויטא האבן זיי אפגעשטעלט — צום וואונדער פון דורכגעהער וועלכע באטראכטן ווי דער אלט גרייז־גראהער רב פארט אום יום־כיפור אין די עפנטליכקייט — און געהייסן אפפארן גלייך צום ווארשעווער פעסטונג וואו דער געריכט פון יענעם איד דארף פארקומען. דער רב האט נאך אנגעיאגט צו קומען איידער עס איז ארויס דער אורטייל געגן דעם איד.

דאס אונגעריכטע אנקומען פון הרב פערלמוטער אינ׳ם פעסטונג, האט ארויסגערופן גרויס איבערראשונג ביי די פעסטונג־לייט, און ווען דער רב האט געזאגט אז ער וויל זיך זעהן מיטן גענעראל פון דעם פעסטונג, איז זיין וואונטש גלייך ערפיהלט געווארן.

געמאסטן און געוואויגן יעדן ווארט אבער גאנץ שטאלץ, האט דער רב גערעדט מיט׳ן גענעראל, בעטנדיג מ׳זאל שוין באפרייען דעם אונשולדיגן איד. דא איז זיכער א טעות געמאכט געווארן. דער רב נעמט דעם אידן און זיין ריינקייט פון יעדן פארדאכט וועגן קאמוניזם, אויף זיין פערזענליכע פעראנטווארטליכקייט.

דער גענעראל איז איבערצייגט אין דעם אמת פון דעם רב׳ס רייד, און עס בלייבט נישט איבער פאר איהם נאר צו באשטעטיגן, אז דער איד איז פריי. אבער א פארמאלע זאך בלייבט נאך שטעקן. די גאראנטיע מצד דעם רב מוז אונטערגעשריבן ווערן, און מיט א ציטערדיגע האנט נעמט דער רב די פענע אין האנד. עס איז נישטא קיין אנדער אויסוועג. מ׳מוז ראטעווען א אידן פון טויט — אפילו פון א ספק פון טויט. אויב דער אונטערשרייבן

איז דער לעצטער אקט פון דעם ראטעווען — מוז מען אונטערשרייבן. אויב מ׳זאל ווארטן א שטיקל צייט ווען די נאכט וועט אונטערפאלן, ווער ווייסט וואס פאר א נייע צרה עס קען זיך דא אונטעררוקן. ניין, מ׳טאר נישט ווארטן. אבער מאמענטאל האבן דעם רב׳ס שטורעמדיגע געדאנקען געארבעט און דער רב צושפראלעט זיין אויבער־ראק וואס האט פארדעקט זיין קיטל און טלית, קוקט גלייך אין די אויגן פונם גענעראל און רופט זיך אן מיט א באהאלטענעם שטאלץ:

— זעה, הער גענעראל! היינט איז ביי אונז אידן יום כיפור! דער הייליגסטער טאג פון א גאנץ יאהר! איך האב מפסיק געווען אין מיטן דאוונען און געקומען אהער אין מיטן פאסטן א גאנצן מעת־לעת צו ראטעווען א מענטש פון א פאלשן בלבול. איך בין אויך גרייט נאכאמאל מחלל זיין דעם הייליגסטן טאג און זיך אונטערשרייבן כדי צו ראטעווען דעם מענטשן׳ס לעבן —

דער גענעראל האט פארשטאנען דעם רב׳ס לאגע און איז גערירט געווארן. ער איז מוותר אויפן רב׳ס אונטערשריפט. ער באנוגנט זיך מיט זיין ווארט.

מיט גרויס פרייד האבן זיך די צוויי, דער רב און דער שמש, באגעגנט מיט דעם דערשראקענעם איד וועלכער איז באפרייט געווארן.

אינצווישן איז שוין די נאכט אונטערגעפאלן. און דער אלטער רב איז אהיים געקומען שוואך און פארמאטערט פונ׳ם תענית און פון דער וועג, אבער פריילאך און מונטער פון די גרויסע מצוה וואס האט זיך איהם געמאכט אום יום כיפור — צו ראטעווען א אידיש נפש, און נאך דערצו זיך ארויס געדרעהט פון א חילול־יום־כיפור.

★

ביי די ״קדושה״ פון די פיהר שמונה־עשרה׳ס זאגט מען ״ממקומו הוא יפן ברחמיו לעמו״, נישט ווי שבת און יו״ט וואס מ׳זאגט אזוי נאר ביי מוסף.

— ווייל דעם גאנצן טאג איז הקב״ה דן די וועלט.

(מג״א)

דער טאפלטער נס

ביים רבין און צדיק ר׳ יצחק אייזיק פון קאליב זצ״ל אין קלויז, איז געווען א חזן וועלכן מען האט גערופן ר׳ שואל׳קע פיק, דער דאזיגער ר׳ שואלקע איז געווען זייער א פרומער איד, א גרויסער למדן און א גרויסער ירא שמים, א מענטש א בעל מידות מיט זייער א שיינעם הדרת פנים, ער האט פערמאגט א וואונדערבארן שיינעם קול נגינה, זיין דאוונען איז געווען מתיקות׳דיג און ער האט געצויגן א גרויסן עולם. ווען ער האט געדאוונט, איז די שוהל געווען פוהל מיט מתפללים, וועלכע זענען געקומען שעפן תענוג און הנאה פון זיינע מתיקות׳דיגע תפלות.

דער חזן ר׳ שואלקע איז געווען פון דער זעלטענער סארט טיפ מענטשן, וואס מען פלעגט זאגן אויף זיי, אז רוח הבריות נוחה הימנו. ער איז געווען א מעורב עם הבריות, יעדער איינער האט איהם ליב געהאט און האט זיך בעצויגן צו איהם מיט גרויס אכטונג און רעספעקט. אויך דער רבי ר׳ אייזיקל האט שטארק געהאלטן פון איהם, ער פלעגט זאגן, אז ר׳ שואלקע פערמאגט אלע מעלות פון וועלכע א חזן דארף האבן, ער איז ווערד צו זיין א שליח צבור און זיין תפלה ווערט אנגענומען.

אויסער דעם פלעגט ר׳ שואלקע זיצן ביים רבין אין קלויז טאג און נאכט און געלערנט. און אז מען איז געקומען צום רבין פרעגן א שאלה און ער איז געווען פערנומען, פלעגט ער אפשיקן צו איהם, צו ר׳ שואלקען, אז ער זאל פסקנען, ווייל אויסער דעם וואס ער איז געווען א גרויסער למדן, האט ער געהאט אויך סמיכה פון גרויסע רבנים פון די ארומיגע שטעדט, און איז געווען א גרויסער מומחה אין הוראה און פסק׳נען שאלות.

איינמאל, א פרייטאג צו נאכטס, ווען ר׳ שואלקע האט אנגעטאהן דעם טלית, ווי זיין שטייגער איז געווען, און איז צוגעגאנגען צום עמוד

מקבל שבת זיין, ווי נאר ער האט אויסגעשריען די ווערטער "לכו נרננה", אזוי האט מען באלד בעמערקט א ענדערונג אין זיין קול, ער האט ארויסגעלאזט מאדנע משונה'דיגע קולות, פון וועלכע דער גאנצער עולם איז פערציטערט געווארן. זיין קול איז געווען גראב, טעמפ, הייזעריג און גרילנדיג און עס איז אויסגעקומען ווי עס שרייט א נישט דערקווילעטער אקס. יעדער איינער האט גלייך דערשפירט אז מיטן חזן איז דא געשעהן א גרויסער אומגליק, און אז ער האט פערלוירן זיין וואונדערבארן שיינעם קול נגינה. אויך דער קאליווער רבי איז אויף גיך געקומען צו לויפן פון זיין בעזונדער צימער, און זעהענדיג ווי ר' שואל'קע שטעהט ביים עמוד און רייסט זיך מיט אלע כוחות, עס שלאגט פון איהם א קאלטער שווייס און ער קען בשום אופן נישט ארויסגעבן א נארמאלן קול, האט עס איהם זייער פערקלעמט ביים הארצן, און ער האט איהם געמאכט מיט דער האנט ער זאל אוועקגעהן פון עמוד. ער האט געהייסן א אנדער אידן צוגעהן צום עמוד מקבל שבת זיין.

א גאנצן שבתדיגן טאג, האט דער עולם געהאלטן אין איין רעדן פון דעם גרויסן אומגליק וואס האט געטראפן ר' שואלקע דער חזן. אייניגע האבן ארויסגעזאגט זייער השערה, אז עס איז געקומען פון א פערקיהלונג, אנדערע ווידער האבן געהאלטן אז ער האט עפעס א מיחוש אין האלז און האבן געראטן, אז ער זאל פאהרן צו א גרויסן פראפעסאר, און ער זאל זיך אויסהיילן. קיינער האט נישט געקענט ביי זיך פועלן, אז אזא שיינער קול נגינה ווי עס האט פערמאגט ר' שואלקע דער חזן, זאל געהן צו גרונד.

מוצאי שבת נאך הבדלה, האט דער רבי געשיקט אריינרופן צו זיך אין צימער ר' שואלקען און ער האט איהם געגעבן צו דערקלערן, אז דער אומגליק איז אויף איהם געקומען נישט פון קיין פערקיהלונג, און אויך נישט איבער דעם וואס ער זאל האבן עפעס א מיחוש אין האלז, נאר דאס איז אויף איהם אזוי נגזר געווארן פון הימל אלס א שטראף דערפאר, וואס ער האט נישט רחמנות געהאט אויף די געלד פון א ארעמע אלמנה און ער האט אויך געבראכט דערצו, אז זי זאל האבן א פערשטערטן שבת. דער רבי האט איהם דערמאנט, אז ערב שבת איז געקומען צו איהם א ארעמע אלמנה פרעגן א שאלה אויף א עוף און ער האט עס טריף געמאכט, אבער

ווען ער וואלט מעהר אריינגעטראכט אין דעם און א ביסל נאכגעזוכט אין די פוסקים וואלט ער עס געקענט כשר מאכן — און דער רבי האט איהם געוויזן די ספרים וואס פסקענען כשר — דערפאר אבער וואס ער האט אנגעטאהן שאדן פאר א ארעמע אלמנה, און האט אויך גורם געווען דאס זי זאל האבן א פערשטערטן שבת, האט זיך אויפגעהויבן קעגן איהם א קטרוג, און וויבאלד דער אויבערשטער איז מדקדק מיט צדיקים אפילו אויף א חוט השערה, דעריבער איז ארויס דער פסק, דאס ער זאל מעהר נישט קענען זיין קיין שליח צבור, און דערפאר האט מען ביי איהם צוגענומען זיין קול נגינה.

ווען ר׳ שואלקע האט דאס געהערט, האט ער אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין און געבעטן דעם רבין ער זאל איהם אויסשטעלן א תיקון, דער רבי האט איהם געענטפערט, דאס ער זאל זעהן תשובה טאהן מיטן גאנצן הארצן און טאהן א סך צדקה און חסד, און צו דערצו אויך זיצן א גאנץ יאהר און לערנען און נישט האבן קיין פארקער מיט קיינעם, האפט ער אז דער אויבערשטער וועט אננעמען זיין תשובה און מבטל זיין די גזירה, און זיין קול וועט ער ווידער בעקומען.

☆

ר׳ שואלקע האט געגוי און פונקטליך אויסגעפאלגט אלעס וואס דער רבי האט איהם אויסגעשטעלט, ער האט זיך אינגאנצן ארויסגעטאהן פון אלע עולם־הזה׳דיגע ענינים, און האט טאג און נאכט געזעסן אין שוהל על התורה ועל העבודה, ער האט עוסק געווען נאר אין תורה, תפילה און מעשים טובים, אזוי איז אריבער באלד א קיילעכיגער יאהר.

ווען עס איז אנגעקומען דער יום הקדוש, מען האט שוין געהאלטן נאך תפלת נעילה, פלוצלונג געהט דער רבי צו צו ר׳ שואלקען, און באפוילט איהם ער זאל דאוונען פארן עמוד דעם וואכעדיגן מעריב פון מוצאי יום כפור, ר׳ שואלקע האט גלייך געפאלגט דעם רבינ׳ס בעפעהל און צוגעגאנגען צום עמוד, ווידער איז דער רבי צוגעגאנגען צו איהם און באפוילן אז ווען ער וועט צוקומען צו ״אהבת עולם״, זאל ער עס זינגען פאמעלעך און מיט דעם זעלבן נגון וואס ער האט איהם געזונגען בשעת ער איז געקומען צו איהם אין קלויז דאס ערשטע מאל אלס חזן.

די ארומיגע וואס זענען געשטאנען נעבן ר׳ שואלקען האבן געשטוינט פון פערוואונדערונג, זיי האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי דער רבי הייסט איהם זינגען אין דער צייט וואס ער ווייס, אז דער אויבערשטער האט איהם אזוי שווער געשטראפט און האט ביי איהם צוגענומען זיין קול נגינה, עס איז אבער נישט געווען קיין צייט אויף א סאך אריינטראכטן אין דעם, ווייל ר׳ שואלקע האט באלד אנגעהויבן דאווענען מעריב.

ווען מען איז צוגעקומען צו "אהבת עולם" האט דער שמש געגעבן א קלאפ אין דער בימה עס זאל ווערן שטיל, און ר׳ שואלקע האט אנגעהויבן זינגען, "אהבת עולם", און וואונדער איבער וואונדער, ווי נאר ער האט געעפנט זיין מויל, האט זיך זיין שטימע צוקלונגען הויך, שטארק און שיין איבערן גאנצן קלויז, און מיט א ברענענדיגע התלהבות האט ער גענומען אויסזינגען דעם אהבת עולם, ארויסרופנדיג בעגייסטערונג ביי אלע מתפללים וועלכע זענען געבליבן שטעהן פערגאפט פון גרויס איבערראשונג און פרייד, וואס דער חזן האט שוין צוריק בעקומען זיין שיינעם קול נגינה. מען האט פערגעסן אז דער בויך איז ליידיג און עס פאדערט שוין צו עסן, נאך דעם פאסטן דעם הייליגן טאג, מען האט אפילו אויך פערגעסן צו טראכטן און זיך וואונדערן וואס דער רבי האט נישט געפונען קיין אנדער צייט צו זינגען נאר דוקא יעצט ביי מעריב פון מוצאי יום כפור, ווען דער גאנצער עולם איז מיד און ערשעפט נאך אזא גרויסער טאג.

ווען דער עולם איז אבער ארויס פון קלויז, האט איהם דערוואַרט נאך א גרעסערע איבערראשונג, אין הויף פון קלויז, זענען געלעגן געהרגעטע און פארוואונדעטע, א פאר צענדליג פויערן, דער עולם האט זיך אין אנהויב שטארק דערשראקן, אבער דער רבי האט זיי אלעמען בערוהיגט, אז זיי זאלן גארנישט מורא האבן. מען האט באלד געבראכט פאליציי, און ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן נאכן אויספארשונג, דאס די פויערן זענען געווען מיטגלידער פון א געוויסע באנדע רויבערס, וואס האבן זיך געפונען אין די נאהנטע וועלדער, זיי פלעגן הרגענען און בערויבן די דורכפאהרער און די דורכגעהער. די דאזיגע באנדע האט אויך געוואלט אויסהרגענען די

אידן פון קאליב און זיי בערויבן דאס פארמעגן, אבער ווי אזוי קומט מען דערצו.

איז זיי איינגעפאלן א פלאן, דאס די בעסטע צייט דורך צופיהרן זייער מערדערישן פלאן, איז נאר מוצאי יום כפור, ווען די אידן גייען ארויס פון קלויז, און זיי זענען דאן אפגעשוואכט און פערמאטערט פון תענית, וועלן זיי זיך נישט קענען אנטקעגן שטעלן.

אזוי האבן זיי טאקע געטאהן, איידער עס איז נאכט געווארן, האבן זיי זיך אריינגעגנבעט אין הויף פון קלויז און האבן געווארט דאס די אידן זאלן ארויסגעהן, און זיי וועלן זיי געבן א "גוטן" קבלת־פנים, זיי בעפאלן און אלעמען אויסהרגענען. פלוצלונג האבן זיי געהערט זייער א שיינעם קול פון זינגען, דער געזאנג האט זיי אזוי שטארק בעגייסטערט, אז זיי האבן אינגאנצן פערגעסן אוואו זיי געפינען זיך. זיי זענען אריינגעפאלן אין א ווילדן עקסטאז, און גענומען זיך הרגענען און שלאגן איינער דעם צווייטן, ביז קיין איין איינציגער איז נישט ארויס גאנץ פון דעם שפיל, אדער דערהרגעט געווארן אדער פערוואונדעט.

פערוואונדערט האט דער עולם אויסגעהערט די מוראדיגע מאדנע שרעקליכע פאסירונג. יעדן איינעם׳ס הארץ איז געווארן פוהל מיט פרייד, לויב און דאנק פאר דעם אויבערשטן וואס ער האט זיי געראטעוועט פון א זיכערן טויט. ערשט יעצט האבן זיי דערזעהן די אמתע גרויסקייט פון זייער גרויסן און הייליגן רבין, יעצט איז אויך געווארן פערשטענדלאך פארוואס דער רבי האט געהייסן ר׳ שואל׳קען זינגען "אהבת עולם" מוצאי יום כפור ביי מעריב, אט דורך דעם געזאנג האט ער געראטעוועט די גאנצע שוהל מענטשן פון א זיכערן טויט און צוגעבראכט צו א מפלה פאר די גוים, כן יאבדו כל אויביך.

אזוי ווי דו בעטסט

ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך (במדבר).

ג—ט זאגט: איך פערגיב דיינע זינד, פונקט אזוי ווי דו בעטסט מיך...
(בשם הרה״ק ר׳ ברוך זצ״ל ממעזיבוז)

צענטער קאַפּיטל: **אין דער מחיצה פֿון צדיקים**

בלויז צוויי ווערטער
דאָס קינד וויינט
דער לעצטער יום דער שרעק פֿאַרן "אחרי מות"
די לבנה האָט זיך

צענטער קאפיטל

אין דער מחיצה פון צדיקים

בלויז צוויי ווערטער

דער הייליגער רבי ר׳ הערשעלע רימאנאווער זי״ע האט דערציילט, אז איינמאל ווען דער קאזשעניצער מגיד האט געהאלטן יום הקדוש ביינאכט ביי ״כל נדרי״, האט ער פארן זאגן דעם פסוק ״ויאמר ה׳ סלחתי כדבריך״ זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

״רבונו של עולם, דיין גרויסע שטארקייט קענען מיר נישט מיטאמאל ארויסזאגן, קיין שום מענטש אויף דער וועלט קען עס אפילו נישט מיטהאלטן צו פארשטיין און דאגעגן מיין גרויסע שוואכקייט ווייס אויך קיינער נישט אויף דער וועלט וואו עס האלט, אויסער דיר וואס דו ווייסט אלעס.

״דו ווייסט דאך אבער רבונו של עולם, אז איך האב מיך יעצט ביי כל נדרי נישט געקענט שטעלן פארן עמוד אזוי ווי איך בין געוואוינט אלע יארן, צוליב מיין גרויסע שוואכקייט, דאך בין איך אבער גאנץ חודש אלול געשטאנען יעדן טאג פארן עמוד און געבעטן מיט תפלות און תחנונים, און דו ווייסט דאך אז איך האב עס נישט געטאן פאר מיר, פאר מיינטוועגן, איך האב עס נאר געטאן פאר די טובה פון דיין געליבט פאלק, פאר כלל ישראל.

״און יעצט רבונו של עולם, אז איך קען מיט מיין שוואכן און נישט געזונטן קערפער נעמען אויף מיר צו טראגן דעם שווערן עול פון פירן און בעטן אזויפיל תפלות און תחנונים פאר דיינע קינדער, איז דאך זיכער אז פאר דיר מיט דיין מעכטיגע שטארקייט איז נישט שווער ארויסצוזאגן פאר די טובה פון דיינע געליבטע קינדער בלויז די צוויי ווערטער ״סלחתי כדבריך״, אז דו ביסט מוחל די עבירות פון דיין פאלק וואס טוט פאר דיר היינט תשובה.

און אויב דו ווילסט נישט זאגן "סלחתי כדבריך" ווייל עס איז נישטא היינט קיין צדיקים אויף די וועלט, האסטו דאך אין רימאנאוו דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע פריסטיקער וועלכער איז אליין אזוי גרויס ווי אלע אנדערע צדיקים פון דור.

און אויב דו ווילסט נישט ארויסזאגן די ווערטער "סלחתי כדבריך" ווייל עס איז נישטא קיין "אורים ותומים" אין אונזער דור, האסטו דאך אין לובלין דעם חוזה, דעם הייליגן רבי ר' איציקל, וואס לייכט אזוי שטארק מיט זיינע אויגן אזוי ווי דער אורים ותומים פון כהן גדול, פון אהרן הכהן.

און אויב דו ווילסט נישט ענטפערן "סלחתי כדבריך" ווייל עס איז נישטא היינט קיין אמת'דיגע "בעלי תשובה", בין איך גרייט רבונו של עולם מיט מיין אפגעשוואכטן און צעבראכענעם גוף, תשובה צו טהון פארן גאנץ כלל ישראל, און איך בעט דיך רבונו של עולם רוף שוין אויס "סלחתי כדבריך".

אזוי האט דער הייליגער קאזשניצער מגיד געשריגן און געוויינט איבערזאגנדיג די זעלבע ווערטער מיט גרויס התעוררות, ביז מיטאמאל האט ער געגעבן א וואונק פאר די משוררים זיי זאלן אנהויבן צו זינגען, און ער האט געגעבן א שריי אויס מיט א הויך קול, וואס האט אפגעדונערט אין גאנצן בית המדרש: "ויאמר ה' סלחתי כדבריך".

☆

ווען מען האט דערציילט אט די מעשה פארן הייליגן ריזשינער זי"ע, האט ער צוגעגעבן אז ער גלויבט באמונה שלימה אז דער קאזשניצער מגיד האט אליין געהערט דעמאלט פון השי"ת ווי ער זאגט "סלחתי כדבריך", אזוי ווי משה רבינו האט עס געהערט אין זיין צייט, ווייל ווען נישט דאס, וואלט דער קאזשניצער מגיד זיך נישט געשטעלט דעמאלט דאווענען מעריב...

דאס קינד וויינט

עס איז שוין פון שטענדיג אן א מנהג ביי חסידים, דאס ערב יום כפור אויב עס איז נאר מעגליך, זאלן זיי זיין ביי זייער רבי׳ן מיט א קוויטל, זיך ביי איהם "מזכיר" זיין, אז זיי זאלן זיך אויסבעטן א גוט יאהר און האבן א חתימה טובה.

דאס איז אויך געווען איינגעפיהרט ביים רבי׳ן, הצדיק רבי ישראל יעקב פון קרעמניץ. פון אלע ארומיגע שטעדט און ישובים זיינען געקומען אידן מיט זייערע בני בית, זיי זאלן זיך קענען בעצייטנס "פראווען" ביים צדיק און דערנאך זיך זעצן עסן זייער "סעודה המפסקת".

געוויינליך זיינען צום רבי׳ן פריהער אריינגעלאזן געווארן זיין אייגענע בני בית, און ווען זיי זיינען שוין פארטיק געווארן, האט מען דערנאך אריינגעלאזן דעם אלגעמיינעם עולם.

איינמאל האט זיך, אום ערב יום כפור, געמאכט א סיבה, אז דעם רבי׳ן׳ס אינגסטע טאכטער שרה׳לע האט זיך פארשפעטיגט, און ווען זי איז אנגעקומען איז שוין געווען נאך אלעם. דער צדיק האט שוין לאנג געהאט אבגעפארטיגט דעם עולם, אויך גיך אפגעגעסן די "סעודה המפסקת" און איז שוין אוועק אין מקוה אריין — פאר כל נדרי.

אז זי האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי געהאט גרויס עגמת נפש. ווארום ווי וועט זי גאר קענען געהן אין שוהל אריין, צום דאווענען אז זי האט נאך פריהער נישט בעקומען איהר גרויסן פאטער׳ס ברכה?

זי האט זעהר שטארק געוויינט און זיך אוועקגעשטעלט ביים טויער פון שוהל און געווארט ביז דער צדיק וועט געהן אין שוהל אריין.

זי האט מיט זיך מיטגעהאט איהר׳ס א קינד, א מיידעלע פון דריי

יאהר, און ווען עס האט דערזעהן די מוטער אזוי שטארק וויינען, האט זיך דאס קינד אויך צולאזט אויפ'ן קול'כל און האט נאך העכער געוויינט.

דערווייל איז דער רבי אנגעקומען און ער האט געטראפן זיין טאכטער מיט איהר קינד ווי ביידע וויינען זיי אויפ'ן קול.

אויף דער טאכטער איז איהם גאר קיין חידוש נישט געווען וואס זי וויינט. זי איז א כשר'ע אידישע טאכטער, און היינט איז דאך ערב יום כפור, פאר כל נדרי, דארף זי דערפאר וויינען, אבער דאס קליינע קינד? פארוואס האט זיך דאס קינד אזוי צוויינט?

און אז ער האט דאס קינד וועגן דעם געפרעגט האט זי איהם באלד געענטפערט:

— איך ווייס נישט פאר וואס איך וויין, אבער אז איך האב געזעהן די מאמע וויינט, האב איך אויך אנגעהויבן צו וויינען...

דער צדיק איז תיכף אריין אין שוהל, וואו דער גאנצער עולם איז שוין געווען פערזאמלט. ער איז באלד צוגעגאנגען צום ארון קודש און עפענענדיג די טירן האט ער אויסגערופן מיט א יאמערליכע שטימע:

— דאס קינד האט געזעהן די מוטער וויינען, האט עס באלד אויך דאס זעלבע געטהון און אויך געוויינט. אבער מיר, די קינדער פון השם יתברך, הערן גאר נישט די וועה־געשרייען פון אונזער מוטער, די הייליגע שכינה, וועלכע האלט אין איין קלאגן און יאמערן: ווי איז מיר, מיין הויז — דאס בית המקדש, — איז חרוב ומוחרב, און מיינע קינדער זענען אזוי צוזייט און צושפרייט, צוווארפן אין גלות ביי די אומות העולם!... מיר הערן דאס אלעס און דא האלטן מיר אין איין שווייגן. פארוואס וויינען מיר נישט?

אלטע חסידים פלעגן נאך מיט יאהרן שפעטער דערציילן, דאס קיין מאל האט מען אין קרעמניץ נישט אזוי פיל געוויינט און תשובה געטהון, ווי דאמאלס, צו כל נדרי, ווען דער צדיק האט דעם עולם אזוי שטארק מעורר געווען דורכ'ן קינד'ס געוויין.

דער לעצטער יום כפור

ערב יום כפור, פלעגן תמיד די קינדער פון'ם טשארטקעווער צדיק צו איהם אריינגעהן אין זיין צימער אריין און ער האט זיי מכבד געווען מיט לעקעך און איינגעמאכץ. דאן האט ער זיי געבענטשט מיט א חתימה טובה.

אין לעצטן ערב יום כפור, בעת זיין בן יחיד, רבי ישראל, דער שפעטערדיגער טשארטקאווער זצ"ל איז צו איהם אריינגעקומען אין צימער, איז ער זעהר דערשראקן געווארן דערזעהענדיג זיין גרויסן פאטער וויינען און קרעכצען ביטערליך און אומנאטירליך. ער איז געבליבן שטעהן ווי פערגליווערט, חס ושלום.

דער צדיק האט פערשטאנען דעם זוהן'ס פערוואונדערונג, איז ער צוגעגאנגען צום בן יחיד, ארויפגעלעגט די האנד אויף זיין אקסל און צו איהם אזוי געזאגט:

— זעהסטו מיין קינד? אזוי בעדארף מעז וויינען וויבאלד מען איז נישט עהרליך!"

שמועסנדיג מיט'ן מקורב מכח דער יום־כפור'דיגע עבודה פון'ם כהן גדול, האט ער דאן אזוי געזאגט:

דער גרעסטער פלא איז געווען, דעם כהן־גדול'ס ארויסגעהן פון דעם קדש הקדשים. וויבאלד מען איז שון יא זוכה צו זיין "לפני ולפנים", טאקע ביים מקור הקדושה גופא, אין דער נאהנטסטער סביבה פון דער שכינה הקדושה, נו, ווי אזוי גלוסט זיך עפעס פון דארטן אפצורייסן און צוריק ארויסגעהן אין מגושם'דיגן אויר אריין? ווען איך זאל געווען זיין דער כהן גדול, וואלט איך בשום אופן ניט געוואלט ארויסגעהן פון אזא הייליגער

סביבה. אוי, דאס הארץ ווערט צושפרונגען פאר גרויס חשק אריינצוגעהן לפני ולפנים.

עס האט ניט געדויערט מעהר פון צעהן טעג און דער צדיק האט טאקע זוכה געווען אריינצוגעהן "לפני ולפנים" ווי ער האט זיך געוואונטשן.

דער לעצטער יום־כפור אין טשארטקאוו איז געווען זעהר מורא׳דיג. עס האט זיך געפיהלט אין דעם קלויז א געוואלדיגע פארביטערונג. א ים פון טרערן האט זיך געגאסן פון אלע אויגן, ניט וויסנדיג רעכט די אורזאך פאר וואס און פאר ווען. דען דאמאלס איז דאך דער צדיק נאך געווען מעהר ווייניגער ביים בעסטן געזונד, על כל פנים ניט שוואכער ווי מיט א יאהר פריהער. עפעס איז אויף יעדנ׳ס הארץ געלעגן ווי א שווערער שטיין וואס דריקט ביז ממש צו כלות־הנפש. אפשר האט דאס געהאט א שייכות מיט דער באקאנטער חסידישער בעהויפטונג, אז דער צדיק איז דער "עץ החיים", דער בוים פון לעבן, און זיינע חסידים זיינען, יעדער פון זיי לויט זיין מדרגה די צווייגן און די בלעטער פון דעם דאזיגן בוים. הייסט דאס דעריבער, אז יענעם יום־כפור האבן שוין די צווייגן אנגעהויבן צו פיהלן, אז דיווארצלען פונ׳ם בוים, הויבן שוין אן צו פארזאגן זייער פעולה און השפעה, דאס די יניקה פונ׳ם רוחניות׳דיגן זאפט האט שוין אויפגעהערט.

פונ׳ם רבינ׳ס יום־כפור׳דיגע עבודה גופא, איז ניט געווען צו דערקענען עפעס א ענדערונג. אויסער נאר מיט דעם, וואס די שמונה־עשרה׳ס האבן געדויערט געוואלדיג לאנג, מעהר ווי שטענדיג, און דורך די משונה׳דיגע טיפע לאנג־געצויגענע קרעכצן, וועלכע האבן זיך כסדר געלאזט הערן פונ׳ם רבינ׳ס חדר מיוחד, וואו ער האט געדאוונט בהתבודדות.

— עס איז זעהר שווער צו זיין א "מנהיג הדור" — האט דער צדיק געזאגט יענעם מוצאי־יום־כפור, צו זיינע קינדער און נאהנטע מקורבים — מחמת יעדער אנדערער מענטש בעדארף אפגעבן דין וחשבון נאר פאר זיין אייגן נפש אליין, פאר זיינע אייגענע עובדות און פאר זיינע אייגענע מעשים. דאגעגן אבער א "מנהיג ישראל", ביי איהם איז דאס גאר גאנץ

אנדערש. ער מוז אפגעבן דין וחשבון, ניט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר׳ן כלל־ישראל. זיין אחריות איז געוואלדיג גרויס. עס איז פאר איהם שווער צו געבן, אויף יענעם עולם, א קלארע תשובה אויף דער פראגע פון ״נשאת ונתת באמונה״, פיהל שווערער ווי פאר א פראסטן סוחר. ווייל א פראסטער סוחר איז עוסק נאר אין ״דיני ממונות״, בעת דער ״מנהיג הדור״ איז עוסק אין ״דיני נפשות״, דאס מיינט, די נפשות פון זיינע חסידים, וועלכע פארטרויען זיך אויף איהם און וואס עס ליגט אויף איהם, ער זאל זיי מתקן זיין.

דער טרוקענער ביין

דער קאזשניצער מגיד זצ״ל פלעגט שטענדיג פאר נעילה זאגן צום עולם:

— איצט, אידן, איז די הייליגסטע און ערנסטע צייט פון גאנצן הייליגן יום כפור׳דיגן טאג. משל למה הדבר דומה? צו א קצב וואס האט א יאטקע מיט פלייש און א מחנה הינט בעלאגערן איהם און ווילן דווקא אריינרייסן זיך אינווייניג, דער קצב קעמפט מיט זיי א גאנצן טאג און די הינט ווילן אבער נישט אפטרעטן. וואס טהוט דאן דער קצב? ער כאפט א טרוקענעם ביין אוןווארפט איהם צווישן די מחנה כלבים, לאזן זיי זיך אלע כאפן דעם ביין, דערווייל נוצט ער אויס די געלעגנהייט און פארשליסט די טהיר, זיי זאלן שוין מעהר נישט קענען צוקומען.

דאס זעלבע געשעהט אויך אין הימל. דער שטן מיט זיין מחנה מלאכי חבלה, ווילן דורכאויס זיך אריינרייסן אין די שערי התפלה און אוועקכאפן אונזערע תפלות פון א גאנצן טאג. וואס טהוט כביכול, ער נעהמט א טרוקענעם ביין, אזעלכן וואס האט נישט אין זיך קיין שום לחלוחית פון אידישקייט און ווארפט דעם שטן, און ווי לאנג זיי פרעהען זיך מיטן ביין, פארשליסט מען דערווייל דאס טויער.

ברידער, אידן! יעדער דארף דעריבער הייס מתפלל זיין, אז ער זאל חלילה נישט זיין דער ״טרוקענער ביין״ וועלכן כביכול שענקט אוועק דעם שטן...

דער שרעק פארן ״אחרי מות״

יום כפור, דער הייליגסטער טאג ביי אידן, איז אין טאלנע געווען וואס צו הערן און וואס צו זעהן. נישט אומזיסט פלעגן זיך אויף יום כפור אין טאלנע צוזאמענפארן די בכבודיגסטע חסידים, די אמת׳ע פני, אויף יום כפור פלעגן קומען די רייכסטע, די גרעסטע סוחרים, וועלכע האבן צוליב געשעפט נישט געקענט זיך אפרייסן אויף ראש השנה און אנדערע ימים טובים. יום כפור האבן זיי אבער קיינמאל נישט פערפעהלט.

האט מען יום כפור אין טאלנע געזעהן די סאמע סמעטענע פון ר׳ דוד׳לס גרויסע חסידישע מלוכה, די איינפלוסרייכע אידן פון צעהנדליגער אידישע קהלות.

דער עיקר זיינען אבער נישט געווען די אנגעקומענע חסידים, נאר ר׳ דוד׳ל אליין, די ״אספקלריא המאירה״, די גרויסע ליכט וואס האט געשיינט און בעלויכטן די טאלנער חסידישע וועלט.

די ווירקליכע פארברייטונגען פאר יום כפור האבן זיך אין טאלנע אנגעהויבן מיט א פאר טעג פריער, אין דעם טאג ווען מען זאגט ביי סליחות ״שלש עשרה מדות״.

אין טאלנע האט מען זיך נוהג געווען צו געהן יעדן טאג פון די עשרת ימי תשובה צו תשליך, דאס האט מען אויך געטאהן אין טאג ווען מען האט געזאגט ״שלש עשרה מדות״. פאר פיהל חסידים איז יענער טאג אויך געווען א תענית, אלנפאלס האט מען געפאסט ביז נאך ״גיסן ליכט״ אויף יום כפור.

ביי די טאלנער חסידים, ווי ביי פיהל אנדערע חסידים, פלעגט מען יענעם טאג גיסן וואקסענע ליכט, אנצוצינדן אין בית מדרש אויף יום כפור.

די עובדה פון גיסן ליכט איז געווען אינגאנצן א ווייבערשע, עס איז געווען זייער מצוה, אבער אויך די מענער פלעגן זיך ארום דעם מתעסק זיין, אכטונג געבן, אז אלץ זאל צוגעהן כשורה.

גיסן ליכט פלעגט מען צוויי ערליי — פאר די לעבעדיגע און פאר די נפטרים, וויפל טויטע א פאמיליע האט געהאט, אזוי פיהל קנייטלאך פלעגט מען האבן אין ליכט, דאס אייגענע, להבדיל בין החיים ובין המתים, איז געווען מיט די ליכט פאר די לעבעדיגע, וויפל לעבעדיגע נפשות עס זענען געווען אין דער פאמיליע, אזוי פיהל פעדים האט ענטהאלטן דער קנויט.

אין טאלנער הויף איז די עבודה פון ליכט גיסן געווען פאר דער רעבצין, ר׳ דוד׳ל אליין פלעגט זיך מיט דעם נישט מתעסק זיין, ווי דאס האבן געטאהן אנדערע רביים, ווי צום ביישפיל דער בעלזער רבי, וועלכער פלעגט דערביי זאגן א ספעציעלע תפילה און אויסרעכענען די נעמען פון די נפטרים פאר יעדן, פון וועלכן א בעזונדער פאדים פלעגט זיין אין קנויט.

ווען מען איז פארטיג געווארן מיט די ליכט האט מען שוין געפיהלט די הייליגקייט פון דעם אנקומענדיגן יום כפור.

☆

ערב יום כפור איז טאלנע געווארן פוהל מיט חסידים און אין הויף האט געשוועבלט און געגריבלט, אין די גרויסע קיכן האט מען געהאלטן אין צוגרייטן דעם בייטאגעדיגן מאלצייט און ארום דעם רבינ׳ס הויף האבן הונדערטער חסידים זיך פערזאמלט פאר לעקאך.

ר׳ דוד׳ל האט זיך געפיהרט יעדן ערב יום כפור אינדערפריה אויסצוטיילן שטיקלאך לעקאך, ספעציעלע לעקאכלאך פלעגן געבאקן ווערן פאר דעם צוועק, גאנצע קערב פלעגן אנגעלעגט ווערן מיט די ערב יום כפור׳דיגע לעקאכלאך, און די חסידים פלעגן קומען אין די הונדערטער בעטן ביים רבי׳ן שטיקלאך לעקאך.

מיר זאגן ״בעטן״, ווייל דער עיקר איז טאקע דא געווען דאס בעטן,

ווארום חסידים האבן געהאלטן דאס בעטן פאר א גרויסע סגולה — א סגולה פאר פרנסה. מיטן "בעטן לעקאך" האט מען געזאלט אפקומען דעם עונש, אויב אזא עונש איז רח"ל בעשערט געווען, אז מען זאל אויפן נייעם יאהר נישט דארפן אנקומען צו קיין מענטשן. עס האט געהייסן אז דאס איז דאס איינציגע מאל וואס מען בעט, און דעם רבינ'ס צו וואנטש דערביי איז געווען די גרעסטע פערזיכערונג, אז מען וועט מעהר נישט דארפן בעטן, אז מען וועט דעם נייעם יאהר זיין געזיכערט מיט פרנסה.

בעטן לעקאך פלעגן אפילו געהן דעם רבינ'ס קינדער און אייניקלאך, דערביי האט מען נאטירליך, שטארק נאכגעקוקט וואס פאר א מינע דער רבי מאכט ביים געבן דעם לעקאך, אין יעדער בעוועגונג זיינער האט מען געזעהן א אנדער רמז.

די סעודה בייטאג איז געפראוועט געווארן אין גרויסן זאל, דער רבי האט געפיהרט דעם טיש ווי געוויינליך, אבער די שטימונג איז דעמאלס אפשר געווען נאר א מעהר געהויבענע, א מעהר פייערליכע ווי א גאנץ יאהר.

☆

יום כפור ווי א גאנץ יאהר, האט ר' דוד'ל געדאוונט אין זיין בעזונדערן חדר, וואס איז געווען צוגעבויט צום דרום וואנט פון בית מדרש — צום דרום זייט דערפאר, ווייל פון דרום קומט די חכמה, ווי די גמרא זאגט: "הרוצה להחכים ידרים", דער וואס וויל זיך ערווערבן מיט חכמה זאל ריכטן צום דרום, פונקט ווי דער וואס וויל עשירות דארף זיך ריכטן צו צפון. — אין יענעם צימער האט זיך געפונען ר' דוד'לס בעריהמטע זילבערנע שטול, אויף וועלכער דער צדיק איז געזעסן.

מיטגעדאוונט האט ר' דוד'ל מיטן חזן ביים עמוד, די טהיר פון רבינ'ס חדר איז געווען האלב פערמאכט, חסידים אין בית מדרש האבן דעם רבין נישט געזעהן, זיי האבן אבער געפיהלט זיין אנוועזנהייט און זענען דערפאר געווען דורכגענומען מיט גרויס יראת הכבוד, עפעס א קלייניקייט, מיטצודאווענען מיטן צדיק הדור!

געצייגט האט זיך דער רבי יום כפור פארן עולם בלויז צוויי מאל — צו כל נדרי און צו קריאת התורה.

צו כל נדרי פלעגט ער ארויסקומען פון זיין חדר, און חסידים האבן געזאגט, אז מען האט דעמאלס בפועל ממש געקענט זעהן, ווי די שכינה רוהט אויף זיין פנים, ער פלעגט זיך מיט א ספר תורה אין די ארעמס ארומדרייען ארום דער בימה און געזאגט: "אור זרוע לצדיק" מיט א טאן וואס האט אלעמען שטארק געריהרט.

חסידים האבן דעמאלס געפיהלט גרויס פחד, דער גרויסער בית המדרש איז געווען געפאקט מיט מענטשן, מען איז ממש געשטאנען אויף די קעפ. די בליץ לאמפן האבן פערבלענדט די אויגן, און די גרויסע צאל ליכט — פאר טויטע און לעבעדיגע — האבן געהיימניספוהל געפינקלט, ווי עס וואלטן ארום זיי געפלאטערט די נשמות, פאר וועלכע זיי האבן געלויכטן, דער עולם אנגעטאהן אין ווייסע קיטלען און איבערגעדעקט מיט טליתים, האט אויסגעזעהן ווי א מחנה מלאכים.

דאס צווייטע מאל וואס דער רבי האט זיך געצייגט, איז געווען צו קריאת התורה, ווען ער פלעגט קריגן א עליה — ששי, ששי איז געווען זיין שטענדיגע עליה שבת און יום כפור, און חמישי — ימים טובים.

☆

איינמאל א יום כפור, ווען ר' דוד'ל איז אויפגערופן געווארן צו ששי, ווי געוויינלאך, און איז ארויף אויף דער בימה צו דער תורה, איז איהם מיט אמאל שלעכט געווארן און ער איז ארונטער נישט מאכנדיג די ברכה.

האבן חסידים געמיינט, אז דאס איז עפעס א צופאל, אודאי שלעכט געווארן פון תענית, האט אבער ר' דוד'ל אנגעזאגט, אז מען זאל מהיום והלאה מעהר יום כפור איהם נישט אויפרופן, נישט צו ששי און נישט צו קיין אנדער עליה.

האט זיך דער עולם געוואונדערט, אודאי האט עס געהאט א ספעציעלע בעדייטונג, און אודאי האט עס געצייגט, אז דאס וואס איז איהם שלעכט געווארן איז נישט געווען קיין צופעליגע זאך. האט מען זיך

געבראכן ד קעפ, געזוכט דערקלערונגען, אבער געה ווייס די סודות פון צדיקים, ווען זיי אליין זאגן וועגן דעם קיין ווארט נישט.

אבער אויסער דעם סוד וואס חסידים האבן שטארק געוואלט וויסן, האבן זיי איצט אויך געהאט גרויס עגמת נפש און קאפ דרייעניש, וואס טהוט מען מיט דעם רבינס עליה, מיטן ששי? ווער? ווער רופט מען אויף ר׳ דוד׳לס פלאץ?

עס איז דאך עפעס נישט קיין קלייניגקייט! מען האט די עליה נישט געקענט אוועקגעבן אבי וועמען, אגב, האט גאר אבי ווער די עליה נישט געוואלט נעהמען, מען האט פשוט מורא געהאט, וויבאלד דער צדיק אליין האט זיך אפגעזאגט פון דער עליה.

האט זיך אבער געפונען א געוויסער חסיד, ר׳ פנחס נימינסקי, איינער פון די בכבוד׳יגסטע חסידים, וואס איז געווען ראוי די עליה צו נעהמען און ער האט עס אויך געוואגט. ר׳ פנחס אליין איז געווען א גרויסער צדיק, אויף זיינע עלטערע יאהרן איז ער אוועקגעפאהרן קיין ארץ ישראל, וואו ער האט אויסגעלעבט זיינע יאהרן.

האט דער דאזיגער ר׳ פנחס געקראגן די חזקה אויפגערופן צו ווערן יום כפור צו ששי אויף ר׳ דוד׳לס פלאץ. פערשטעהט זיך, אז חסידים האבן געפיהלט אז עפעס וועט זיך נאך מיט דער עליה נישט גלאט ענדיגן.

☆

דערווייל איז אין טאלנע פערלאפן א אנדער געשיכטע, וואס האט ביים חסידישן עולם ארויסגערופן גרויס פערוואונדערונג.

עס איז צו ר׳ דוד׳לען געבראכט געווארן א יונגערמאן, וואס האט געליטן אויף א שטיקל שגעון, ער האט מורא בעקומען פאר עפעס א געוויסער זאך, אזוי איז ער געווען, דוכט זיך, נארמאל — א מענטש ווי אלע מענטשן, ער האט גערעדט ווי אלע, געגעסן און געשלאפן ווי אלע און האט זיך אין קיין זאך נישט אונטערשיידט פון אלע אנדערע, אבער די שרעק פאר דער געוויסער זאך האט איהם נישט אפגעלאזט. עס האבן

נישט געהאלפן קיין רייד און קיין פערזיכערונגען, אז עס איז גאר נישטא פארוואס זיך צו שרעקן.

צו ר׳ דוד׳לען פלעגן געבראכט ווערן א סאך אזוינע און אנדערע סארטן קראנקע, און זיי פלעגן שטענדיג צוריק פאהרן געזונטע, אויך דאס מאל האט ר׳ דוד׳ל דעם יונגערמאן געגעבן א רפואה שלימה.

אבער ווען דער יונגערמאן איז צום ערשטן מאל געבראכט געווארן צו ר׳ דוד׳לען און ער האט אליין אנגעהויבן צו דערצעהלן וואס איהם פעלט, ווי אזוי ער שרעקט זיך פאר א געוויסער זאך, האט ר׳ דוד׳ל צו איהם א זאג געטאהן מיט די ווערטער:

— און וואס זשע איז אז מען שרעקט זיך יא? אט א שטייגער שרעק איך זיך אליין פארן אחרי מות, נו, איז וואס?

האבן חסידים אויפגעכאפט דאס, וואס ר׳ דוד׳ל האט געזאגט, און עס איז געווארן א גרויסער פלא, וואס אזוינס האט דער צדיק געמיינט מיט דעם? וואס הייסט עס דען, אז ער שרעקט זיך פארן ״אחרי מות״?

האבן א סאך אנגענומען, אז דאס איז זיך געווען סתם א ווערטל, און אז דער רבי, וועלכער האט שטענדיג ליב געהאט צו זאגן א ווערטל, האט דא פשוט געמיינט צו זאגן, אז ער שרעקט זיך פארן טויט, ווי אלע מענטשן שרעקן זיך פארן טויט, הייסט עס אז דער יונגערמאן האט אויך נישט וואס זיך צו נעמען צום הארצן איבער דעם וואס ער שרעקט זיך פאר עפעס, ווארום פאר עפעס זיך שרעקן מוז יעדער מענטש.

מילא, אז עס איז נישט געווען קיין בעסערע דערקלעהרונג, איז אזא פירוש אויף דעם רבי׳נס ווערטער אויך גוט געווען, אבער די פקחים פון טאלנער הויף, האבן זיך קיינמאל נישט צופרידן געשטעלט מיט דער דאזיגער ערקלערונג, און געווארט אויף דער געלעגנהייט ווען זיי וועלן הערן א דערקלעהרונג, וואס זאל זיך בעסער לייגן אויפן שכל.

☆

עס איז געווען ר׳ דוד׳לס לעצטער יאהר פון זיין לעבן, ער איז שוין

געוועזן אלט און שוואך. ער האט ווי שטענדיג געדאוונט אין זיין חדר מיוחד, אין דעם "קדש הקדשים" — ווי חסידים האבן גערופן דעם דאזיגן צימער, און געקוקט אויפן רבין, וואס דאוונט דארט, ווי אמאל אידן אויפן כהן גדול.

עס איז געקומען צו קריאת התורה, און דער גבאי האט, ווי פאר פיהל יאהרן פריער, געוואלט אויפרופן צו ששי ר׳ פנחס׳ן, ר׳ פנחס איז גראדע געשטאנען אויף דער בימה, מיט אמאל דערהערט דער עולם ווי די טהיר פון רבינס צימער גיט א סקריפ, עס עפענט זיך אויף אינגאנצן און ר׳ דוד׳ל קומט אריין, איינגעוויקלט אין טלית און געהט מיט לאנגזאמע טריט גלייך צו דער בימה.

א מאדנע אימה איז געפאלן אויפן עולם. וואס בעדייט עס? ווי קומט איצט דער רבי ווען מען האט איהם נישט אויפגערופן? און וואס וויל ער טאהן?

ר׳ פנחס איז געבליבן שטעהן ווארטנדיג מיט א פערכאפטן אטעהם, דער בעל קורא איז געשטאנען מיט ברייט צועפנטע אויגן, פערוואונדערט, און ר׳ דוד׳ל געהט מיט לאנגזאמע טריט צו דער ב׳מה, ער שטייגט ארויף די טרעפלאך און געהט גלייך צו דער בימה, ער קוקט זיך אויף קיינעם נישט אום, ער זעהט קיינעם און הערט קיינעם נישט, דער צדיק קומט צו צו דער ספר תורה און מיט א פערדבקהט קול מאכט ער די ברכה...

עפעס קלינגט זיין שטים אזוי שמערצליך, עפעס פיהלט זיך אין איהר א געוויין — א געוויין אויסגעמישט מיט א דאנק און לויב פארן בורא כל העולמים.

אפזאגנדיג די ברכה, האט דער בעל קורא געלייענט די פרשה און ר׳ דוד׳ל האט געמאכט די צווייטע ברכה. ר׳ דוד׳ל, ווי עס וואלט גארנישט פאסירט, איז צוריק ארונטער פון דער בימה און מיט די זעלבע לאנגזאמע טריט ווי פריער, איז ער צוריק אריין אין זיין חדר מיוחד.

די געשעעניש האט אויף דעם עולם אנגעיאגט גרויס שרעק, בלי ספק האט עס א גאנץ בעזונדערע בעדייטונג, נישט אומזיסט האט דער רבי זיך

פון לאנג צוריק געהאט אפגעזאגט פון דער עליה, און נישט אומזיסט האט ער איצט פלוצלונג זיין עליה צוריק גענומען.

מיינט עס חלילה, אז דאס איז זיין לעצטע עליה? מיינט עס, אז דער צדיק האט שוין פון לאנג צוריק געוואוסט, אז דער יום כפור׳דיגער ששי וועט זיין זיין לעצטע עליה און ער האט דעריבער מדחה געווען דעם סוף אויף אזוי לאנג ווי עס האט זיך נאר געלאזט?

דער געדאנק אז דאס איז ר׳ דודל׳ס לעצטער יאהר, האט די חסידים אריין געטריבן אין גרויס עצבות און מען האט יענעם יום כפור פערגאסן פיהל טרערן, און פון דאן אן און ווייטער געשראקן זיך פאר יעדן טאג, מורא האבנדיג, אז דאס וועט שוין זיין דער לעצטער פון ר׳ דוד׳לס לעבן.

און דער עולם האט קיין טעות נישט געמאכט, יענע עליה איז טאקע געווען די לעצטע יום כפור׳דיגע עליה פאר ר׳ דוד׳לען, ער איז יענעם יאהר נסתלק געווארן, און נסתלק געווארן איז ער דעם שבת צונאכטס, ווען מען האט געלייענט די סדרה ״אחרי מות״.

פאר די חסידים איז ערשט דעמאלס אויפגעקלערט געווארן דער גאנצער סוד פון דער עליה און אויך פון דעם רבינס ווערטל, וואס ער האט געזאגט צום יונגן מאן, אז אויך ער שרעקט זיך פאר עפעס, פארן ״אחרי מות״.

ר׳ דוד׳ל האט לאנג און פאראויס געוואוסט, אז ״אחרי מות״ וועט זיין אויך זיין סוף — דער טאג פון זיין פטירה. זכותו יגן עלינו!

אין ווייסן

יוכ״פ געהט מען אין ווייסן, אין דער וועלט מיט א קיטל, אין ארץ ישראל מיט א ווייסן קאפטן.

דער ענין איז, ווייל די מלאכי השרת זענען אויך ווייס, און דעם טאג איז מען בלויז רוחניות ווי די מלאכים, נישט עסן נישט טרינקען און מ׳דאוונט א גאנצן טאג.

ווידער דערמאנט עס דער יום המיתה און די הארץ ווערט צובראכן.

די לבנה האט זיך באוויזן

יום כיפור נאך מנחה, ביים דעם ראפשיצער צדיק אין שוהל.

אויסגעמאטערט פון דעם שווערן תענית, אבער שטארק אין גייסט, גרייט זיך דער גרויסער עולם מתפללים צו דער הייליגער נעילה דאוונען, וואס מען וועט באלד אנהויבן. מען ווייס אז אט באלד וועט מען אנהויבן דארטן אויבן צו חתמ׳נען און דאס הארץ איז אומרוהיג. א קלייניגקייט! אין דער דאזיגער פארכטיגער צייט ווערט דאך געזיגלט און געחתמ׳עט דער שיקזאל פון יעדן איינעם אין משך פון א גאנץ יאהר.

מען ווייס אבער אויך אז אין דער דאזיגער שעה קען נאך געענדערט ווערן דאס וואס מען האט ראש השנה אנגעשריבן, אויב חלילה עס איז אנגעשריבן געווארן צום שלעכטן, און די שערי רחמים, ווייס מען, זענען אפן, קען מען נאך אויספועלן א חתימה טובה, האט מען האפנונג, בפרט נאך ווען מען איז זיכער און מען פארלאזט זיך, דאס ער, דער הייליגער צדיק, וועט זיך משתדל זיין און מרעיש עולמות זיין מיט זיינע תפלות, און וועט נישט דערלאזן מען זאל אנשרייבן חס ושלום שלעכטס אויף אידן.

איז דאס הארץ טרויעריג, אבער מען איז אויך פוהל מיט בטחון.

און דער צדיק אליין, אנגעטאהן אין דעם שניי־ווייסן קיטל, דער טלית אריבערגעצויגן איבערן קאפ, שטעהט אויף זיין קביעות׳דיגן ארט און גיט זיך נישט אפילו קיין ריהר, האט ער יעצט עלית נשמה? מאכט ער יעצט א בעזוך אין די העכערע וועלטן אויסצוגעפינען וואס דארטן טהוט זיך? ווער קען עס דען וויסן און ווער קען דערויף ענטפערן? חסידים זענען אבער זיכער, אז דער צדיק שוועבט יעצט אין די עולמות העליונים. עס איז דאך ביי זיי א קלארע זאך, אז יום כפור צווישן מנחה און נעילה האט דער צדיק שטענדיג א עלית נשמה, כדי, אויב עס איז נויטיג, אפצורופן א

שלעכטע גזירה, וועלכן מען גרייט צו אויף אידן. ווי אזוי קען דען אנדערש זיין? ער, דער גרויסער צדיק, דער גרויסער אוהב ישראל, וועלכער לעבט פאר זיך כמעט ווי גארנישט, נאר פאר דעם כלל ישראל, וועט דאך נישט דערלאזן מען זאל אידן חלילה דן זיין צום שלעכטן.

א ווײַלע נאך א ווײַלע פארגעהט, אין שוהל הערשט א הייליגע שטילקייט, די לעצטע שטראלן פון די זון וואס שיינען נאך אריין דורך די פענסטער, ווארפן אפ פון זיך די שווערע, ברייטע שאטנס, וועלכע ציהען זיך אויס איבערן שוהל און מישן זיך אויס מיט די שאטנס פון די צאנקענדיגע נשמה־ליכט, וואס ברענען שוין א גאנצן מעת לעת. זיי רופן ארויס א מאדנעם איינדרוק ווי עס וואלטן געווען די שאטנס פון פערגאנגענע דורות, וועלכע זענען איצט געקומען אין שוהל אין דעם הייליגסטן מאמענט, זיך צו פעראייניגן מיט די לעבעדיגע און זיי העלפן אויסבעטן א גוט יאהר. אלעמענס געמיטער זענען אנגעשטרענגט, אומרוהיג, א ציטער לויפט דורך איבערן קערפער און נישט איין אויג לאזט פון זיך טרערן.

אבער אט האט דער צדיק גענומען אראפציהען פון קאפ דעם טלית, א צייכן, אז ער איז שוין גרייט אנצוהויבן דאווענען די תפילת נעילה.

און באלד טאקע האט זיך אין שוהל גענומען טראגן די קלאנגען פון נעילה קדיש, אט דער ניגון, דער בעוואוסטער און אנגענומענער פון דורות לאנג, וואס רופט ארויס ביי יעדערן א הייליגן פארכט און הייליגע געפיהלן, דער חזן זאגט און דער עולם העלפט מיט, די שוהל ווערט אנגעפיהלט מיט א ציטערדיגע געזאנג.

עס נעהמט נישט לאנג און דער עולם שטעלט זיך דאווענען שמונה עשרה, א שטילער כליפען טראגט זיך דורך אין שוהל. פון דא און דארט הערט זיך א שטילער געוויין און קרעכצען וועלכע געהען ארויס פון טיפעניש פון הארצן, די שיין ווערט אלץ טונקעלער און טונקעלער, און די שאטנס ווערן אלס געדיכטער און געדיכטער.

מען האט נאך נישט אויספיעט צו ענדיגן דאווענען די שמונה עשרה,

און דער הימל האט זיך פלוצלונג געגומען בעדעקן מיט שווערע געדיכטע וואלקענעס, א שרעקליכער ווינט האט אנגעהויבן בלאזן, און אין עטליכע מינוטן שפעטער האט גענומען גיסן א שטארקער רעגן, עס האט געגאסן גאנצע בלעכן, ממש א מבול.

און וואס א ווילע שפעטער, ווערט דער ווינט שטארקער, דער רעגן גרעסער, און די פינסטערניש געדיכטער, עס ווארפט אן א שרעק אויף דעם עולם דאוונער, ווייל עס האט נאך קיינמאל נישט געטראפן דאס יום כפור צו נעילה זאל אין יענע ערטער אויסברעכן אזא שטורעם. פארקעהרט, ביי חסידים איז געווען בעוואוסט, אז אין ראפשיץ צו נעילה ווייזן זיך די לבנה און די שטערן פוהל מיט רחמים, פוהל מיט ליבשאפט, אזוי ווי זיי וואלטן געקומען אנזאגן פון א געזונטן, גליקליכן יאהר.

נעהמט מען אן דעם שטורעם פאר, חלילה, נישט קיין גוטן אנזאג, פאר א סימן, אז מען דארף האבן גרויס רחמים, דאוונט מען געשמאקער מיט מעהר התלהבות, מיט מעהר ברען, מיט מעהר חרטה אין הארצן, זאגט מען די תפילות מיט מעהר טרערן, מיט מעהר דבקות.

און דער צדיק אליין שטייט אין זיין ווינקל ביים ארון קודש, דעם טלית אריבערגעצויגן איבערן קאפ, מען כאפט אויף איהם א קוק, עס ווילט זיך וויסן, וואס קען ער יעצט טראכטן, ווי אזוי נעמט ער אויף דעם מאדנעם ענדערונג וואס איז יעצט געשעהן, אבער ווער קען עס פרעגן, ווער וועט זיך דאס אונטערשטעלן שטערן דעם צדיק אין דער הייליגסטער מאמענט פון יאהר.

אזוי האט מען אפגעדאוונט נעילה, געבלאזן שופר און דער שטורעם אין ראפשיץ איז נאך אלץ נישט קלענער געווארן.

דער מנהג איז געווען אין ראפשיץ, אז איידער מען שטעלט זיך דאווענען מעריב, נאך נעילה, זינגט מען חסידישע פרייליכע ניגונים, מען איז זיכער דאס מען האט אויסגעבעטן א גוט יאהר. זינגט זיך פריילאך, לעבעדיג, מען זינגט ניגונים פוהל מיט שמחה און אהבה צום פאטער אין הימל, ניגונים וואס דריקן אויס א דאנק צום רבונו של עולם פאר די גוטס

וואס ער טהוט צו זיין פאלק ישראל, די ניגונים פערציהט איינער פון די געהויבענע חסידים און דער גאנצער עולם זינגט מיט, און וואס ווייטער מען זינגט, אלץ שטארקער הילכט דער ניגון, אלץ מעהר התלהבות ווייזט דער עולם.

וואס איז עפעס היינטיגס יאהר אנדערש? הויבט מען טאקע באלד אן צו זינגען א ניגון, אבער מען פיהלט נישט ווי צו זינגען, עס האט אויסגעזעהן ווי דער שטורם וואלט חס ושלום אריינגעברענגט א מין עצבות און אומעט אין די הערצער פון עולם דאוונער, מען זינגט טאקע, אבער דער ניגון קומט ארויס ווי געבראכן, וואלט כאטש דער צדיק מיט א וואונק אנגעוויזן מען זאל זינגען העכער, שטארקער, וואלטן אפשר די חסידישע הערצער אויפגעלעבט, שטעהט אבער דער צדיק נאך אלץ אויף זיין ארט און נעמט נישט ארונטער דעם טלית פון קאפ.

ערשט ווען מען האט אפגעדאוונט מעריב און דער עולם איז געשטאנען מיט אנגעצונדענע ליכטעלעך אין די הענד, גרייט צו געהן אהיים, האט דער צדיק בעפוילן מען זאל הייסן דעם עולם אביסלווארטן.

— מיר זענען זיך שטענדיג נוהג, — האט דער הייליגער ראפשיצער צדיק אין דער הויך אויסגערופן — גלייך נאך מעריב ארויסגעהענדיג פון שוהל צו מחדש זיין די לבנה, דארף מען אט דעם מנהג נישט משנה זיין.

דער עולם האט זיך געשטעלט ווארטן, אבער דער שטורעם און שלאגס רעגן האט נישט נאכגעלאזט, נאר פערקערט, ער איז געווארן שטארקער פון פריהער. עס גיסט פון הימל צו עמער ווייז, און די וואלקענעס זענען נאך מעהר געדיכטער פון פריהער.

עס זענען שוין אריבער עטליכע מינוטן, און עס זעהט נישט אויס עס זאל זיין עפעס א ענדערונג.

פלוצלונג האט דער צדיק אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האט אויסגערופן:

— רבונו של עולם! דיינע קינדער האבן א גאנצן מעת לעת געפאסט,

און יעצט ווען זיי דארפן געהן אהיים עפעס טועם זיין, ווילסטו זיי זאלן זיין שרויים בצער! און וואס איז זייער צער? הא? זיי ווילן מחדש זיין די לבנה? נו, זאג איך דיין קנעכט אז איך וועל זיי נישט לאזן געהן אהיים אויב די לבנה וועט זיך נישט בעוויזן, אויב דיר איז רעכט דאס זיי, דיינע געטרייע קינדער, זאלן נאך ווייטער פאסטן, איז אונז אויך ניחא.

גלייך ווי דער צדיק האט ארויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, האבן זיך די וואלקענעס אין גיכן געלאזט אנטלויפן פון הימל, און באלד האט זיך אויפן הימל בעוויזן די לבנה, עס האט אפשר געדויערט נישט מעהר ווי איין סעקונדע, און אט לייכט די לבנה, העל, ליבליך און שיינענדיג, עס האבן זיך גלייך גענומען ווייזן בלישטענדיגע שטערנדלאך, און אז דער עולם איז מיט די אנגעצונדענע ליכטעלאך אין די הענט ארויס פון שוהל, איז קיין שום צייכן פון רעגן כמעט נישט געבליבן, אויך די ערד האט מיטגעהאלפן צו פערשלינגען און איינזאפן אין זיך די וואסער וואס איז אראפ מיטן רעגן.

דער עולם האט גלייך אנגעהויבן מחדש זיין די לבנה, מיט התלהבות און מיט פרייד, מיט דאנק צום גרויסן ג־ט וואס ער האט זיי נישט פערשטערט דעם מנהג ווי אלע יאהר, און זיי האבן געזעהן אין דעם א צייכן אז דער אויבערשטער האט מקבל געווען זייערע תפלות, און האפנדיג אויף א גוט יאהר זענען אלע פריילך אהיים אפפאסטן דעם תענית.

און תורה

דער גאון רבי חיים וואלאזשינער זצ״ל האט זיך געפירט צו זיצן אין בית מדרש מוצאי יום כיפור א גאנצע נאכט און לערנען תורה.

ער פלעגט זאגן: די ישיבה בחורים זענען א ודאי פארמאטערט פונ׳ם תענית, וועט דאך חלילה בלייבן די ישיבה א צייט אן תורה!

א מעקלער

מוצאי־יום־כפור האט איינמאל רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער געשיקט רופן צו זיך דעם גרעסטן מעקלער פון שטאדט.

— ביזט עפעס בעהאוונט — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — אין ענין פון מעקלעריי?

— געוויס, רבי — ענטפערט דער סוחר — דורך מיין האנד זענען שוין די גרעסטע עסקים דורכגעגאנגען.

— נו, איז אויב אזוי — זאגט רבי לוי־יצחק — וואלט איך וועלן, דו זאלסט מיר זאגן, וואס פאר א מעקלעריי איך האב דאס רעכט צו פערלאנגען פון אזא מין געשעפט... איך האב היינט, פערשטעהסטו, דורכגעפיהרט גאר א גרויסן עסק צווישן כביכול מיט די אידן, געמאכט א טויש־געשעפט: איך האב געטוישט "עונות, חטאים ופשעים" אויף "מחילה, סליחה וכפרה"... איז, ווי מיינסטו, קומט מיר מעקלעריי?

— איך מיין, רבי — שטאמלט דער מעקלער — אז... געוויס קומט אייך.

— פאר מיין מעקלעריי — זאגט ווייטער רבי לוי־יצחק — פארלאנג איך "בני, חיי ומזוני"... האט איך רעכט?

— געוויס, רבי! — איז דער מעקלער מסכים.

— נו, און איצט — רופט אויס רבי לוי־יצחק, ווענדענדיג זיך צום עולם, מיט שמחה — גיב איך אוועק מיין מעקלעריי א מתנה גמורה דעם כלל ישראל!...

א זכר צו יובל

עס איז א מנהג צו בלאזן מיט א שופר אלע יאהר מוצאי יום הכפורים — עס קען זיין, אז דער טעם איז, עס זאל זיין א זכר צו יובל, ביי וועלכע עס שטעהט אין פסוק "ביום הכפורים תעבירו שופר בכל ארצכם", מען זאל דאן בלאזן מיט א שופר, און ווייל מיר ווייסן נישט קלאהר דעם חשבון ווען עס פאהלט אויס יובל, האט מען מתקן געווען צו בלאזן מיטן שופר אלע יאהר מוצאי יום כפור, אלס א זכר צו יובל.

(אבודרהם בשם רב האי גאון)

ביז היינט זיינען ערשיינען אויף אידיש פון מחבר די פאלגענדע ספרים:

1־46. **די תורה ליכט.** תשל״ג — תשל״ז. 46 העפטן. יעדע העפט ענטהאלט 96 זייטן מיט א פיהל פארביגן אינהאלט.

47. **מאמענטן פון פארצווייפלונג** — ערצעהלונג. תשל״ו. 128 זייטן.

48. **פונקען פון פייער** — ערצעהלונג. תשל״ו 120 זייטן.

49. **מוטער און טאכטער** — ערצעהלונג. תשל״ז 120 זייטן.

50. **איבער וועגן און ימ׳ען** — ערצעהלונג. תשל״ז 120 זייטן.

51־2. **דער פייערדיגער זייל.** דאס לעבן און שאפן פון גאון און קדוש רבי משה יהושע ליב דיסקין זצ״ל, בריסקער רב. צוויי טיילן. תשל״ז. 584 זייטן.

53־4. **רבי מאיר׳ל פרימישלאנער.** דאס לעבן און ווירקן פון צדיק. צוויי טיילן. תשל״ז — תשל״ח. 544 זייטן.

55. **די גאלדענע מטבע** — ערצעהלונג. תשל״ח. 120 זייטן.

56. **עהרליכקייט און תמימות** — ערצעהלונג. תשל״ח. 120 זייטן.

57־60. **יוגנד יאהרן פון גדולי ישראל.** תשל״ט. פיהר טיילן. יעדער טייל ענטהאלט 48 זייטן מיט פיהל אינטרעסאנטע בילדער.

61. **יום טוב ערצעהלונגען** — סוכות. תש״מ. 320 זייטן.

62. **יום טוב ערצעהלונגען** — חנוכה. תש״מ. 320 זייטן.

63. **יום טוב ערצעהלונגען** — פורים. תש״מ. 320 זייטן.

64. **יום טוב ערצעהלונגען** — פסח. תש״מ. 320 זייטן.

65־6. **פארגאנגענע וועלטן.** קאפיטלען פון דעם לעבן און שאפן פון מרן יואל טייטלבוים זצ״ל. סאטמאר רבי. תש״מ. צוויי טיילן. 608 זייטן מיט פיהל בילדער.

67. **מסע הבד״צ.** די רייזע פון דעם בית דין הגדול שבירושלים קיין אמעריקע אין זומער תשל״ח צו גרינדן דעם ״קרן הצלה״. תש״מ. 320 זייטן מיט פיהל בילדער.

68־95. **ערצעהלונגען פון צדיקים.** 28 העפטן, יעדע העפט ענטהאלט 16 זייטן מיט נקודות און קאלירטע בילדער פאר יונגע קינדער. תש״מ — תשמ״א.

96. **המאורות הגדולים** — די גרויסע בעלייכטער פון פאלק. דאס לעבן און שאפן פון רש״י. מיט נקודות. תשמ״א. 208 זייטן.

97. **יום טוב ערצעהלונגען** — שבועות. תשמ״א. 288 זייטן.

98. **יום טוב ערצעהלונגען** — ראש השנה. תשמ״א 320 זייטן.

99. **יום טוב ערצעהלונגען** — יום כפור. תשמ״א 320 זייטן.